STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05871

# GEZAMLTE VERK

Joseph Opatoshu

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאַמלטע ווערק

פון

# י. אָפּאַטאָשו

VIII

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

י. אָפּאַטאָשו

# אַרום די חורבות

דריטע אויפלאגע

ווילנע — 1929

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Copyright by Joseph Opatovsky New-York 1925
J. Opatoszu — „Arum di churwes“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

# אַרום די חורבות

# די מלאַווער עדה

„... פון מלאווע, ליב קינד, איז קיין זכר געבליבן.
... אויפן וועג איז ביי שרהן די מעל שענקערין אַ קינד פון מאָזלען געשטאָרבן".

(מיין מאַמעס בריף).

די שאָסייען, די וועגן האָט מען ניט געקאָנט דורכגיין, געווען פאַרנומען מיט רוסיש מיליטער, — האָט זיך די מלאַווער עדה געשלעפּט נאָך וואַרשע מיטן גאַנצן האָב און גאָב אויף די פּלייצעס איבער פעלדער, איבער וועלדער.

פון פאָרנט האָט געשפּרייזט משה שמש, אַ הויכער, שווערער ייד, פעסט געהאַלטן אין די אָרעמס אַ ספר־תורה, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט, מען זאָל זי אים ניט אַרויסכאַפּן, אָנגעשפּאַרט די גאָמבע אָן די עץ־חיימס און זיין לאַנגע, צעכמאַליעטע באָרד האָט זיך געשוואָנקען אונטערן רעגן.

הונגעריק, דורכגעווייקט פון די האַרבסט-רעגנס, וואָס האָבן, ווי אויף צו להכעיס, שוין אָנגעהאַלטן איבער אַ וואָך — האָט געבלאָנדזשעט די מלאַווער עדה ווי אַ סטאַדע שעפּסן, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, ניט געפילט, ווי די אָפּגעהאַקטע זאַנגען, די סאָסנאָווע נאָדלען קריכן דורך די צעווייקטע, האַלב-צעריסענע פּאָדעשוועס, שטעכן ביז צום בלוט און נאָר געחלומט, וואו צו געפינען אַ טרוקן, וואַרם פּלאַץ און זיך צו-צושפּאַרן.

און פון הינטן איז נאָכגעגאַנגען הערמאַן, דער שבת-גוי, אַ געזונ־טער דייטש, וועמעס זיידע האָט זיך נאָך געשפּייזט פון יידישע חלות און געפירט אויף אַ שטריקל אַ הונגעריקע, מעלקנדע ציג, די איינציקע בהמה, וואָס איז פאַרבליבן ביי דער גאַנצער עדה.

און אַז אַ קינד איז פון מידקייט געפאַלן איבער די פיסלעך און די שוואַכע מאַמע האָט עס ניט געקאָנט אויפהייבן, האָט הערמאַן געכאַפּט דאָס קינד, ווי אַ פּאַסטוך כאַפּט אַ מיד שעפּעלע, עס אָנגע־

טרונקען מיט אַביסל ציגן-מילך, געשפּרייזט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און גערעדט צו זיך דורך די פאַרקוועטשטע ציין:

— רוסישער שווין!

האָבן זיך די ווייבער איבערגעקוקט:

— דאָס האָט אין זיך קיין בייז „לב" ניט! בעסער ווי אַ ייד.

און אַז די נאַכט האָט אָנגערוקט און מען האָט אויסגעזוכט אַ פּלאַץ, וואו צו נעכטיקן, האָט די עדה אָנגעהויבן צו גראָבן די פייכטע ערד. טייל האָבן געגראָבן מיט שפּאַדלעס, טייל מיט נעגל, געגראָבן, ווי קראָטן, קברים פאַר די ווייבער און קינדער. די קברים האָבן זיי אויסגעבעט מיט דורכגעווייקטע לאַכעס, מיט געלע וואַלד-בלעטער, און די מענער האָבן זיך צעשאָטן איבער די פעלדער, געזוכט ניט אויסגעגראָבענע קאַרטאָפל. און אַז ביי איינעם זענען די פּיס געשוואָלן געוואָרן פון צופיל גיין, די קישקעס איינגעשרומפּען, און שטייענדי-קערהייט איז אים באַפאַלן אַ שלאָף, האָט ער שטאַרק איינגעקוועטשט די קאַרטאָפל אין זיינע פאַרשטאַרטע פינגער, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פייכטער ערד, זיך איבערגעגעבן די מחנות שוואַרצע קראָען, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער פעלדער, איבער וועלדער און געזען אין חלום אַ טאָפּ פאַריקע קאַרטאָפל. און אַז די טאַטעס האָבן אויסגעפונען, דאָס זייערע זין פעלן, און די זין — אַז זייערע טאַטעס פעלן, האָבן די זין מיט אַ שטיל געוויין זיך אַוועקגעלאָזט מקבר זיין די טאַטעס, און די טאַטעס — די זין. אין די יידן געבויגענע, מיט פאַרקוועטשטע ליפּן, חשכדיקע פּנימער ווי די נאַסע ערד, אַריינגעמאַכטע פּאָלעס אין די דיקע גאַרטלען, האָבן זיך ווייטער געשלעפּט און געבלאָנדזשעט. און אַזוי איז די מלאַווער עדה קלענער געוואָרן פון טאָג צו טאָג.

---

אויפן זיבעטן טאָג האָט דער רעגן אויפגעהערט, אַ קאַלטער ווינד האָט געטרוקנט די פעלדער, זיי באַצויגן מיט אַ האַרטלעכער קאָרע, אָנגעיאָגט איין וואָלקן אויפן צווייטן ווי אַ טרעפּ און זיי פאַרטריבן איבערן וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן אויף דער צווייטער זייט ווייסל.

און די לבנה, אַ פולע, איז געשטאַנען איבערן וואַסער, געוואָרפן ווייכע, קרענקלעכע שטיקער ליכט, געשראָקען. אַרום קליינע פייערלעך איז געזעסן די מלאַווער עדה, עלטערע באַוואַקסענע יידן, געטוליעט

די קינדער ,צווישן די פיס, אויפגעשטעלטע ווי קראָקוועס, געגאַרטלט די האָריקע הענט אַרום די קניען, געבויגענע האָבן זיי זיך געוואַרעמט אָן די קליינע פייערלעך, אָן די קאַלטע לבנה שטראַלן.

טויזענטער ריחות האָבן זיך געטראָגן פון וואַלד, פון דער ווייסל, מיטגעבראַכט מיט זיך עפּעס פאַרגעסענעס, פון דור-דורות — האָט דער האַלב-משוגענער בעריש, דער מלאַוועו פּרוש, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מלבושים, און אַ הויכער, אַ ברייטער, ביז אין דער העלפט אַ נאַקעטער, מיט אַ באַוואָקסענעם קאָפּ ווי אַ לייב, מיט אַ לאַנגער, געדרייטער באָרד ווי פון שטאָל, זיך פאַרקוקט מיט זיינע פייערדיקע אויגן, ווי צעגליטע קוילן, אויף דער לבנה, אויף די שטערן און דערזען, אַז אויך דאָרט צווישן די שטערן בלאָנדזשען אַרום געבויגענע יידן, וואַרעמען זיך אָן די קאַלטע לבנה-שטראַלן — האָט ער ברייטער צעעפנט זיינע גרויסע אויגן, אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ-האָר און זיך צעלאַכט.

האָט זיך די עדה פאַנאַנדערגעטרייסלט, זיך דערמאַנט, וואו זי איז, אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, וואָס אַ משוגענעם קען איינפאַלן, טיף אָפּגעזיפצט, צוריק אַראָפּגעלאָזט די מידע קעפּ און קוים, קוים געוואַרעמט דעם יידישן חלום.

טיף אין פינסטערן וואַלד האָבן גרינע פייערלעך זיך געטיקט, און אַ יונגע מאַמע, נאָך אַליין אַ קינד, האָט געשפּרייזט פון אַ פייערל צו אַ פייערל מיט אַ קראַנק קינד אויף דער האַנט, שטיל און ביטער געוויינט, געבעטן די עלטערע יידן, זיי זאָלן תפלה טאָן, גאָט זאָל זיך דערבאַרמען איבער איר עופהלע.

און דאָס שטילע געוויין, וואָס האָט זיך אַלעמען איינגעגעסן, האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט — האָבן זיך אַלע פון דער שטילקייט אויפגעכאַפּט, זיך אַרומגעקוקט און דערזען, ווי די יונגע מאַמע שטייט אַ בלאַסע, מיט פאַרקוועטשטע ליפּן, גלייך זי וואָלט ניט געהאַלטן דאָס קינד, נאָר אַ שטיק אָנגעגליט אייזן און געציטערט.

הערמאַן, דער שבת-גוי, איז דער ערשטער אויפגעשפּרונגען, צוגעבומען דאָס קינד ביי דער מאַמען. האָט די מאַמע אים אַרומגעכאַפּט מיט אַלע כחות, זיך צעשריען מיט אַן אויסטערליש פרעמד קול, אַז אַלעמען איז אַ שרעק באַפאַלן. זי האָט ברייט צעעפנט די אויגן, געשטשירעט די ציין, פעסטער אַרומגעכאַפּט דעם דייטש און מיט-אַמאָל

זיך צעלאַכט, אַזוי אַז הערמאַן האָט זיך שוין נ׳ט געוועוט און אַליין פון שרעק זיך צעשריען.

און די יידן איז אַן אימה באַפאַלן, האָבן זיי טיפער געבויגן די מידע קעפּ, געביסן פון ווייטאָג די ליפּן.

און די יונגע מאַמע האָט געכאַפּט איר טויט קינד, עס געדריקט צו דער נאַקעטער ברוסט, זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַלע פיר אַנטקעגן דער לבנה, פאַריסן דעם קאָפּ און געוואָיעט ווי אַ הונגעריקער וואָלף, ווי אַ סאָווע.

1914

# איבערגעבליבן

דער ראַבינער פון לויטענבורג, דר. קאַהן, האָט זיך מיטוואָך נאָכמיטאָג אָפּגעשלאָסן אין זיין קאַבינעט. אַלע אין שטוב האָבן געוואוסט, אַז מען טאָר דעם ראַבינער ניט שטערן. פון מיטוואָך ביז שבת האָט דר. קאַהן צוגעגרייט זיין דרשה, וואָס ער פלעגט האַלטן אויף אַ פסוק פון דער פרשה.

ס'איז געגאַנגען קרח, יעדער פסוק האָט זיך געבעטן מען זאָל אים דרשענען. דער ראַבינער האָט אויפגעמישט זיינע געשריבענע דרשות און געהאַט אויף קרח גאַנצע צוואַנציק. ער האָט געבלעטערט איין דרשה נאָך דער צווייטער, געכאַפּט התפעלות פון אַן אייגן וואָרט, און ס'איז אים מיט אַמאָל איינגעפאַלן אַ נייער דרוש, ער האָט גענומען די פעדער, געשריבן מיט זיין דראָבנער רבנישער האַנטשריפט, ווי ס'וואָלט ניט געווען דייטש, נאָר רש"י כתב, און כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז שוין מער פון אַ יאָר, ווי ער האָט ניט קיין מנין אין זיין אייגענער שול, האָט ניט פאַר וועמען צו דרשענען — האָט ער פונדעסטוועגן געשריבן ווייטער, געשריבן פאַר זיך, פון געוואוינהייט.

דר. קאַהן איז געווען אַ שטילער מענטש, זיך ווייניק געמישט אין די רייבערייען, וואָס זענען אָנגעגאַנגען צווישן די הונדערט יידישע פאַמיליעס פון לויטענבורג. זיין בעסטער פאַרגעניגן איז געווען זיך צו פאַרמאַכן אין קאַבינעט, אַרומגערינגלט מיט ספרים און טראַכטן ווי נאָך צו פאַרווירקלעכן די „וועלט מיסיע", וואָס די נביאים האָבן אים איבערגעלאָזט. און אַז מיטוואָך האָט אָנגערוקט און ער האָט זיך געמוזט זעצן פאַר דער דרשה, האָט ער געבעטן גאָט, ער זאָל אים געבן כח און פאַרשטענדעניש דורכצופירן זיינע פליכטן, די פליכטן פון אַ פאַסטוך צו זיינע שעפעלעך.

אַזוי האָט דער ראַבינער זיך אָפּגעלעבט אין לויטענבורג דרייסיק יאָר, געווען פאַרזיצער פון מזרח פרייסישן ראַיאָן, געשטאַנען אין גרויסע שדוכים מיט זייז בת-יחידה

די מלחמה האָט זיך אונטערגערוקט, און דעם ראַבינערס איינגע־פונדעוועט לעבן האָט זיך אַ שאָקל געטאָן. ער האָט ניט געהאַט קיין תּרעומות צו גאָט, נאָך פרומער געוואָרן, פאַרגעסן אָן דער פאַמיליע, תּפלה געטאָן פאַרן קייזער, פאַרן פאָטערלאַנד און געהאָפט, אַז היינט מאָרגן וועט די וועלט קליגער ווערן און ס׳לעבן וועט זיך איינשטילן, ווערן ווי פאַר דער מלחמה.

מיט מזרח־פריסן איז אויך לויטענבורג איבערגעגאַנגען צו פוילן. כמעט אַלע דייטשן האָבן פאַרקויפט בחצי־חנם זייערע גיטער און זענען אַוועק פון דער געגנט. פון די הונדערט יידישע פאַמיליעס זענען גע־בליבן אין לויטענבורג דריי, און דאָס אויך די אָרעמסטע.

דער ראַבינער האָט זיך ניט געקאָנט שיידן מיט דער שול, וואָס מען האָט פאַר אים אויסגעבויט, זיך ניט געקאָנט שיידן מיטן סאָד, וואו יעדעס בוימל האָט ביי אים אַ נאָמען געהאַט, איינגעזאַפּט אין זיך אַ קיילעכדיק יאָר זיינע דרשות, וואָס ער האָט יעדן שבת אין דערפרי רעפעטירט צווישן די בוימער. דער ראַבינער איז געבליבן אין לויטענבורג, ניט געהאַט וואו צו גיין און ניט געוואָלט גיין. יעדן שבת זענען זיך די דריי פאַמיליעס צונויפגעקומען אין דער שול אריין, און אַז ס׳איז ניט געווען קיין מנין האָט מען מצרף געווען דעם ראַבינערס ווייב און פיל מאל די טאָכטער אויך.

די עטלעכע יידן האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער מזרח־וואַנט, זיך ניט ארויסגעזען פון דעם גרויסן חלל, און דער ראַבינער האָט אַכטונג געגעבן, גאָט זאָל קריגן זיינס מיט אַ פולער מאָס, אויפגעהאַלטן דאָס ביסל יידישקייט.

דער ראַבינער האָט אָפּגעזאָגט דעם חזן, דערנאָך דעם שמש, געשפּאָרט הוצאות. ער מיט זיין פאַמיליע האָבן נאָך ריינער געהאַלטן די שול ווי פריער, זעלטן ווען אָנגעצונדן די גרויסע עלעקטרישע הענג־לייכטער מיט די קרישטאָלענע פּריזמעס, מקבל־שבת געווען ביי די צווי עמוד־גאַזן. די גרויסע, קילע שול, וואָס איז מער ענלעך געווען אויף אַ דייטשע קירך, האט זיך געהילט אין שאָטנס, איינגעשלונגען די עטלעכע מתפללים און אַ פאַריתומטע אָנגעיאָגט אַ פּחד.

די דריי פאַמיליעס האָבן געגעבן איבער די כוחות, ניט געקאָנט אָבער אויסהאַלטן דעם ראַבינער, וואָס האָט אין דער שטיל, קיינער זאָל ניט ־וויסן, צוגעהונגערט.

דריי מאָל אַ טאָג האָט דר. קאָהן געעפֿנט די שול, געזוכט איבער דער שטאָט אַ מנין און ניט איין מאָל האָט ער אײנער אַליין אָפּגעדאַוונט בײַם עמוד, געדאַוונט פֿאַמעלעך, געוואַרט דער עולם זאָל נאָכזאָגן און געפּראַוועט די תּפֿלה, ווי פֿאַר אַן עדה ייִדן.

ס׳ווײַב, אַ מיוחסת פֿון אַ פֿראַנקפֿורטער פֿרומער משפּחה, איז אַרײַן אין קאַבינעט, געוועזן שטאַרק מיטן מאַן און אים ניט געוואָלט שטערן. ער האָט אויפֿגעהויבן די מידע אויגן פֿון צופּיל לייענען, דערזען ס׳ווײַב און זיך צעשמייכלט:

— האָסט עפּעס געוואָלט, גערטרודאַ?

— ווייסט, יאָזעפֿזאָן פֿאָרט מיט דער פֿאַמיליע נאָך בערלין...

— ער איז דאָ געווען?

— ער וועט זײַן בײַ אונדז הײַנט אָוונט.

— אַזוי — האָט דער ראַבינער פֿאַרמאַכט דעם בוך מיט די דרשות — פֿאָרט שוין יאָזעפֿזאָן אויך אַוועק!

— אַלע צעפֿאָרן זיך — האָט גערטרודאַ פֿאַרלייגט אירע אויסגעאַרבעטע הענט אויף דער אײַנגעפֿאַלענער ברוסט — נאָר דו, מאָריץ, ביזט אײַנגעשפּאַרט — — — וואָס וועלן מיר דאָ אויסזיצן? קיין פּרנסה איז נישטאָ, ס׳וועט באַלד אויסקומען צו עסן די ציגל פֿון דער שול און ס׳איז אַ רחמנות אויף אונדזער קינד! פֿרידאַ איז שוין אַ מיידל אין די יאָרן — — —

בשעת ס׳ווײַב האָט גערעדט, האָט דער ראַבינער נערוועז געוויגט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אָפּגעיאָגט אַ פֿאַרעקשנטע פֿליג. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, דורכגעגאַנגען איבערן צימער און אָנגעהויבן:

— ווער איז זיי שולדיק, אַז זיי זענען זיך צעלאָפֿן פֿון שטאָט?

— מיטן דײַטש איז די פּרנסה אַוועק — האָט ס׳ווײַב געזאָגט — דאָס שטעטל איז אָפּגעשטאָרבן! נישט נאָר ייִדן, אַפֿילו פּאָליאַקן קלאָגן זיך — — — הער, מאָריץ, האָסט אפֿשר אַ פּאָר מאַרק, כ׳דאַרף אויף פֿלייש.

— כ׳האָב נישט.

ביידע האָבן זיך פֿאַרלוירן אָנגעקוקט איבער אַ מינוט, דערנאָך האָט ס׳ווײַב צעלאָזט די הענט:

— און דיר געפֿעלט דווקא דאָס רבנות אין פּ״ק לוטענבורג!?

— מעגן זיך אַלע צופֿאָרן, דו אויך, גערטרודאַ — האָט דער ראַבינער כּמעט געשריגן — און איך בלײַב דאָ!

— בלײַב, בלײַב, מײַן מאַן, וועסט עסן די ציגל פֿון דער שול!

וואָס ווילסטו דאָ טאָן? — האָט זי געעפּנט אויף אים אַ פּאָר פאַרצערטע אויגן — ס'איז דאָך נישטאָ פאַרוואָס צו קויפן קיין אָונט־ברויט?

— גוט, נו?!

דער ראַבינער האָט אַראָפּגענומען פון דער וואַנט די שליסלען, געוואָלט דאָס ווייב זאָל אים אָנזידלען, אָנשרייען אויף אים, געפּילט אין האַרצן, אַז ער טוט אַן אומרעכט דער בת־יחידה, געווען אָבער אַ ייד אַן עקשן, אַליין נישט געוואוסט, צו וואָס ער וויל אויספירן געליטן וואָס ס'ווייב גיט אים נאָך און זיך אָנגערופן:

— כ'גיי אין שול אַריין!

ער האָט אָנגעצונדן ביידע גאַזן ביים עמוד, זיך איינגעהילט און גענומען דאַוונען פאַר די פיר ליידיקע ווענט מנחה בצבור. יעדעס מאָל ווען ער האָט געוואַרט דער עולם זאָל ענדיקן, איז אים אַדורך אַ קאַלטער ציטער איבער די ביינער. דער קילער חלל האָט אים היינט מער געשראָקן ווי תמיד, זיך געוואָלט באַפרייען פון די פּאָר מאַרק, וואָס ס'ווייב האָט געבעטן, נישט געקענט און דערזען די גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט פאַר דער עלטער. ער האָט געעפנט אַן אייזערן קעסטל וואו עטרות, ידען, לייכטער און בעכערס זענען געלעגן. דאָס זילבער האָט אַ פינקל געטאָן, געבלענדט די אויגן. די פינגער ביים ראַבינער האָבן געציטערט, איבער־געלייגט אין איילעניש איין חפץ נאָכן צווייטן, צום סוף האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ קליין בעכערל אין קעשענע אַריין און אַרויס פון שול

# פּאַטריאָטיזם

פאַן וולאַדיסלאַוו וואַרשאַווסקי, אין וועמענס משפּחה איז שוין געווען מער פּויליש בלוט ווי יידיש, האָט אַן אויפגערעגטער גענומען זיין פּערצן יאָריקן זון אויף אַ פאַרהער. עס האָט דעם פּאָטער געערגערט, וואָס מען האָט דעם זון אַרויסגעשיקט אויף צוויי טעג פון גימנאַזיע פאַר זיין יידישקייט.

– וואָס שוין ווידער, זיגמונט? – האָט דער פּאָטער זיך באַקוועמער אײַנגעזעצט אין פּאָטעל.

– איך וועל זיך נישט לאָזן באַליידיקן!

– ווער האָט דיך באַליידיקט?

– די פּוילישע לערער.

– פאַרוואָס נאָר דיך?

– ניט נאָר מיך, – איז דאָס בחורל אויפגעשפּרינגען, – ער האָט אונז אַלעמען באַליידיקט... געגעבן דעם קלאַס אַ קאָמפּאָזיציע: „יידן און דער באָיקאָט“, טאָ וואָס האָב איך געדאַרפט שרייבן? קראָנענבערג האָט געשריבן, אז דער באָיקאָט איז די איינציקע ישועה ווי פּטור צו ווערן פון די יידן און איך האָב געשריבן, אַז דער באָיקאָט איז אַ געפאַר און חרפּה פאַר פּוילן... דערפאַר האָט מען מיך אויסגעשלאָסן אויף צוויי טעג...

דער פּאָטער האָט ניט געענטפערט. דאָס וואָס ער איז געבליבן דער איינציקער ייד צווישן זיינע ברידער – האָט ער געהאַלטן פאַר אַ קרבן פון זיין זייט. אים האָט פאַרדראָסן פאַר זיין זיגמונטן, געפילט, אַז דאָס יינגל איז גערעכט, טיף אין דער נשמה הנאה געהאַט, וואָס דער זון וואַקסט אַ שטאָלצער. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר אַזעלכע משוגעתן, זיך געחידושט, ווי ס'קומט צו אים אַזאַ זון. ער אַליין איז דאָך אַזאַ געלאַסענער, לעבט מיט דער גאַנצער וועלט בשלום און, כאָטש ער איז אַ ייד, חברט זיך מיט אים די פּוילישע אַריסטאָקראַטיע. פאַר

זיגמונטן האָט ער מורא געהאַט, געזען, ווי ער יוערט קאַליע פון טאָג צו טאָג. ס'איז ווייניק וואָס ער האָט ניט קיין יידישע חברים — די לופט איז אָנגעשטעקט מיט יידישקייט.

וואַרשאַווסקין האָט באַנג געטאָן, צו וואָס ער איז פאַרבליבן אַ ייד. זיינע ברידער האָבן שוין לאַנג געטויטשט זייערע נעמען און די קינדער ווייסן מער ניט, אַז זיי זענען יידן, ליידן ניט ווי זיין זיגמונט.

זיין איבערגעשראָקענער מח האָט געזען ווי זיגמונט אַ באַליידיקטער קומט אַהיים, האָט פיינט די עלטערן, רופט זיך זעליג און נעמט דוקא רעדן „זשאַרגאָן".

פון פאַרדרוס האָט וואַרשאַווסקי אָפּגעזיפצט, געצייגט דעם זון, אַז ער קען גיין און אַליין איז ער געבליבן אין קאַבינעט, געשפרייזט און זיך געמחט, וואָס מען הויבט אָן טאָן.

צומאָרגנס נאָך מיטאָג איז וואַרשאַווסקי מיט זיגמונטן אָנגעקומען אין אַ געוועזענער דייטשער שטאָט. זיי זענען פאַרפאָרן אין אַ דייטשער גימנאַזיע.

— וואָס פאַרלאַנגט איר ?

— כ'וויל אַריינגעבן מיין זון אין גימנאַזיע.

— זייט איר אַ דייטש ?

— ניין, אַ פּאָליאַק.

— צום באַדויערן, קענען מיר אייער זון ניט אָננעמען. די גימנאַזיע איז נאָר פאַר דייטשן. פּאָליאַקן און יידן האָבן מיר קיין רעכט ניט צוצונעמען אָן דער ערלויבניש פון פוילישן אינספּעקטאָר.

— אַזוי גאָר ?

— יאָ, מיין הער, אייב דער אינספּעקטאָר וועט ערלויבן, וועלן מיר גערן צונעמען אייער זון.

דער אינספּעקטאָר, אַ פּאָליאַק פון פּויזן, האָט וואַרשאַווסקין אויס-געהערט און זיך געחידושט :

— וואָס, דער פאַן איז אַ דייטש ?

— ניין, אַ פּאָליאַק.

— טאָ צו וואָס דאַרפט איר אַריינגעבן אייער זון אין אַ דייטשער גימנאַזיע ?

וואַרשאַווסקי האָט זיך אַ ווײַלע געקווינקלט, זיך געשראָקן פאַרן אייגענעם געדאַנק און זיך אָנגערופן.

— דעם אמת געזאָגט, ווייל איך ניט מיין זון זאָל ווערן אַ ייד...

— ער איז דען ניט קיין ייד?

— ניין, ער איז אַ פּאָליאַק פון משהס גלויבן.

— און אין דער פּוילישער גימנאַזיע, האָט איר מורא וועט ער ווערן אַ ייד?

— יאָ, פּאַניע, דער אַנטיסעמיטיזם איז אין דער פּוילישער גימנאַזיע אַזוי גרויס, אַז אפילו פּאָליאַקן פון משהס גלויבן ווערן צוריק יידן... און דערפאַר, פּאַניע, האָב איך מורא... כ'וויל ניט קאַליע מאַכן מיין זון... איז מיר איינגעפאַלן, אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט געוועזן אים אַוועק-צוגעבן אין אַ דייטשער גימנאַזיע און פאַר זיין פּוילישקייט וועל איך אין מיין הויז שוין זאָרגן...

דער קלוגער פּאָליאַק פון פּויזן האָט פאַרשטאַנען דעם ייד, זיך געכאַפּט, אַז מען קען גיין ווייטער, מען קען דעם ייד אויסנוצן, מען קען דורך אים פּאָלאָניזירן די דייטשן און נאָך אַ ישוב הדעת זיך אָנגערופן:

— גערעכט, גערעכט, פּאַניע וואַרשאַווסקי, דאָס איז אַ קלוגער איינ-פאַל... ווען פּוילן וואָלט געהאַט אַ סך אַזעלכע יידן... אָט שרייב איך גלייך אָן צום דירעקטאָר אַ בריוו... זיצט, ביטע וואָס שטייט איר?

דער אינספּעקטאָר האָט אָנגעשריבן אַ בריוו, אים איבערגעגעבן וואַרשאַווסקין און זיך געווענדט צום זון:

— כ'האָף, אַז איר וועט, פּאַניע מלאָדי, געעריק אויסנוצן דעם פּוי-לישן פּאַטריאָטיזם, באַקענען אייערע דייטשע חברים מיט אונזערע שרייבער, כ'מיין, אז פּוילן וועט זיך ניט האָבן מיט וואָס צו שעמען קענען זיי...

דער יונגער וואַרשאַווסקי האָט זיך אויפן דריטן חודש אויסגעהיילט פון דעם יידישקייט, געגרינדעט צווישן די דייטשן אַ פאַריין, וואו ער האָט געליינט מיט זיי מיצקעוויטשן און סלאָוואַצקין, באַקענט זיי מיטן פּוילישן מעסיאַניזם...

1929

# דער בעל־תשובה

איבער דעם נייעם אייזן-געשעפט, וואָס טאַרנאָווסקי האָט געעפנט אין מיטן מאַרק, האָט מען אַרויפגעצויגן אַ שילד. אויף דער שילד איז געווען אָפּגעמאָלט אַן אויסגעווייקט יידל אין טלית און תפילין, ווי ער שטייט איבער אַ טישל מיט סחורה און האַנדלט מיט פויערים און ס׳קומט אונטער אַ זעלנער, אַ האַלערטשיק, שלעפּט דעם ייד פאַר די פאות און שרייט צו די פויערים: „סוואוי דאָ סוועגאָ״!״

אַרום דער שילד האָבן זיך געקליבן דורכגייער, געגלאָצט מיט די אויגן און געשטשירעט מיט די ציין:

– אַזוי דאַרף מען טאָן מיט אַלע יידן!

– די „פּאַסקאַרזשעס״!

– ווי דער „מאַשעק״ שרייט!

– אַי-וואַי!

דער בעל-הבית פון אייזן-געשעפט, אַ רויטער גוי מיט פאַרלאָפּענע אויגן, וואָס איז נישט לאַנג צוריקגעקומען פון אַמעריקע, אַהיימגעבראַכט מיליאָנען מאַרק, האָט זיך באַוויזן אָן אַ היטל אויף דער שוועל פון געשעפט. ער האָט באַטראַכט דעם עולם, גערופן מיט אַ פינגער דאָס פויערים-פאָלק, און אַז דאָס פובליקום איז געוואָרן גרעסער, האָט ער זיך צערעדט:

– ברידער, פוילן איז גרויס, פוילן איז רייך, מעג אַפילו זיין אַ נאַס יאָר, איז אויף אונזערע פעלדער תמיד אַ גערעטעניש! און דאָס, וואָס אונזער מאַרקע פאַלט פון טאָג צו טאָג איז אונזער אייגענע שולד! איר צאָלט די „פּאַסקאַרזשעס״ דריי הונדערט מאַרק אַ פונט ברויט און אויף פוטער האָט איר שוין נישט! פרעגט זיך, ברידער, וואו קומט אַהין אונזער פוטער? זאָלט איר וויסן, אַז די יידן עסן זי אויף! מיר, פּאָליאַקן, דאַרפן עסן טרוקן ברויט, זיי, די „פּאַסקאַרזשעס״ – ברויט מיט פוטער! ווילט איר אייערע קינדער זאָלן עסן ברויט מיט פוטער? טרייבט אַרויס די יידן! קויפט ניט ביי זיי! „סוואוי דאָ סוועגאָ״!

דאָס יונגוואַרג האָט זיך איינגעהערט, באַגריסט דעם רעדנער. די עלטערע פּויערים האָבן זיך אָפּגערוקט, זיך געשראָקן פאַרן פּרעמדן, וואָס איז אַראָפּגעקומען בונטעווען און זיך געלאָזט איינקויפן איז די יידישע געוועלבער.

די יונגעלייט מיט די שטעקעלעך און מיט די שטרויען אין די מיילער, וואָס האָבן זיך געדרייט איבערן מאַרק צו צוויי, צו דריי, געוואַרט אויף אַ ידיעה פון דאַנציג, ווי די וואַליוטע שטייט, זענען מיט אַמאָל נישט געוואָרן, פאַרשוואונדן פון דער „בירזשע".

דאָס שטילע יידישע שטעטל האָט אויפגעציטערט. קליין און גרויס האָבן גערעדט וועגן דעם פּרעמדן גוי, וואָס בונטעוועט קעגן יידן. מען האָט געקלאַפּט אין די טירן פון מלכות, זיך געקלאָגט, זיך געטרייסט מיט הבטחות. די שילד האָט דערווייל געהאָנגען אין מיטן מאַרק, ווי פריער, און דעם פרעמדנס פּאָזיציע האָט זיך אַלץ מער און מער איינגעפונדעוועט.

צוויי מאָל אַ וואָך, ווען ס'איז מאַרק אין שטעטל, איז טאַרנאָווסקי מיט חברים געגאַנגען פון איין פויערטע צו דער צווייטער, נישט געלאָזט פאַרקויפן יידן קיין פּוטער, קיין אייער און אַז מען האָט זיך אים געשטעלט אַנטקעגן, האָט ער געשלאָגן. ער איז אַריינגעגאַנגען אין יידישע אייזן-געשעפטן, געשלעפּט פון דאָרט קונים, געזוכט אַרויסצורופן געשלעגן. די קלאַגן קעגן אים זענען געוואַקסן און אַז זיי האָבן דערגרייכט אַ פּאַר צענדליק — האָט דער ריכטער אויסגעקליבן די שווערסטע קלאַגע, אים געמשפּט, און טאַרנאָווסקי איז אָפּגעקומען מיט עטלעכע טויזנט מאַרק שטראָף.

אַזוי האָט דער אַמעריקאַנער גוי געהערשט אינם שטעטל, געוואָרן אַ קדוש. די „פּני" האָט זיך מיט אים געחברט, געזען אין אים דעם קרבן, וואָס דאַרף אָפּקומען פאַר זייערע זינד, וואָס זיי האָבן אַזוי לאַנג געדולדעט ביי זיך די יידן. און אַז מען האָט געדאַרפט קאַוציע פאַר טאַרנאָווסקין, איז דער דאָקטאָר פון שטעטל געגאַנגען פון איין בעל-הבית צום צווייטן און געשאַפּט פאַר אים דאָס געלט.

צומייסטן האָט געליטן פון טאַרנאָווסקין זיין שכן — אַן אַלטיטשקער ייד, אַ מלמד, וואָס האָט געלערנט מיט מיידלעך אין די הייזער. דער אַלטער מלמד, אַז ער האָט דעם שכן געזען פון דערווייטנס, האָט אָנגעהויבן ציטערן, זיך געשראָקן, ער זאָל אים די באָרד נישט

אָפּשערן. אין איינמאָל, ווען דער ייד האָט געגעסן מיטאָג, האָט טאַרנאָווסקי געעפנט די טיר און אַריינגעגאָסן אין שטוב אַריין אַן עמער מיט שמוץ. דער אַלטיטשקער איז געלאָפן אַן אויסגעשמירטער קריגן גערעכטיגקייט, האָט מען אים נאָך צוגעמשפּט עטלעכע הונדערט מאַרק פאַר שטערן די רו.

די קצבים פון שטעטל האָבן אָפּגעמאַכט זיך אָפּצורעכענען מיט אים. טאַרנאָווסקי האָט זיך באַצייטנס דערוואוסט דערפון און זיך געגומען ווייזן אין גאַס מיט אַ סוויטע שקאָצים. יידן האָבן געציטערט, זיך אָפּגעטראָגן ווי זיי פלעגן אים נאָר זען פון דערווייטנס און אַז איינער, אַ פאַרעקשנטער, האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, האָט מען אים צעבראָכן די ביינער.

דאָס שטעטל האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן, געשיקט שליחים צו יידישע דעפּוטאַטן נאָך וואַרשע, געזוכט יועגן, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פונם רשע. קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. טאַרנאָווסקי מיט דער סוויטע האָבן פראַנק און פריי געבושעוועט אין שטעטל, אָנגעיאָגט אַ שרעק אויף יידן, און די פּוילישע „פּני״ האָט זיך מיט אים אַרומגע־טראָגן ווי מיט אַ געראָטן קינד.

די פאַרמעגלעכערע יידן האָבן ערנסט אָנגעהויבן שמועסן צו פאַר־קויפן זייערע הייזער און אָפּצופאָרן נאָך פאַלעסטינע. די אָרעמערע זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, געקרעכצט, נישט געוואוסט וואו מען לאָזט זיי איבער. די ציוניסטן האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט, געמאַכט יונג און אַלט פאַר מיטגלידער, פאַרשטעקט אַלע איבריקע פאַרטייען אין אַרבל אין געזאַמלט שווערע טויזנטער מאַרק פאַרן קרן-היסוד.

דאָס אַלץ איז געווען אויבן-אויף. אין תּוך האָט זיך קיין זאַך נישט געענדערט. גוים האָבן ווייטער געהאַקט האָלץ, געטראָגן וואַסער פאַר יידן, געהייצט פאַר אַ שטיקל חלה מיט אַ פאַר מאַרק שבת דעם אויוון. די יידישע אייזן-געשעפטן האָבן צו פרילינג-צו נאָך מער געלייזט ווי פריער. טאַרנאָווסקיס געשעפט, ביי דעם גאַנצן טומל — „סוואוי דאָ סוועגאָ״! — איז געוואָרן קלענער פון טאָג צו טאָג. אַביסל האָט ער איינגעצערט, אַביסל האָט די „פּאַטריאָטישע סוויטע״ צעשלעפּט און פון די אַמעריקאַנער דאָלאַרן זענען געוואָרן מאַרקן.

דאָס האָט טאַרנאָווסקין משוגע געמאַכט — געשלאָגן שוואַנגערדיקע

פּרויען, געריסן קינדער פאַר די פּאות, און די קאַוציע אין געריכט איז געוואַקסן. די שטימונג אין שטעטל איז געווען אַזאַ, אַז ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען.

דער אַלטער, שוואַכער מלמד מיט זיין יידישן געדולד האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם בלוטדורשטיקן גוי.

אַלץ אין דער לופט האָט זיך געקאָרטשעט, זיך איינגעפּרעסט, געווען גרייט יעדע מינוט צו עקספּלאָדירן.

פּונקט דעמאָלט איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַריין אַ סאָציאַ־ליסטישער רעדנער אַ פּ. ס., צונויפגערופן אין מאַרק אַריין אַן עולם. טאַרנאָווסקי מיט זיינע חברים האָבן נישט געלאָזט רעדן, שיער נישט דערהרגעט דעם רעדנער מיט שטעקנס.

צומאָרגנס האָט מען אַראָפּגעזעצט דעם קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי, פאַר וואָס ער האָט דערלאָזט צו אומרוען, און איינגעזעצט טאַרנאָווסקין.

מען איז געלאָפן צווישן די פּוילישע בעלי־בתים, געזוכט אַ מענטשן, וואָס זאָל איינשטעלן פאַר טאַרנאָווסקין אַ הויז. אַלע האָבן זיך מיט אַמאָל אָפּגעזאָגט, מורא געהאַט זיך צו מישן.

נאָך צוויי וואָכן זיצן האָט מען צונויפגעשלעפּט הונדערט טויזנט מאַרק, און טאַרנאָווסקי איז אַרויס פריי, אַרויס אַן אַנדער מענטש. זיצנדיק איינער אַליין, איז אים איינגעפאַלן, אַז דער שוואַכער מלמד איז שטאַרקער פון אים און אייגנטלעך האָט ער צו אים גאָר נישט. אַ צעבראָכענער, אָן געלט, איז טאַרנאָווסקי געוואָרן אַ בעל־תשובה, זיך געקליבן נאָך אַמעריקע און געחלומט, אַז ער וועט צוריק אָנקומען צו אַ יידישן בעקער.

1922

# אַ קרבן

אין פֿאָמערן האָט דער זומער זיך אָנגעהויבן אַ טרוקענער — קײנער האָט זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז אין מײַ און יוני זאָלן זײַן אַזעלכע היצן, אונטער די הײסע שטראַלן האָט די תבואה זיך געהויבן, כּמעט צײַטיק געוואָרן, צעעפֿנט די קעפּלעך און געלעכצט נאָך רעגן. די תבואה איז געוואַקסן צו גיך, די שוואַכע זאַנגען האָבן קוים געהאַלטן מאָגערע קעפּלעך, אויסגעגאַנגען פֿון דורשט, און די זון האָט געברענט, געשפּאַלטן די ערד, דורכגענומען די תבואה. די ווײַסע, פֿרישע זאַנגען האָבן באַקומען דעם קאָליר פֿון אָפּגעשאָבענעם פֿאַרמעט.

די פּויערים, וואָס האָבן בחצי־חנם אָפּגעקויפֿט די מאַיאָנטקעס פֿון די דײַטשע פֿאַרמערס, אָפּגעאָטעמט נאָך דער לאַנגער מלחמה, געהאָפֿט נאָכן זומער אויף די פֿיס זיך צו שטעלן — האָבן אין דער טריקעניש געזען אַ קללה. פֿאַר די לעצטע עטלעכע טעג זענען זיי געגאַנגען צו דער הײליקער מאַמע, וואָס צווישן די פֿעלדער, מיט אַ פּראָצעסיע, געבעטן, זי זאָל זיך דערבאַרמען און אַראָפּשיקן אַ רעגן, ניט לאָזן דאָס ביסל ברויט זיך פֿאַרברענען.

אין דאָרף איז פֿאַרבליבן שמיד, דער אײנציקער פּראָטעסטאַנט, ניט געוואָלט אַוועק, ווען פֿאָמערן איז איבערגעגאַנגען צו די פּאָליאַקן, געטענהט, אַז דאָ איז ער, זײַן טאַטע, זײַן זײדע געבוירן געוואָרן, און דאָ וועט ער בלײַבן, ער האָט זיך געפֿילט שלעכט צווישן די פּאָליאַקן, זײ אויסגעמיטן ווי ווײַט מעגלעך, און דאָס אײגענע דאָרף איז בײַ אים פֿרעמד געוואָרן.

בײַ אײנער פֿון די פּראָצעסיעס האָט אַ פּויער געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט:

— מיר ווילן רעגן און דולדן אַ ניט־גוטן צווישן זיך!

— אַ ניט גוטן.

— יאָ!

— וועמען מײנט איר?

— דעם דייטש. שמידן!
— אָ, דאָס לעבט דאָך ווי אַ בהמה!
— האָט צו טאָן מיטן טייוול!
— האָט אונז אַ כשוף אָפּגעטאָן!
— נעמט דאָס היטל ניט אַראָפּ פֿאַר דער „פּיגור"!
— כ'האָב אַליין געזען!
— אַזאַ ניט-גוטער!

נאָך דעם שמועס איז דער גאַנצער פֿאַרדרוס, וואָס דער רעגן קומט ניט, אויסגעלאָזט געוואָרן צום דייטש.

דאָ האָבן די פּויערים פֿאַרנומען זייערע בהמות, דאָ האָט מען אים אַראָפּגעדרייט פֿון אַ וואָגן אַ ראָד, און דאָס לעבן אין דאָרף איז געוואָרן שווערער פֿון טאָג צו טאָג. די קינדער, ס'ווייב זענען צוגעשטאַנען, ער זאָל פֿאַרקויפֿן דעם מאַיאָנטעק, אַוועק נאָך דייטשלאַנד. און ער, אַן איינגעשפּאַרטער, האָט ניט געוואָלט הערן דערפֿון, נאָך יעדן שאָדן, וואָס מען האָט אים אָפּגעטאָן, איז ער געלאָפֿן אין דער גמינע, געמאַכט קולות, ער האָט זיך זעלטן דערשלאָגן גערעכטיגקייט, זיך דערפֿון געערגערט, געגעסן, געשווויגן און געגעסן זיך.

שמיד האָט געזען, ווי זיין תבואה טריקנט, די זאַנגען האָבן קיין איין קערנדל, ווי אַלץ גייט אַוועק מיטן רויך. אַ צעוויי־טיקטער, אַן אומבאַהאָלפֿענער, איז דער פּראָטעסטאַנט ביינאַכט, קיינער זאָל ניט זען, אַוועק צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן צו דער „פּיגור", זיך צעוויינט פֿאַר די באַליידיגונגען פֿון דאָרף, פֿאַר דעם, וואָס זיין גאַנצע פּראַצע ווערט פֿאַרברענט און עס יועט אים אויסקומען צו הונגערן.

שמיד האָט געקניט אַ לענגערע צייט, זיך אָפּגערעדט דאָס שווערע האַרץ, און עטוואָס אַ באַרוהיקטער זיך געלאָזט אהיים. ער איז אַריין אין שייער און אַ מידער איינגעשלאָפֿן אין היי.

פֿאַרטאָג האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט אַ שטייפֿער פֿון קעלט. הערט זיך איין, טוט אַ קוק דורך אַ שפּאַרע — עס גיסט אַ רעגן. אַלע פֿאַרדראָסן זענען צעשוואומען מיטן רעגן, געווען זיכער, אַז דאָס האָט מען זיך צוגעהערט צו זיין תּפֿלה, געהאַט בלויז צער, וואָס די פּראָטעסטאַנטן פֿאַרנאַכלעסיקן די הייליקע מאַמע.

אין רעגן איז ער אַוועק מיט די קינדער אויף דער לאַנקע, אָנגעריסן

בלומען, זיי אויסגעפלאָכטן און מיט געזאַנג האָט ער זיי אַוועקגעלייגט צופיסנס דער „פיגור".

דאָס גאַנצע דאָרף האָט גערעדט דערפון:

– וואָס זאָגט איר צו שמידן?

– איז פרום געוואָרן!

– און איך זאָג, אַז ס'איז ניט קיין גוטער סימן.

– פאַרוואָס?

– וועט איר דאָך זען!

ס'האָט גערעגנט אַ טאָג, צוויי, דריי, ס'איז דורך אַ וואָך און דער רעגן האָט ניט אופגעהערט. די לופט אַ געדיכטע, אַ בלייענע איז געהאָנגען איבער די הייזער, געשווערט, און די פעלדער האָבן זיך געווייקט אונטערן רעגן, מער ניט איינגעזאַפּט קיין וואַסער, דער רעגן איז געבליבן שטיין אין די פלאַכע פלעצער, געשווענקען די תּבֿואה און די דורכגעווייקטע לופט איז פול געווען מיט אומרו, מיט בילערייַ פון היימלאָזע הינט, מיטן איינטאָניקן פויקן פון רעגן.

די פרייד ביי די פויערים איז צוריק פאַרשוואונדן. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אָנגעכמורעט, דורכגענעצטע, זיך איבערגעוואָרפן.

– ניט גוט, ניט גוט, אַז ס'איז אַ קללה פון גאָט!

און די קללה האָט זיך דערנענטערט, געקומען מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה. דער רעגן האָט זיך געלייגט איבער די שטרויענע דעכער, זיי שווערער געמאַכט, געשמיסן די תּבֿואה, אויסגעצויגן די זאַנגען ווי אונטערגעהאַקטע, געצוואָגן דאָס גרינס אזוי פאַרביסן, אַז אַלץ האָט זיך אויסגעוואַשן מיט די וואָרצלען.

די פאַרביטערטע פויערים האָבן אינגאַנצן זיך אויפגעהערט באַגריסן מיט שמידן, געזען אין אים די קללה, וואָס האָט געהאָנגען איבער פאָמערן, און זיי האָבן אים ווידער אָנגעהויבן אויסצעטיילן געברענטע צרות.

שמיד איז מער נישט געלאָפן אין דער גמינע, אָנגענומען אַלץ באהבה. ער איז אָפטער געגאַנגען צו דער היילי קער מאַמע, געלייענט פאַרן שלאָף די ביבל. ס'ווייב מיט די קינדער האָבן קרום געקוקט אויפן פאָטער, וואָס איז אויפן רעגן שעהן אָפּגעזעסן ביי דער „פיגור" און באַשלאָסן, אַז מיט אים איז עפּס נישט גלאַטיק.

ביי שמידן זענען אין איין וואָך געפאַלן אַ פערד מיט אַ קו.

ס׳וייב האָט געסטראַשעט, אַז אויב דער מאַן וועט נישט אַרויס פון דעם גיהנום, וועט זי אים אין שטוב ניט אַריינלאָזן.

שמיד האָט געשוויגן, געשפּרייזט אין דעם רעגן איבער צעווייקטע פעלדער, איבער צעגראָבענע לאָנקעס מיט טאָרף, וואָס האָבן געגלאַנצט אונטערן רעגן ווי שויבן. ער האָט פאַרגעסן אָן די שלעכטע שכנים, געזען, ווי נישטיק דער מענטש איז אין פאַרגלייך מיט די בלינדע כחות, וואָס צעשטערן אַלץ און ער האָט געהאַט נאָר איין געדאַנק — מען דאַרף ברענגען אַ קרבן, אַז נישט וועט אַלץ חרוב ווערן...

אין שמידס פאַרנעפּלטן מח האָט זיך געשפּונען די עקדה, זיך געשפּונען אזוי פינסטער ווי די כמאַרעס, וואָס זענען געקראָכן אויף אים פון אַלע זייטן... ער האָט זיך געשלעפּט איבער די פעלדער, גערעדט צו זיך אויפן קול און פאַר די אויגן האָט זיך געצייכנט אַ יונגער, ווייסער האַלז, זיך געבעטן:

— ברענג מיך פאַר אַ קרבן... ברענג מיך!...

מיט דער נאַכט איז אָנגעלאָפן אַ שטורם, זיך געטראָגן איבער די פעלדער מיט אַ פייפעריי, געריסן די תבואה מיט אַ ברימעריי פון הונ־געריקע וועלף.

דאָס פויערים־פאָלק איז ניט איינגעלעגן אין די וואַרעמע בעטן, זיך געדרייט, געליטן, וואָס אַלץ ווערט חרוב און זיך איבערגעוואָרפן:

— נישט אַנדערש ווי עמיצער האָט זיך אויפגעהאָנגען.

צופיסנס פון דער הייליקער מאַמע איז געלעגן דער קרבן — געלעגן אַ ווייס־קינדערשער האַלז אין בלוט.

שמיד האָט געטאַנצט איבער זיין טויט קינד, געקלאַפּט אין עקסטאַז אַ האַנט אָן אַ האַנט, זיך געצלמט און געשריען:

— ענטפער גאָט, נעמסטו אָן מיין קרבן? ענטפער, גאָט, וואָס שווייגסטו?

דער שטורם האָט זיך געטראָגן איבער די פעלדער, אויסגעריסן אַלץ מיט די וואָרצלען, פאַרהילכט שמידס געשריי און אַרום און אַרום האָבן נישט־גוטע געפּייפט.

אין מח ביי שמידן איז נאָך פינסטערער געוואָרן.

שמיד האָט אַראָפּגעריסן פון זיך דאָס רעקל, דאָס וועסטל, גע־וואָרפן דער „הייליקער מאַמען״:

— נאַ, נעם, מיין קינד איז דיר וויינ׳יק, מיינע פעלדער זענען דיר וויינ׳יק. נאַ, נעם!

ער האָט אַראָפּגעריסן פון זיך די הויזן, צעריסן אויף זיך דאָס העמד, אַלץ געשליידערט דער מאַמען און געשריען:

— נאַ, נעם! מיין קינד איז דיר וויינ׳יק, מיינע פעלדער זענען דיר וויינ׳יק, נאַ, נעם!

ער האָט זיך געטראָגן אַ נאַקעטער, מיט שוים אויפן מויל, געריסן פון זיך שטיקער פלייש, לאָקן האָר, געקניפּט, געשליידערט דער „מאַמע״ ליידיקע פויסטן און געוויינט:

— נאַ, נעם, מיין קינד איז דיר וויינ׳יק, נאַ, נעם!

1922

# מ׳זוכט אַן אַמעריקאַנער

בײַם ענגלישן באַר איז געשטאַנען אַ באָרוויס ייִנגל, נישט אַ דער־וואַקסנס מיט אַ צעקנייטשט פּנימל פון אַ קאַרליק. ער האָט געהאַלטן עטלעכע פּעקלעך מיט שוועבעלעך, זײַ מעכאַניש גערוקט יעדן דורכגייער אין פּנים אַרײַן:

– קויפט אַ פּעקיל „זאַפּאַלקעס״! קויפט, ייִדן!

די גאַס איז געבליבן אויף אַ ווײַלע ליידיק, די אויסגעשטעקטע האַנט פונם ייִנגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און דאָס צעקנייטשטע פּנימל אַ פאַרצערטס האָט געקוקט אין דער וועלט אַרײַן. פון דער צווייטער זײַט גאַס איז אונטערגעקומען נאָך אַ באָרוויס ייִנגל מיט שוועבעלעך!

– נו, משהל: געלייזט עפּעס פּדיון?

– און אַז כ׳האָב געלייזט הונדערט מאַרק איז וואָס?

– טאַקע גאָרנישט. בײַם הײַנטיקן יקרות איז עס אַ פונט ברויט.

– און דו?

– אַ פּרוטה אויך נישט. איך גיי אַרום און כ׳זוך אַן אַמעריקאַנער! פון אונזערע וואַרשעווער קען מען לייגן די ציין אויף דער פּאָליצע! ווען איך, משהל שטיי דאָ בײַם באַר, וואָלסטו געזען!

– אין באַר, מײַנסטו, זענען פאַראַן אַמעריקאַנער?

– אַ וודאי עסן דאָ אַמעריקאַנער! און אַז מען קען זיך צופּוצן צו אַזאַ „יאָלד״ – איז פון איינעם מאַכט מען אַ טאָג פּדיון! וואָס פאַר אַ באַטרעף, מײַנסטו, האָט בײַ זײַ אַ טאָלער?

– ווי בײַ אונז טויזנט מאַרק – האָט משהל געוואָלט טרעפן.

– זײַ נישט קיין שוטה, דאָס אויך נישט!

– דאַכט זיך, אַן אַמעריקאַנער? – האָט משהל אָנגעוויזן אויף אַ פאַרבײַגייער.

– גיי שוין, גיי!

– אַז איך דערקען זײַ נישט!

— ביזט אַ „פּרייער", משהל — איך דערקען זיי אָן די שיך און די שוואַרצע שפּאַקולן...

— ווילסטו אפשר מאַכן שותפות ?

— גוט, נו...

די צוויי „פּרנסה־געבערס" האָבן אָנגעהויבן זוכן צווישן דעם עולם, וואָס איז אַרויס פון באַר, אַן אַמעריקאַנער. מענטשן זענען אַריין אין באַר, אַרויסגעקומען אָפּגעגעסענע, צופרידענע, געווען טויב צו די רייד פון די יינגלעך, און די יינגלעך האָבן אָפּגעשטעלט יעדן פאַרבייגייער, זיך געבעטן, דערציילט וועגן קראַנקע מאַמעס, וועגן הונגעריקע קינדער. עס איז אונטערגעקומען אַ יונגערמאַן מיט אַ פריילין. די יינגלעך זענען שוין נישט אָפּגעטראָטן, צוגעשטאַנען ווי פּגעס, נאָכגעגאַנגען באָרוועסע, איינגעשטעלט יעדן „קונץ" אין קאָן, אַבי אַרויס־צוקריגן אַ פּאָר מאַרק ביים פּאָרל. די פּנימער ביי די יינגלעך זענען געוואָרן נאָך מער אויסגעהונגערט, די רייד רחמנותדיק, ווי עס וואָלט זיך נישט געהאַנדלט וועגן אַ פּאָר מאַרק, נאָר וועגן דעם, מען זאָל זיי שענקען ס'לעבן.

— הערעלע, הער לעבן, קויפט ביי אַן אָרים יינגל אַ פּעקל „זאַפּאַל־קעס" — האָט משהל אונטערגעהינקט אויף אַן אָפּגעכמאַליעט פיסל, פאַרלאָפן דעם פּאָרל דעם וועג און געבעטן מיט אַ וויינענדיקן ניגון:

— קויפט, הערעלע, כ'האָב נאָך היינט נישט געגעסן, גאָרנישט אין מויל געהאַט און אין דער היים וואַרט אויף מיר אַ קראַנקע מאַמע מיט קינדער. קויפט, הערעלע!

און דער „הער" איז געגאַנגען מיט דער „דאַמע", געוואָלט געפעלן, גערעדט אָן אויפהער, און די דאַמע האָט געשמייכלט, געקוקט פון דער זייט, קוים געשטעלט טריט, און דער גאַנצער קערפּער האָט זיך געבויגן, ווי נאָר אַ וואַרשעווערין איז פעהיק.

— לאָמיר צופאָרן אין דער „באַגאַטעלע".

— איצט ?

— אויב נישט איצט, איז אין אָוונט.

— ווער נאָך וועט זיין ?

— איך וועל זיין.

— ווייניק — האָט זי אַ שנירל געטאָן מיט די ליפּעלעך.

— פּאַר אַנדערע איז עס גענוג.

— פאַר מיר, פאַניע, נישט!
— כ'קען נישט העלפן!
— איר קענט יאָ.
— ווי נאָך?
— נעמט מיט אַדעקן!
— ווען?
— הערעלע, גיט אָרימע קינדער אַ פּאָר מאַרק, קוקט, אָפּגעשלאָגן די פיס, ס'גייט בלוט, האָט רחמנות, הערעלע.
— איך זאָל מיטנעמען אַדעקן?
— יאָ, פאַניע, איר!
— דאָס מאָל נישט!
— וועל איך נישט גיין!
— איר וועט יאָ גיין!
— אַזוי גאָר, יאָ! — האָט זי געמאַכט אַ שנעבעלע — וועט מען זען!
— הערעלע, קויפט אַ פּעקעלע „זאַפּאַלקעס", האָט רחמנות אויף אַ קראַנקע מאַמע מיט קליינע עופהלעך, קויפט, הערעלע...

די אָפּגעריסענע קינדער האָבן דעם פּאָרל נישט געשטערט, זייערע רייד זענען געפאַלן אויף אַ פאַרוואַקסן אויער און ביידע זענען נישט מיד געוואָרן, נישט די קינדער מיט די שוועבעלעך און נישט דאָס פּאָרל, אייגער האָט דעם צווייטן נישט געקענט אויסמאַטערן.

איינער פון די יינגלעך האָט באַמערקט אַפּאָר ביינערנע שפּאַקולן. ער האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם צווייטן. זיי האָבן אָפּגעלאָזט דאָס „פּאָרל" און אַ שווים געטאָן צום אַמעריקאַנער.

— מיסטער לעבן, קויפט, אָרעמע קינדער, מיסטער, האָט רחמנות... אַ קעסטעלע „מעטשעס", קויפט!

דער אַמעריקאַנער האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען, געגאַנגען ווייטער, און די רייד פון די קינדער האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן זיינע פיס, נישט געלאָזט קיין טריט שטעלן, געקראָכן איבערן חוט-השדרה ווי עפּעס גליטשיקס, קאַלטס... די גאַס איז געוואָרן ענג, נישט געווען קיין פּלאַץ, וואוהין די אויגן אַהינצוטאָן. און די יינגלעך האָבן געקלעפּט פון ביידע זייטן ווי ראַקעס... האָט ער אַרויסגעכאַפּט עטלעכע הונדערט מאַרק און זיי געגעבן:

— נו, נו, וויינט נישט, גייט...

ער האָט זיך אַ דריי געטאָן, דערזען אַ „דראָזשקע" און אַ געשריי געטאָן:

— פריי ?

— יאָ.

די קינדער האָבן נאָכגעקוקט, ווי דער אַמעריקאַנער פאַרשווינדט אויף דער דראָזשקע און זיך כמעט צעשריען:

— אוי, וויי, אַן אמתער אַמעריקאַנער !

1922

# „שפּיל" צי „נאַקעט".

נאָך האַלבער נאַכט איז די ברייטע, לאַנגע שילער־גאַס געווען ליידיק, אָפּגעהילכט יעדן טריט. אין אַ ווינקל פון אַ הויז איז געשטאַנען אַ דייטש אין שטעק־שיך. דאָס קעלנערל פון רעקל אויפגעשטעלט, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אַרויס פון בעט, געהאַלטן אויף אַ פּאַסעק אַ גרויסן, האָריקן הונט, וואָס האָט שטאַרק געליטן פון עצירה. דער הונט האָט זיך צוגעזעצט, פּאַרריסן זיין צעקרימטע מאָרדע צום בעל־הבית און געקרעכצט. דער בעל־הבית האָט זיך געטוליעט אין רעקל, מיטגעליטן און מיטגעקרעכצט מיטן הונט.

אַ יונגערמאַן איז פּאַרבייגעגאַנגען, געזען דעם דייטש מיטן הונט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך צעלאַכט אויפן קול, אַז ס'איז אַזש אומהיימלעך געוואָרן און געגאַנגען ווייטער. דער דייטש האָט אים נאָכגעקוקט און געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— נאַרישער רוס!

עפּעס האָט זיך אַצונד געטאָן ביים יונגענמאַן אין מח. לייכטער געמאַכט דעם אויסגעהונגערטן גוף. ער האָט אַ שטעק געטאָן די הענט אין די הויזן קעשענעס, זיך צעפייפט. ווי בערלין וואָלט געווען זיינס, פאַרגעסן, אַז ער האָט נישט וואו איבערצונעכטיקן. ער איז געגאַנגען איבער דער ליידיקער גאַס און זיין מח האָט אויפגעכאַפּט איין געדאַנק נאָכן צווייטן, אים אַנטוויקלט און געווען זיכער. אַז ער האָט עפּעס נייעס. אַז דער דייטש אין די שטעק־שיך. וואָס שטייט מיטן הונט און העלפט אים קרעכצן, האָט ווידער אָפּגענאַרט די וועלט.

דער דייטש שרייט. אַז ער גייט אויס פון הונגער, וויל אָפּטאָן דער וועלט אַ שפּיצל, אַ מיאוס שפּיצל, אַז ס'איז נישטאָ אויף וועמען רחמנות צו האָבן! זיי אַליין האָבן אָנגעמאַכט די קאַטאַסטראָפע! דער דייטש האָט פאַרפלייצט אַלע אַמעריקאַנער בענק מיט זיינע מאַרקן, געצאָלט פאַר אַ טאָלער זעכצן מאַרק, און איצט, אַז ער האָט אָנגעקויפט

מיליאָנען טאָלערס, קוועטש ער דעם מאַרק אַלץ נידריקער, ווייל אויך פינאַנציעל אַ וועלט חרוב מאַכן!

ער מוז מאָרגן אַרויס מיט אַן אַרטיקל, וועט ווייזן דער וועלט, אַז מען האָט איר דאָ אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. אַ מיאוס שפּיצל! איז ער נישט געקומען נאָך בערלין מיט טויזנט טאָלער, זיי אַריינגעגעבן אין רייכסבאַנק צו הונדערט מאַרק פאַר אַ טאָלער, און היינט האָט ער נישט וואו איבערצונעכטיקן? גנבים! און איצט רופט מען אים „נאַרישער רוס"! ער וועט זיי ווייזן:

ער האָט נישט געפילט, ווי די פיס טראָגן אים אין קאַפע אַרייןטראָגן גיך. און וואָס שנעלער ער גייט ווערן די געדאַנקען שיטערער, פאַרלירן זיך, און דער אויסגעצערטער גוף נעמט ווידער פאָדערן זיינס.

דער מח ווערט מיד, פאַרלירט איין פאָדם נאָכן צווייטן און אַלץ ווערט פאַרגאָסן מיט אַ פוסטקייט.

אַן אויסגעליידיקטער איז ער געבליבן שטיין מיט די הענט אין די הויזן-קעשענעס, געגלאָצט אויף אַן עלעקטרישער שילד און איבער אַ רגע ניט געקאָנט אויפכאַפּן וואָס דאָס איז. ער האָט געליטן פון זיין אומבאַהאָלפנקייט און זיך געחדושט וואָס אַ מינוט צוריק איז ער געווען בכח זיך אַוועקצושטעלן קעגן אַ וועלט, און איצט איז ער אויסגעשפּילט, שלעפּט זיך איבער פרעמדע גאַסן אַ פאַרוואָרלאָזטער, אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען,

פון ערגעץ אַ ווינקל איז אויסגעוואַקסן אַ הויקערל, דער שטייפער קאַפעלוש אָן אַ זייט, די הענטלעך אין די הויזן־קעשענעס, געשפּרייזט וואוילעריש.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם יונגענמאַן און אַ זאָג געטאָן אין דער וועלט אַריין, ווי ער וואָלט אים נישט געמיינט:

— שפּיל צי נאַקעט? נאַקעט צי שפּיל, מיין הער?

דער יונגערמאַן האָט אויפגעכאַפּט די ווערטער, זיי געקייקלט אויף דער שפּיץ צונג ווי הייסע קאַרטאָפל, גערעדט צו זיך:

— שפּיל צי נאַקעט? נאַקעט צי שפּיל? שפּיל צי נאַקעט.

און ער האָט זיך אָנגערופן:

— וויפיל קאָסט?

— איינטריט פריי! — האָט דאָס הויקערל אויסגעשריען מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט גערעדט פאַר אַ פובליקום.

-- טאָ לאָז זײַן נאַקעט

דער יונגערמאַן איז נאָכגעגאַנגען.

דאָס הויקערל האָט איס אַרײַנגעפירט אין אַ ליכטיקן קאָרידאָר, געעפנט אַ טיר.

עס האָט איס אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַרײַן מיט קנױלן רויך, און פון דעם רויך האָבן פּיסלעכווייז זיך גענומען אַרויסשיילן פּנימער. מען איז געזעסן אַרום טישלעך און געשפּילט אין קאָרטן.

דאָס הויקערל האָט אויסגערופן:

– שפּיל!

ער האָט געוואַרט אַ ווײַלע און אַז דער יונגערמאַן האָט גאָרנישט געענטפערט, האָט ער געעפנט אַ זײַטיקע טיר:

– נאַקעט!

איבערן זאַל האָט זיך געקײַקלט אַ וואַלס. האַלב-נאַקעטע פרויען זענען געזעסן מיט מענער בײַ טישלעך, זיך געטראָגן איבער דעם פּאָטרירטן דיל, זיך געטוליעט אין די ווינקלעך. די נאַקעטע גלידער האָבן זיך געבויגן צום טאַקט, געבלענדט, גערעגט, זיך באַהאַלטן אין דורכזיכטיקן טול, אַרויסגעוויזן געקײַטלטע שפּיצן. יונגע מאַטראָסן האָבן זיך געפּילט היימיש. צעפלאַמטע זיך געשאַרט מיט יונגע מיידלעך, און אַ ריח פון לײַבער און פּאַרפיומען. וואָס האָט געקרעלט אין נאָז, איז געהאָנגען איבער אַלעמענס קעפּ, זיך געטראָגן מיט די בליצן-ליכט פון איין ווינקל אין צווייטן.

דער יונגערמאַן האָט זיך צוגעזעצט.

דאָס הויקערל האָט אַ וויאונק געטאָן צו די מיידלעך און אַליין איז ער נישט געוואָרן.

אַ מיידל איז גלײַך אויסגעוואַקסן נעבן דעם יונגענמאַן, זיך פאַרנייגט מיט אַ שמייכל:

– וואָס זאָגט דער הער צו פּאָרטווײַן?

– אויסגעצייכנט! – האָט דער יונגערמאַן אָנגענומען ס׳מיידל פאַר אַ האַנט.

– און שאַמפּאַניער, הער?

– פּאַבלהאַפּט!

– מיר שמעקט בעסער שאַמפּאַניער!

— טאָ דאָז זיין שאַמפּאַניער! — האָט דער יונגערמאַן אַרומגענומען דאָס מיידל.

— זיי האָבן אָבער געטאָפּלט דעם פּרייז!

— ווע מען אַרט עס! — האָט דער יונגערמאַן אַריפגעזעצט ס׳מיידל זיך אויף דער שויס.

— טייזנט מאַרק אַ פלעשל. הער

— מעג קאָסטן צוויי טויזנט!

דאָס מיידל האָט אים אַ קוש געטאָן.

ער איז געזעסן אַ פּאַרוישטער. פאַרגעסן, אַז ער האָט זיך נאָר וואָס געקליבן אָנצושרייבן אַן אַרטיקל קעגן דייטשלאַנד, געקילט זיין צעפלאַמט פּנים אין דעם מיידלס לייב.

זי האָט אים נאָך אַמאָל אַ קוש געטאָן און איינגערוימט אין אויער אַריין:

— מיין ליבער הער. איך בין דורשטיק!

ער האָט אינסטינקטיוו גענומען זוכן אין די קעשענעס:

— איך האָב פאַרגעסן דאָס געלט אין דער היים!

זי האָט זיך צעלאַכט אים גלייך אין פּנים אריין:

— האַ, האַ, האַ! דער הער האָט קיין געלט נישט! האַ, האַ, האַ!

דער יונגערמאַן האָט זיך אויסגעניכטערט, דערפילט דעם אויסגעצערטן גוף און זיך גענומען שאַרן צו דער טיר.

ביים אַרויסגאַנג איז געשטאַנען דאָס הויקערל, דער קאַפּעלוש אָן אַ זייט, די הענט אין די הויזן-קעשענעס, אָפּגעמאָסטן דעם יונגנמאַן מיט ביטול און אַ זאָג געטאָן אין דער וועלט אַריין:

— „שפּיל" צו „נאַקעט"!

# אַ פּאָר שטיוול

ס'איז שוין געווען פינסטערלעך, ווען דאָרע ליבאָראָוו איז אַהיימ־געקומען פון בית־עולם. זי איז אַריין אין פּייכטן אַלקערל אָן פענסטער, אומבאַהאָלפן געקוקט אויפן אויסגעקראָכענעם פעלצל, וואָס איז געבליבן נאָכן פאָטער און איצט ערשט דערפילט דעם פּחד פון אַ קינד, ווען ס'כאַפּט זיך אויף פון שלאָף און דערווישט נישט טאַטע־מאַמע.

זי האָט איינגענורעט דאָס פּנים אין דעם פעלצל, געצוקט מיט די שמאָלע, פּופצן יאָריקע פּלייצעס, זיך געקאָרטשעט, וואָס אַ בראָך איז איר געשען, וואָס זי איז געבליבן אויף דער וועלט איינע אַליין.

אין צווייטן צימער איז דער בעל־הבית, אַ ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַט, זיך פאַרגאַנגען מיט אַ הייזעריקן קול, איבערגעריסן דעם רוסישן זמר און פון פינסטערן חלל האָט זיך געקייקלט אַ שכורער כריפּ.

דאָרע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעטל, וואו דער פאָטער איז נאָך נעכטן געלעגן. קעגנאיבער אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ נישט אויסגעפּאַקט זעקל. ווען דאָרע איז נעכטן אַהיימגעקומען פון די לעקציעס און אויפגעהאָנגען אויף דער וואַנט דער שכר־למוד – אַ זעקל קאַרטאָפל מיט ברויט — אַזוי איז עס נאָך געהאָנגען. זי האָט אַ לענגערע צייט געקוקט אויפן זעקל, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער פינסטערער וואַנט, אָנגעטאַפּט מיטן נאַקעטן אויג דעם פלאַץ, וואו ברויט איז געלעגן, וואו קאַרטאָפל, און זיך געחדושט, וואָס דער מענטש איז אַזוי נאַריש, שוין עטלעכע יאָר ווי באַנדעס קוילן קינד און קייט, שוין באַלד פון שטעטל קיין זכר נישט געבליבן, און דער ייד האָפט נאָך אַלץ, קלערט וועגן אַ תכלית, לאָזט לערנען די קינדער צווישן איין שחיטה און דער צווייטער.

און זי, דאָרע, האָט טאָג נאָך טאָג איבערגעלאָזט אין דעם פּייכטן אַלקערל דעם קראַנקן טאַטן, געלאָפן פון לעקציע אויף לעקציע, אַהיימ־געבראַכט לעבלעך ברויט, קאַרטאָפל, מפרנס געווען דעם חולה און

געהאָפּט, אַז ער וועט געזונט ווערן. עס איז נישט באַשערט געווען.

צייט דאָרע איז געקומען צום שכל האָט דער פאָטער זיך געהאַלטן אין איין אויסבאַהאַלטן פון די באַנדעס. טעג נאָכאַנאַנד זענען זיי געלעגן אין גריבער פון קאַרטאָפל, דערשמעקט דעם שונא אָן זיינע הילכיקע טריט. דאָס אויסבאַהאַלטן זיך האָט אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטן, די צרות האָבן זיך אַזוי לאַנג איינגעגעסן, אַז פיל מאָל האָט זיך דאָרען געדאַכט, אַז זי געדענקט גאָרנישט, אַז דאָס אַלץ, וואָס עס פּלאָנטערט זיך ביי איר אין מח זענען מעשיות, וואָס דער פאָטער האָט איר דערציילט.

שטיקלעך זכרונות האָבן זיך אַ שיט געטאָן איבער איר. זי האָט אָנגעשטעלט איר קראַנקן קאָפּ, געוואָלט אויפכאַפּן די קלענסטע ערינערונג, פאַרגעסן, אַז די וועלט איז חרוב געוואָרן און אויף די חורבות דרייט זי זיך איינע אַליין אַרום, אַ שוואַכע, אָן כחות...

אין דער טיר איז געשטאַנען דאָרעס אַ מומע, וואָס איז שוין יאָרן געווען ברוגז מיט זיי. זי איז אַריין מיט אַ צעלאָזטע פּאַטשיילע און פאַרבראָכענע הענט:

— כ'האָב שוין קיין ברודער נישט!

נאָך איר האָט זיך נאָכגעשאַרט דערמאַן, אַ שוואַרצער, אַ קורצער, די אויגן צעשראָקן און מיט פויגלישעס אין פּנים. ער האָט נישט גערעדט, געשפּרייזט איבערן אַלקערל, גענישטערט מיטן בליק און זיינע שמאַטעס אויף די פיס, דער ווייבערשער קאַפּטאַן אויף די שמאָלע פּלייצעס, זיין גאַנצער הילוך האָט דערציילט, אַז דאָס יידל האָט וואָכנ־לאַנג ערגעץ געלויערט הינטער אַ פּלויט, געוואַרט אויף זיין שוואָגערס טויט און איצט איז ער אָנגעלאָפּן מיט דעם פויגלישן פּנים, ווי אַ פאַרשאָלטענע קראָ אויף אַ פּגר.

די מומע האָט זיך געזעצט נעבן דאָרען, זי אָנגעקוקט אַ ווײַלע, זיך געווישט די אויגן און זיך געווענדט צום מאַן:

— לייזער וואו זענען די קינדער?

לייזער, האָט אַן עפן געטאָן די טיר, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ:

— קומט אַריין, וואָס שטייט איר אויף דער קעלט?

דריי אָפּגעריסענע יינגלעך זענען אַריינגעפאַלן אין אַלקערל און זיך געמאַכט היימיש.

די מומע האָט אָנגעצונדן אַן אויל לעמפּל, אַראָפּגענומען דאָס זעקל מיט ברויט פון דער וואַנט, איינגעטיילט די יינגלעך:

— עסט און שלאָגט אייך נישט אַרום!

דאָרע האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָ קומט פאָר, זיך נישט געכאַפּט, וואָס די מענטשן, וועלכע זי האָט כמעט נישט געקענט, ווילן פון איר.

לייזער האָט דערזען ביים בעט אַ פּאָר שטיול, נאָך גאָר נייע שטיול מיט אייזערנע פּאָדקאָוועס. ער האָט זיי אַ כאַפּ געטאָן, באַטראַכט ביים אויל-לעמפּל, געשמעקט צום לעדער, געטאַפּט און זיך אָנגערופן:

— נייע שטיול!

— וואָס דען, אַלטע? — האָט ס'ווייב זיך אָנגערופן — אַ וואָך פאַרן טויט האָט ער זיי געקויפט, זיך געוואָלט פאַרזאָרגן אויפן ווינטער, זענען די שטיול געבליבן, אַז אָך און וויי!

דאָרע האָט זיך געחדושט פון וואַנען די מומע ווייס אַלץ, זי איז דאָך שוין יאָרן ביי זיי נישט געווען, און דאָס האַרץ האט איר בעזאָגט, אַז דער פעטער וועט אַריינקריכן אין די שטיול.

— ס'איז דאָך האַמבורגער לעדער! — האָט אַ ייִנגל זיך אָנגערופן.

— טאַטע, זיי וועלן זיין גוט אויף דיר?

— מעסט זיי אָן!

דאָס „טאַטעלע" האָט אָפּגעבונדן די אָניטשעס פון די פיס, מיט אַ קרעכץ אַרויפגעשלעפּט די שטיול און איז מיט אַמאָל העכער געוואָרן. ער האָט וואוילעריש דורכגעשפּאַנט דעם צימער און די פּאָדקאָוועס האָבן אָפּגעהילכט אין דעם שטילן אַלקער.

— האָב איך שוין געירשנט מיין ברודער אויך! — האָט די מומע זיך צעוויינט מיט פאַרבראָכענע הענט אויפן בעטל.

אַלץ אין דאָרען האָט שטום געוויינט.

— דאָס פעלצל, דאָרע, דאַרפסטו נישט פאַרקויפן — האָט די מומע זיך אָנגערופן — לאָז עס איבערמאַכן, אויפן ווינטער וועט אַזאַ בגד דיר צוניץ קומען.

— דאָס פעלצל? — האָט דאָרע זיך מיט אַמאָל אַ הויב געטאָן פון בעטל און אַראָפּגעכאַפּט דאָס פעלצל פון דער וואַנט — נאַ, מומע, נעם ס'פעלצל, וואָס קוקסטו? נעם זאָג איך דיר!

זי האָט אַ שליידער געטאָן ס'פעלצל דער מומע אין פנים אַריין און געשריען:

— נעם, זאָג איך דיר! דיין ברודער איז געשטאָרבן, אויסגעגאַנגען פון הונגער... ירשען אים! נעם, נעם אַלץ! די צעלעכערטע הויזן אויך!

זי האָט גענומען שליידערן אויפן בעטל, וואָס ס׳איז איר געקומען אין דער האַנט אַריין, געפּילט ווי דער קנויל צרות און חרפּות וויקלט זיך פאַנאַנדער און אויפן האַרצן ווערט לייכטער. זי האָט זיך צעוויינט. אין אַלקערל איז קיינער נישט געווען, דאָס פעלצל איז פאַרשוואונדן און פון פינסטערן חלל וואָס אין צווייטן צימער האָט זיך געקייקלט אַ שכורער כריפּ

1922

# דער מִשפּט

— — — „אין דעם „הייליקן מיטוואָך“ האָבן די בערג־פּויערים פון אַרום זשמיגראָד געמשפּט „יודאַשן“. אַן אויסגעשטאָפּטע ליאַלקע האָט מען אָנגעטאָן אין אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע, אין אַ שטריימל. זי אַראָפּגעוואָרפן פון קלויסטער־טורעם און דערטרונקען אין דער ווײסלאָקע“.

„גאַניעץ קראַקאָווסקי“.

מיטן באַגינען האָבן די בערג־פּויערים זיך געלאָזט אין שטעטל אַריין. זיי זענען אָנגעקומען מיט שווינדל־וועגלעך, וואָס האָבן זיך געשניטן פון די בלויע טאַטרען, זיך געוויסט אַקעגן דער זון, ווי אָפּגעקאַלעכטע.

די בערג־פּויערים, אין לאַנגע שטיוול, בלויע קאַפּטנס, האָבן געשפּאַנט מיט די ווייבער, מיט די קינדער, הילכיק געקלאַפּט מיט די קנאָכיקע שטעקנס.

— היינט אַ יאָר, קינדער, — האָט אַן אַלטער, באַוואַקסענער פּויער זיך אָנגערופן — וואָלט דער עסטרייכער נישט ערלויבט אַזאַ פּראָצעסיע.

— מען האָט דאָך פּאַראַיאָרן „יודאַשן“ אויך געוואָרפן אין טייך אַריין!

— באַהאַלטענערהייט

די שטעגלעך האָבן זיך געקייקלט, געקניפּט, געלאָפן באַרג־אַראָפּ און פון טאָל, וואו ס'שטעטל איז געלעגן, איז זיי אַקעגנגעקומען דער אַלטער קלויסטער מיט די צוויי טורעמס.

די זון האָט זיך געהויבן העכער. געפּראַלט פון די בערג־געבלימטע קליידער, קאָלירטע האָר־סטענגעס, פאַרביקע פּאַטשערקעס — אַלץ האָט שעמערירט אין דעם יונגן, זוניקן פרימאָרגן.

אין שטעטל האָט זיך שוין געטומלט. גאַנצע דערפער מיט פּויערים, מיט פּויערטעס זענען געשטאַנען אויפן מאַרק, אויף די שייד־וועגן.

די קלויסטער-גלאָקן האָבן זיך שטיל צעוויגט. יונג און אַלט זענען אַנטשוויגן געוואָרן, אַנידערגעקניט און זיך גענומען צלמען. ערגעץ האָבן פרויען זיך טרויעריק צעזונגען. אַנדערע האָבן אונטערגעכאַפּט. און וואָס שטאַרקער די קלויסטער-קלאַנגען זענען געוואָרן, אויפגעציטערט די לופט, זיך געקייקלט צווישן די בלויע בערג, ווי ווייטע דונערן, אַלץ טרויעריקער האָט זיך דאָס פויערישע געזאַנג געהויבן איבער די צע-שויבערטע קעפּ.

מאַמעס, זיידעס האָבן געהאַלטן קינדער, איינקלעך אויף די הענט און מיט אומגעדולד געוואַרט די פּראָצעסיע זאָל זיך אָנהייבן.

אַ פאַרזעעניש אַ זקן, ווי אַ פאַרשימלטער געץ, איז געשטאַנען צווישן פויערים און דערציילט יועגן אַ „יודאַש". וואָס האָט זיך אַרויס-געריסן אין מיטן דער פּראָצעסיע און איי פאַרשוואונדן אויף אַ בעזעם. דאָס האָט אים געהאָלפן די אַלטע מינאָצקאַ, די מכשפה, וואָס האָט געוואוינט אויף די זומפּן, פון פאַרדרוס האָט ס'פאָלק געכאַפּט די מכשפה, צעלייגט אין מיטן מאַרק אַ פייער און געקוקט, ווי די פאַרשאָלטענע פּרעגלט זיך.

די אַרומיקע פויערים האָבן זיך באַלעקט, פאַדייערט, יואָס זיי זענען נישט געווען אין די אַלטע גוטע צייטן און זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז די פּראָצעסיע האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

אין פאָראויס האָבן צוויי פויערים געטראָגן אַן אָנגעשטאָפּטן „מענטש" מיט אַ געל, קאָלטענעוואַטע בערדל, אָנגעטאָן אין אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע מיט אַ שטריימל. אַ וואַך פון שקצים מיט דרענגער אין די הענט האָבן, ווי אַ וואַנט, אָפּגעטיילט דעם גולם פונם המון.

דער המון האָט זיך לאַנגזאַם גערוקט, געוואָרן אומגעדולדיק און פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט קולות:

— יידע, הייב מיך העכער!

— כ'זע גאָרנישט!

— וואו איז דער „יודאַש"?

— הע, מענטשן, דרייט אויס דעם נישט-גוטן מיטן פּנים צו די קינדער!

— אַז ער האָט צוויי פּנימער! — האָט זיך עמעצער אומאַנגענעם צעלאַכט.

— פאַרקוקט אייך נישט, באַבעס!

— סטעפקאַ האָט זיך פאַרקוקט, האָט זי געבוירן אַ טייוועלע מיט הערנער!

און אַלטע פויערטע האָט זיך געהאַלטן אין איין צלמען:

— כ׳באַשווער דיך „יודאַש״, מיט פאַן־יעזוסעס פינף וואונדן, מיט די דריי נעגל, וואָס האָבן דורכגעלעכערט זיינע הענט און פיס, נעם נישט צו מיט דיין טויט די מילך פון די קי, דאָס גערעטעניש פון די פעלדער, נעם צו מיט דיין טויט אַלע פלאָג און קללות, דער מענטש זאָל זיך מער נישט דאַרפן מאַטערן.

די לופט איז פול געוואָרן מיט אומגעהייערע קולות. די געשרייען האָבן זיך געטראָגן פון אַלע עקן שטאָט, טעמפ געפאַלן איבער די צעפאַרעטע לייבער, און אין די אויערן איז געשטאַנען אַ שיסעריי פון פראָפּנס.

בלויז די עטלעכע הונדערט יידן, וואָס האָבן פון קדמונים גע־וואוינט אין שטעטל, זענען געזעסן הינטער פאַרקייטלטע טירן, הינטער פאַרהאַקטע לאָדנס. דורך שפּעלטלעך האָבן זיי געקוקט אין מאַרק אַריין. און יעדעס מאָל, ווען דער אויפטרייסעלטער חלל האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן אין די לאָדנס, האָבן די יידן זיך אָנגעהויבן טרייסלען, ווי זיי וואָלטן זיך געטראָגן איבער כוואַליעס און מיט שרעקעדיקע הערצער געזאָגט מיטן קליינוואַרג תהלים.

די יידן האָבן געוואוסט, אַז אין דעם „הייליקן מיטוואָך״, איז אַ געפאַר זיך צו ווייזן אויף דער גאַס, זיך געשראָקן, די בערג־פויערים זאָלן זיך היינט נישט אָפּרעכענען פאַר די אַלע יאָרן, וואָס דער עסטרייכער האָט געשטערט דעם יום־טוב.

די פּראָצעסיע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שטאָטישן געריכט־הויז. דער המון האָט געווילדעוועט:

— קלייבט אויס אַ ריכטער!

— אַ פּראָקוראָר!

— מיר ווילן דעם פאַן אַפּטייקער!

— אַזאַ איינעם, ווען מען זאָל נישט דאַרפן האַקן ס׳ציגנגר

— אָט איז ער!

— שאַ! שאַ־אַ!

— ער רעדט שוין!

פונם גאַנעק, וואָס פאַרן געריכט־הויז, האָט זיך אַ זעקס פוסיקער

מאַן אַ בויג געטאָן צום המון, זיין שטים, וואָס איז צעשווימען געוואָרן אינם טומל, איז געוואָרן שטאַרקער, הילכיקער, זיך געטראָגן איבערן מאַרק ווי אַ גלאָק:

— ברידער! ווען פֿאַן יעזוס איז ביים „לעצטן מאָלצייט״ געזעסן מיט די אַפּאָסטאָלן ביי אַ וואַסער-טרעגער אין אַ דאַך-שטיבל, איז צווישן זיי אויך „יודאַש״ געווען. פֿאַן יעזוס האָט די אַפּאָסטאָלן געגעבן צו טרינקען פֿון זיין כּוס און געזאָגט, אַז דאָס טרינקען זיי פֿון זיין בלוט, וואָס דאַרף פֿאַרגאָסן ווערן פֿאַרן מענטשנס זינד, ווי עס שטייט געשריבן ביים הייליקן מאַרקוס. און „יודאַש״ — האָט דער רעדנער געצייגט אויפֿן גולם מיטן געלן בערדל — דער שרעקלעכער לוציפֿער, דער העסלעכער איינאויגיקער שד, האָט שוין דעמאָלט געהאַט פֿאַרקויפֿט פֿאַן-יעזוסן פֿאַר דרייסיק טאָלער! ברידער! קוקט אָן אַ פּרצוף: דאָס בלוטיקע בערדל, דאָס פֿינסטערע, בייזע אויג, און אַז מ׳קוקט דעם שווינדלער אין די אויגן, זעט מען אָנשטאָט איין פּנים, צוויי, אַז מ׳ווייסט נישט וועמען צו משפּטן. איצט געערטער ריכטער, ווען דו האָסט אויסגעהערט און זיך איבערצייגט, אַז „יודאַש״, דאָס פֿאַרזעעניש, איז אַ שווינדלער און אַ מערדער, נישט קיין פּשוטער מערדער, קומט אים די שווערסטע שטראָף און אַפֿילו טויט-שטראָף איז פֿאַר אים צו-ווייניק.

די לופֿט האָט אויפֿגעציטערט פֿון די פֿויערישע געשרייען און דער המון האָט זיך אַוויג געטאָן:

— טויט „יודאַשן״;

— טויט „יודאַשן״!

קיינער האָט זיך מער נישט צוגעהערט צום ריכטערס פּסק-דין, וואָס איז געשטאַנען אַן אומבאַהאָלפֿענער, מיט אַ צעעפֿנט מויל און זיינע רייד זענען געפֿאַלן ווי אין אַ תּהום אַריין.

— וואָס שטייען מיר דאָ?

— וואָס באַלאַמוטשען מיר?

— שלעפּט „יודאַשן״ צום קלויסטער-טורם!

— וואו זענען די שטאָטישע „זשידקעס״?

— זיי באַהאַלטן זיך!

— מען דאַרף גאָר איינעם אויפֿהענגען פֿאַר די פּאות!

דער המון האָט זיך אַ ריס געטאָן, געשניטן צום נאָטאַריוס,

געקלאַפּט מיט די שטעקנס אין די פאַרמאַכטע יידישע געוועלבער, אין די לאָדנס און צווישן די אויגן האָט געטאַנצט דער נישט-גוטער, געזוכט אַ לעבעדיקן ייד.

דער נאָטאַריוס האָט זיך באַוויזן אין אָפענעם פענסטער.

– פּאַניע נאָטאַריוס, דער פאַרמשפּטער „יודאַש" וויל מאַכן אַ צוואה פאַרן טויט!

– ביטע, ביטע, פּאַנאָוויע!

מען האָט אַוועקגעשטעלט דעם גולם מיטן פּנים צום נאָטאַריוס. אַ יונג האָט זיך אונטערגעגנבעט, צוגעשטעלט דעם אויער צום שטריימל און אָפּגעשפּרונגען מיט אַ געלעכטער.

– וואָס האָט ער דיר איינגערוימט, יאַנעק?

– מען זאָל רחמנות האָבן אויף אים און אַרויסנעמען די דרייסיק צוגעקלעפּטע טאָלער פון זיין האַנט!

– ער האַלט זיי דען נאָך?

– אָט האַלט ער זיי – האָט דער יונג אַ שלעפּ געטאָן דעם צווייטן, – קוק!

דער פויער האָט זיך פון שרעק אַ ריס געטאָן אויף צוריק, נישט געוואוסט, פאַרוואָס דער אַרומיקער עולם לאַכט און אַ פאַרגאַפטער זיך אָפּגעשטעלט אויפן נאָטאַריוס, וואָס האָט געלייענט די צוואה:

„...איך, יודאַש, בין אַן אַלט, שוואַך מענטשל, אַן אָרעם באַשעפעניש... איר מעגט מיך הרגענען, דערטרינקען, מער ווי דרייסיק טאָלער וועט איר סיי-ווי-סיי נישט ירשנען... געדענקט אָבער, אַז די ליפּן מיינע דאַרפן ביי אייך טייער זיין: זיי האָבן יעזוסן געקושט."

– גענוג!

– גענוג!

– לאָזט אים נישט לעסטערן!

– פאַרשטופּט אים ס'מויל!

– מיר ווילן מער נישט הערן!

– דערטרינקט אים אָן אַ צוואה!

אַ פויער, אין אַ ווייס העמדל איבערן ראָק, האָט אַ הויב געטאָן אַ באַגילטן קרוסיפיקס, וואו יעזוס, אַ צוגענעגעלטער, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט.

הינטער יעזוסן האָט זיך געשלעפּט „יודאַש" מיטן געלן, קאַלטענע-

וואַטן בערדל, איין אויג פאַרבונדן און אַריינגעטענהט אין לײַבלעכן „ברודער״:

– וואָס שווייגסטו, ישו?

– וואָס זאָל איך זאָגן?

– דו פרעגסט עס, ישו? דו, וואָס ביזט געפאַלן אַ קרבן פאַרן מענטשנס זינד? וואָס האָסטו מיט דעם מענטש געטאָן? קוק אויף דעם ווילדן המון. וואָס זוכט אַ לעבעדיקן ייד פאַר אַ קרבן! און אַז ער קאָן אים נישט כאַפּן, האָט ער מיך, דיין ברודער, אָנגעשטאָפּט, ווי קינדער שטאָפּן אָן אַ ליאַלקע און שטילט אין זיך די חיה! וויינסט, ישו?

דער המון האָט „יודאַשן״ זיך נישט געלאָזט אויסטענהן, אים אַוועקגעריסן פון „ברודער״ אין מיטן שמועס.

אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדעט צום קלויסטער-טורם. אין אַ פיר-עקיק פענסטער, אָן שויבן, איז געשטאַנען „יודאַש״ מיטן פאַרבונדענעם אויג, מיטן שיטערן בערדל, די אַטלעסענע קאַפּאָטע האָט זיך געקניימשט, געפינקעלט אויף דער זון. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע און אונטער אויפטרייסלדיקע קולות געמומען פליען – אַ פאַל געטאָן, ווי אַ זאַק מיט זאַמד, אויף די שטיינער

דער המון מיט שטעקנס, מיט דרענגער האָט זיך געוואָרפן אויף „יודאַשן״ און אים לאַנג געשלאָגן. און אַז ס׳איז קיין זכר פון קיין פנים ניט געבליבן, האָט דער המון זיך באַרוהיקט, איבערגעגעבן ס׳פאַר־זעעניש דעם יונגוואַרג און מיט פרייד געקוקט, ווי מען שלעפּט אים אין טייך אַריין.

1924

# אַ באַנקעט

פיר וואָכן האָט דרעזדען זיך געגרייט צום באַנקעט.

מען האָט ביסלעכווייז אַראָפּגענומען ביי די פּוילישע אָפיצירן די באַנדאַזשן פון די הענט, פון די פיס, זיי איינציקווייז אויסגע־שריבן פון שפּיטאָל, די אָנגעזעצנסטע דאַמען, וועמעס מענער זענען געווען אויפן פראָנט, האָבן זיך געריסן איבער די פרעמדע אָפיצירן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך כמעט נישט געקענט צונויפרעדן, מען האָט זיי אויפגענייט נייע מונדירן, זיי געפירט איבער אַלטע קלויסטערס, איבער מוזעאומס, יעדן טאָג זיי פאַרבעטן צו אַ צווייטן שטאָט־טאַטע אויף מיטאָג.

די ליבע און אויפמערקזאַמקייט איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז די פּאָליאַקן האָבן זיך נישט געקאָנט ווייזן אין גאַס. יעדער פון די נאָך גאָר יונגע אָפיצירן האָט געהאַט אָן אַ שיעור פאַרשלאַגן. עס האָבן זיי געמאַכט נאָך גאָר יונגע מיידלעך, מיידלעך מיט שווערע טויזנטער נדן, פאַרזאָרגטע אַלמנות.

דאָס לעבן צווישן ווייבער און עלטערע לייט האָט דערעסן די אָפיצירן, און זיי האָבן זיך געריסן צום פראָנט. די דאַמען האָבן אַלץ אָפּגעהאַלטן די רייזע. דעם קאָמענדאַנטס ווייב האָט זיך געבעטן ביי די אָפיצירן:

— בלייבט נאָך אַ וואָך מיט אונז!

— איר דאַרפט קומען צו זיך!

די עלטערע מענער זענען נישט געווען צופרידן, וואָס די צען יונגעלייט האָבן צוגענומען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, וואָס אַלע דרייען זיך אַרום די „שנעקעס” און אין זיי, די פּאַטערס פון שטאָט, האָט מען פאַרגעסן. זיי האָבן געזען אַרויסצושיקן די אָפיצירן וואָס גיכער, געהאַט אַ ספּעציעלן צוג, וואו אַ וואַגאָן ערשטע קלאַס איז געווען צוגעגרייט פאַר זיי.

דעם טאָג פון פאָרן האָט די שטאָט אַראַנזשירט אין זאַל פון ראָטהויז אַ באַנקעט.

די אָפיצירן זענען געזעסן אויבן אָן. איבער זייערע קעפּ, געטיקט אין בלומען, האָבן געפלאַטערט דייטשע און פּוילישע פענער. מען האָט אַראָפּגענומען דעם איסור אויף ווייַן און די באַקן ביים עולם האָבן געפלאַמט.

די שטאָט-טאַטעס האָט מער נישט געאַרט, וואָס די דאַמען טרעטן נישט אָפּ פון די יונגעלייט, טוען אָן אויף די מענערשע פינגער רינגען צום אָנדענק, געוועזן זיכער, אַז נאָך היינט אין אָוונט וועלן די דאַמען זיך איבערבעטן, זיך חנדלען פאַר זיי. מען איז געזעסן אויפגעלייגט איבער גלעזער ווייַן:

— אונזערע דאַמען האָבן זיך אויסגעהונגערט!

— אַז דער קאָמענדאַנט האָט צו שטייפע פּיס!

— דער קאָמענדאַנט איז נישט דער איינציקער!

— יונגער פון פינף און פופציק איז אין דרעזדען קיין מאַן נישטאָ!

— איך בין זעכציק און כ׳וואָלט צוויי יונגעלייט בייגעקומען! — האָט אַ רויטער דייטש זיך אַ שטעל געטאָן, ווי אַ גיפסענער.

דער ווייַן האָט געפּאַרעט, געשווערט די פּיס, זיך געשפּאַרט אין קאָפּ.

אַ נידריק, אויסגעדאַרט דייטשל, דער פאָרשטער פון „בני-ברית״ האָט געהאַט ס׳וואָרט. ער האָט זיך נעזעטער אַ רוק געטאָן צו די אָפיצירן, געזאָגט די ערשטע פּאָר ווערטער אין אַ שלעכטן פּויליש. דער עולם האָט זיך איינגעהערט:

— איך גלויב נישט אין דעם אַלטן פּוילישן ווערטל: ווי לאַנג וועלט איז וועלט, וועט אַ פּאָליאַק זיך נישט חברן מיט אַ דייטש. מיר, די דייטשן פון דרעזדען, האָבן היינט אָוונט געוויזן, אַז ס׳איז געווען אַ טעות! דרעזדען, וועט בלייבן אין דער געשיכטע פון דער באַפרייטער פּוילן. דאָ אין דרעזדען איז פאַרגעסן געוואָרן די לאַנגיאָריקע שנאה און פּאָליאַקן וועלן תמיד דערמאָנען דרעזדען. איך טרינק פאַר דער דייטש-פּוילישער פרייַנטשאַפט! איך טרינק פאַר אונזער דרעזדען!

נאָך גאָר אַ יונגער אָפיציר, אַ שוואַרצער, מיט געקרויזטע האָר,

אַ ייד, מיט אַ יידישער נאָז, דער איינציקער צווישן די אָפיצירן, וואָס האָט גערעדט דייטש, האָט זיך אַ שטעל געטאָן.

דער עולם האָט זיך אַ קער געטאָן און ס׳איז געוואָרן פייערלעך שטיל.

דער אָפיציר איז געווען אויפגערוימט, בגילופין, די שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט און ס׳מויל האָט זיך געשרויפט, ווי די פיס ביי אַ שכור.

— מען קאָן לערנען היסטאָריע, מיינע הערן, מען קען זיין אַ היסטאָריקער און נישט וויסן פון דרעזדען! וואָס איז דרעזדען? אַ פינטעלע, אַ פינטעלע אויף דער לאַנד-קאַרטע, וואו ס׳געפינט זיך אַ שפּיטאָל!

די שטייפע וואָנסן ביי די דייטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באָדלען, נישט געווען צוגעגרייט און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן — זיך מאַכן כלא יודע?

— און אַז ס׳געפינט זיך אַ שפּיטאָל איז וואָס? — האָט דער אָפיציר ווייטער גערעדט — כ׳וועל אייך אויסרעכענען טויזנטער שטעטלעך מיט שפּיטאָלן, האָבן זיי עפּעס אַ באַטרעף אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט? ניין! איצט אָבער, ווען מיר פּוילישע אָפיצירן זענען געלעגן אין אייער שפּיטאָל, אין דרעזדענער שפּיטאָל, איז דרעזדען געוואָרן וויכטיק!

די אָפיצירן האָבן געשלעפּט זייער חבר פאַר די פּאָלעס, מורא געהאַט ס׳זאָל נישט קומען צו אַ סקאַנדאַל, די דאַמען האָבן אָנגעהויבן צו אַפּלאָדירן, געזען דער עולם זאָל נישט זיין אָנגעצויגן, געמאַכט דערפון אַ שפּאַס און מיט פּאַראַד זיך געלאָזט צום באַן-הויף, וואו דער צוג אַ פּאַרסאַפּעטער האָט שוין געוואַרט.

אויפן באַן-הויף האָט מען באַוואָרפן די אָפיצירן מיט בלומען און אַז זיי זענען אַריין אין וואַגאָן, האָבן זיי דערזען די גאַנצע „פּני״ פון שטאָט אין די מונדירן.

די אָפיצירן זענען געשטאַנען אין די צעעפענטע פענסטער, צוגענומען מתנות, זיך געהאַלטן אין איין געזעגענען און אַז דער צוג האָט זיך געדאַרפט רירן, איז אונטערגעקומען דער קאָמענדאַנט און דאָס קליינע דייטשל, דער פאָרשטייער פון „בני ברית״.

— איצט, מיינע הערן, וואָלט זיך געפּאַסט דער פּוילישער נאַציאָ־נאַלער הימן.

דער אָפיציר מיט די געקרויזטע האָר און מיט דער יידישער נאָז, האָט אַ געקאָמאַנדעווע געטאָן אויף פּויליש:

— קאָלעגן, קאָנאָפּניצקיס שבועה!

זיי האָבן זיך נישט זיכערע איבערגעקוקט, באַלד האַלב־שטילע אָנגעהויבן:

„— — — דער דייטש וועט אונז נישט שפּייען אין פּנים.
ניט מאַכן אונזערע קינדער פאַר גערמאַנען".

דער צוג האָט זיך גערירט. דער עולם האָט געצויגן די היטלען, דאָס מיליטער האָט סאַלוטירט. דאָס דייטשל, דער פאָרשטייער פון „בני־ברית", איז בלייך געוואָרן, זיך גערוקט אויף צוריק און זיך פאַרלוירן צווישן עולם. דער צוג איז געגאַנגען גיכער און פון די צועפּנטע פענסטער האָט זיך געריסן.

„— — — נישט מאַכן אונזערע קינדער פאַר גערמאַנען!"

1922

# עובר־בטל

אַ פֿאַרשטויבטער פֿון וועג איז דער אַמעריקאַנער דאָקטער, וואָס איז אַרומגעפֿאָרן איבער פּוילישע שטעטלעך און געזאָגט די מקוות זאָלן זיין סאַניטאַריש — געגאַנגען איינער אַליין אויפֿזוכן דאָס הויז, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס הויז איז אַ דריי־שטאָקיקער מויער און אין קאָפּ האָט זיך ביי אים געפּלאָנטערט, ווי ער איז אַמאָל אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דאַך, געפֿאַלן אין זאַמד אַריין און זיך גאָרניט געטאָן. איצט גייענדיק איבער די געסלעך, איז זיין חלום צעשווימען. די הייזלעך — איינגעהויקערטע, די געסלעך — ענג, נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען, און כאָטש מען באַגעגנט זעלטן אַ מענטש, האָט מען דעם געפֿיל, אַז מען וועט זיך באַלד אָפּשלאָגן די זייטן. וואָס נענטער ער איז צוגעקומען צום הויז, איז די פֿרייד, וואָס האָט זיך געוואָרעמט ביי אים פֿון וואָכן, באַשאַפֿן אַן אייגנאַרטיק שטעטל, זיין שטעטל, פֿאַרשוואונדן. מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָט ער זיך דערנענטערט צום געסל, דערזען פֿאַר זיך אַן איינגעהויקערט שטיבל מיט אַן אויסגעקרומטער געמויערטער וואַנט, וואָס האָט יעדע רגע געקענט איינפֿאַלן. ער האָט זיך מער ניט געחידושט, וואָס ער האָט זיך גאָרניט געטאָן, ווען ער איז אַראָפּגעפֿאַלן אַמאָל פֿונם דאַך.

אַן אַנטוישטער האָט ער געעפֿנט די קליאַמקע. עס איז געווען אַ ליידיק הויז. ער איז געגאַנגען פֿון איין צימער אין צווייטן. ניט באַגעגנט קיין לעבעדיקן נפש. ער איז אַריין אין קיך. אין מיטן קיך איז געשטאַנען אַ באַליע מיט זאַמד, וואו חלבנע ליכטלעך האָבן זיך געשמאָלצן, אָנגעפּילט ס׳צימערל מיט אַ שווערן ריח, וואָס האָט געקרעלט. אין אַ ווינקל איז אויסגעוואַקסן אַ געבויגענע זקנה, געקוקט אַ ווייל, אויסגעשטעקט אַ לאַנגן גערינצעלטן האַלז מיט בולטע רייפֿלעך, אָנגעצילעוועט ווי דער קראָגן ביי אַ הענדל. אַן איבער־געשראָקענע האָט זי געקוקט אויפֿן פֿרעמדן.

דער דאָקטער האָט געוויזן אויף דער באַליע מיט ליכט:

— וואָס איז דאָס, באַבעשי?

זי האָט אײַגעצויגן די חויטיקע באַקן און געעפֿנט אַ מויל אָן ציין:

— די גאַנצע שטאָט זענען מײַנע קינדער, כ׳נעם שוין אָפּ קינדער איבער פֿופֿציק יאָר... אַז אַ הייבאַם שטאַרבט, קומט יעדער איינער, וועמען זי האָט אָפּגענומען און שטעלט איר אַ ליכטל... בערל מעל־שענקער, וואָס וואוינט אין מאַרק, האָט שוין אור־אייניקלעך... זײַן משפּחה אַליין וועט נאָך מיר שטעלן איבער פֿערציק ליכטלעך. כי, כי! דער יונגער דור האָט אַראָפּגעבראַכט פֿון וואַרשע אַ הייבאַם, גייט זי אין ווײַסן, וואַשט זיך די הענט מיט קאַרבאָל און קיינער נעמט זי ניט... אַלע קומען צו מיר, צו לאה דער הייבאַם... נעכטן האָב איך געהערט, אַז משה יוספֿס שנור גייט צו קינד. איך גיי אַריבער — שטייט די וואַרשעווערין אין אירע ווײַסע תּכריכים. פֿרעג איך משה יוספֿן: משה יוסף, ווער האָט דיך אָפּגענומען? איר, לאהשי! און דײַנע קינדער ווער האָט אָפּגענומען? איר, לאהשי! און פֿאַר דײַן שנור טויג איך שוין ניט, האַ? האָט ער מיר געגעבן טויזנט מאַרק — — — טויזנט מאַרק גייען ניט צופֿוס היינטיקע צײַטן. איך האָב זיך געקויפֿט אַ פֿעקל טיי און אַ היטל צוקער...

דער דאָקטער האָט זיך געכאַפּט, אַז די אַלטע מישט, עס צוגעשריבן צו איר טיפֿן עלטער. זי האָט זיך צוגערוקט נענטער, אָנגעריררט מיט אַ פֿינגער, ווי אַ קליין קינד, די מעשענע קנעפּ פֿון זײַן מיליטערישן מאַנטל, באַלד זיך אָפּגערוקט.

— אַז מײַן מאַן, צו לעבנגערע יאָר אונז, וואָלט געלעבט, וואָלט איך היינט ניט געווען קיין וויסטע אַלמנה און די וואַרשעווערין וואָלט מיר אויף דער עלטער דעם ביסן פֿון מויל ניט אַרויסגענומען... מײַן מאַן איז אַ חכם געווען — געזאָגט, אַז מיט מײַנע גאָלדענע הענט וואָלט איך אין וואַרשע אַ פֿאַרמעגן געמאַכט... איך בין אָבער געווען אַן אײַנגעשפּאַרטע, ניט געוואָלט אַרויס פֿון שטעטל. דאָ בין איך געבוירן געוואָרן, דאָ האָב איך חתונה געהאַט און דאָ וועט די גאַנצע שטאָט נאָך מיר ליכטלעך שטעלן... די גאַנצע שטאָט זענען מײַנע קינדער, איבער פֿופֿציק יאָר ווי איך נעם אָפּ קינדער... מײַן מאַן

איז געווען אַ באַרבירער, געשטעלט געהאַקטע באַנקעס און געשוירן ייִדן אין מרחץ... איך האָב געהאַט איין טאָכטער. מיין מאַן האָט זי פיינט געהאַט, געווען אַ ייד אַ כעסן, מיין טאָכטער איז געווען די שענסטע אין דער שטאָט, מיין מאַן האָט זי חתונה געמאַכט פאַר אַ גאַרבער, געהאַט אַן אייגענע גאַרבעריי און מיין טאָכטער האָט געוויינט, אַז פון חתן הערט זיך לעדער... רויע לעדער... זי האָט געוואָלט משה קלעזמער — אַלע מיידן זענען די כפרה געווען פאַר אים. צו מאָרגן נאָך דער חתונה איז מיין טאָכטער אַנטלאָפן צום קלעזמער. מיין מאַן, אַ כעסן געווען, האָט גענומען אַ שטריק און איז געגאַנגען נאָכן יונגן ווייבל, ער האָט פאַרוואָרפן דעם שטריק אַרום איר האַלז און זי אַהיימגעפירט ווי מען פירט אַ בהמה... די גאַס איז פינסטער געווען פון מענטשן און די חרפה, וואָס מיין איינציק קינד איז אויס־געשטאַנען... זי האָט זיך גענומען ס׳לעבען, ניט געקענט פאַרטראָגן דעם שווערן ריח פון לעדער... דאָס צינד איך ליכטלעך פאַר איר כשרער נשמה. איר זעט? ...

זי האָט אויסגעווישט די אויסגעלאָשענע אויגן און ווידער אָנגעהויבן:

— אַלע זענען געשטאָרבן... מיך איבערגעלאָזט אַליין... איך וועל אויך שטאַרבן... די גאַנצע שטאָט וועט שטעלן נאָך מיר ליכטלעך... אַלע, אַלע... ציידעס, טאַטעס, אייניקלעך... מען שיט זאַמד אין באַליעס, אין קובעלס און יעדער ווער עס קומט ברענגט אַ ליכטל, צינדט עס אָן פאַר מיין נשמה, פאַר לאה דער הייבאַמס נשמה... איך האָב אָפּגענומען ביי ר׳ איטשע דיין אַ פאַרזעעניש מיט דרייסיק יאָר צוריק, שטייט עס נאָך אין אַ שטענדער, שמירט זיך אויס יעדן טאָג, אַ פאַרזעעניש מיט צוויי ציין ווי ביי אַ ווילדן חזיר... כ׳האָב אָפּגע־נומען קינדער מיט צוויי קעפּלעך, מיט דריי פיס... קיינער פון זיי לעבט ניט, און איך, לאה, האָב באַגראָבן דעם מאַן, די טאָכטער... די גאַנצע שטאָט זענען מיינע קינדער, שוין איבער פופציק יאָר ווי כ׳נעם אָפּ קינדער...

זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, געווישט מיט דער האַנט די שויב, אַרויסגעקוקט און זיך געכאַפּט ווי עס וואָלט איר אַן אומגליק געשען.

— צייט ליכט בענטשן!

דעם דאָקטער איז קאַלט געוואָרן און ער האָט גענומען באַרוהיקן די אַלטיטשקע:

— באַבעשי, ס'איז דאָך היינט מיטוואָך!

זי האָט ניט געענטפערט, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ שאַל-טוך, אָנגעצונדן ליכט אין די לייכטער און שטיל אַ ברכה געמאַכט. זי האָט געלאָזט שטיין דעם דאָקטער און איז אַרויס פון שטוב. דער דאָקטער איז איר נאָכגעגאַנגען, געזען ווי דער עולם האָט הנאה:

— ביי לאהן איז שוין ווידער שבת!

באַלד זענען אויסגעוואַקסן קינדער, זי אַרומגערינגלט, געזונגען מיטן ניגון ווי מ'רופט אין שול אַריין!

— לאה, אין שו—ול אַריי—ן:

— לאָזט שקצים, לאָזט עכברושים, נו, נו, לאָזט קינדער. — האָט זי זיך געבעטן ביים קליינוואַרג — די גאַנצע שטאָט זענען מיינע קינדער, כ'נעם שוין אָפּ קינדער איבער פופציק יאָר...

1922

# אַ דעזערטירער

קאַפּיטאַן פּעלד איז ניט איינגעשטאַטן. עטוואָס אַ געבויגענער, אַן אויסגעפּאַרפּיומירטער, אָנגעטאָן אין אַ נייעם, געפּאַסטן שינעל, אין לאַץ אַ מעדאַל — האָט ער זיך געשאַרט איבער דער קאַנצעליאַריע, געקלימפּערט מיט די שפּאָרן, זיך געאיילט צום באַל, וואָס די שטאָט האָט אַראַנזשירט פאַרן פּוילישן מיליטער.

אַ באַדינטער איז אַריינגעקומען:

— הער קאַפּיטאַן, מען האָט געבראַכט גראָכאָווסקין

— ברענג אים אַריין!

אַן אומגעדולדיקער האָט זיך פּעלד געדרייט איבער דער קאַנצעלאַריע, געהאַלטן אין איין צושטעלן דעם מאָנאָקאָל צום אויג, געהאַט פאַרדרוס, פאַרוואָס גראָכאָווסקי איז אַ ייד, געזען אין דעם אַ וויץ, וואָס ער, דער פּעהיקסטער אָפיציר פון פּאָלק, הייסט פּעלד, און עפּעס אַ דעזערטירער האָט אַ ריין פּוילישן נאָמען — גראָכאָווסקי. ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו זיין שטרענג. שטרענגער, ווי צו אַ קריסט.

מען האָט אַריינגעפירט אַן אָפּגעריסענעם, אויסגעשמירטן זעלנער. דער זעלנער האָט סאַלוטירט. דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעשטעלט דעם מאָנאָקאָל, אים באַטראַכט, און זיין בליק איז געפאַלן אויפן זעלנערס גראָבן פינגער פון פוס, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אַ צעפּאָרענעם שוך.

— דו ביזט זעלנער גראָכאָווסקי

— איך, הער קאַפּיטאַן!

— דו ביזט אַנטלאָפן פון שלאַכט-פעלד?

— איך, הער קאַפּיטאַן.

— אין דער נאַכט, ווען מיר האָבן זיך געקליבן שטורמען לובלין?

— יאָ, הער קאַפּיטאַן.

— ווייסטו, גראָכאָווסקי, אַז דערפאַר קומט דיך צו דערשיסן?

דער זעלנער האָט נישט געענטפערט, בלויז צוגעלייגט די פינגער

צום היטל און סאַלוטירט, דעם קאַפּיטאַנס בליק איז ווידער געפאַלן אויפן נאַקעטן פינגער פון פוס און ער איז ווייכער געוואָרן. ער האָט זיך צוגעזעצט, צוגערופן דעם זעלנער און אים אַוועקגעזעצט קעגן זיך.

— זאָג, גראָכאָווסקי, פאַרוואָס ביזטו אַנטלאָפן? מורא געהאַט געהרגעט צו ווערן?

— ניין, הער קאַפּיטאַן! בין איך דאָך שוין איבער אַ יאָר אויפן שלאַכט-פעלד!

— ווייסטו, אַז מיט דיין אַנטלויפן האָסטו פאַרשטאַרקט דעם חשד, אַז יידן ווילן זיך נישט שלאָגן, און טויזנטער יידן אין פוילישן מיליטער ליידן איבער דיר?

גראָכאָווסקי האָט זיך אַרומגעקוקט. די אויגן אין דעם אויסגע-דאַרטן פנים זענען געוואָרן גרעסער, זיך געצאַמפּערט אַ ווײַלע מיט זיך אַליין.

— מיר יידן דאַרפן זיך נישט שלאָגן!

— פאַרוואָס?

— פאַר וועמען, הער קאַפּיטאַן, זאָלן מיר זיך שלאָגן, זיך ברענגען פאַר אַ קרבן? פאַרן פּאָליאַק? דער פּאָליאַק נעמט נישט אָן אונזער קרבן!

— וואָס מיינסטו?

— די נאַכט, איידער מיר האָבן זיך געקליבן שטורמען לובלין, איז געווען אין לאַגער אַ שטיקל יום-טוב. אין מיין פּאַלאַטקע בין איך געווען דער איינציקער ייד. מיר האָבן געגעסן, געטרונקען. גלייך ווי דער עולם איז געוואָרן אַביסל שכורלעך האָט מען זיך גענומען טשעפּן צו מיר, צום ייד, מיך פשוט געבייט איך זאָל זינגען „מה יפית”. די כאַמעס האָבן זיך נישט באַגנוגנט דערמיט, הער קאַפּיטאַן, און מיט אָנגעשטעלטע באַיאָנעטן צו מיין ברוסט האָבן זיי מיך געצוואונגען צו דערציילן פון מיין פאַרהייראַט לעבן... כ'האָב געזען אין זייערע שכורע אויגן, אַז זיי קאָנען מיך דורכשטעכן יעדע מינוט, און דערציילט, וואָס ס'איז נישט-געשטויגן נישט-געפלויגן, דערציילט נאָך מער, ווי זיי האָבן פאַרלאַנגט... דיזעלבע נאַכט, הער קאַפּיטאַן, בין איך אַנטלאָפן, געשוואָרן, אַז איך וועל זיך מער נישט שלאָגן, געזען, אַז פּוילן נעמט נישט אָן מיין קרבן!

דער קאַפּיטאַן האָט באַלד נישט געענטפערט. עפּעס האָט זיך איבער-געריסן ביי אים אין מוח, אונטערגעזאָגט, אַז ער איז אַ פּוילישער קאַפּיטאַן.

— נישט אַלע פּאָליאַקן זענען אַזוי!
— אַלע, הער קאַפּיטאַן!
— נישט אַלע, נישט אַלע! און דאָס זענען אויך געווען שכּורים!
ער האָט אַ קלונג געטאָן. עס זענען אַריינגעקומען צוויי זעלנער.
— פירט אים אָפּ אין וואַך אַריין!
קאַפּיטאַן פעלד איז אַרויס אויף דער גאַס. אַן אומעט האָט זיך געוויקלט אונטער זיינע געפּאַסטע קליידער, זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון גראָכאָווסקיס נאַקעטן פינגער. דער כּעס אויף גראָכאָווסקין איז געוואָרן מילדער, געטראַכט, אַז מען קאָן זיך פּאַר אים איינשטעלן, פאַרשטאַנען, אַז מען באַגייט זיך מיט יידישע זעלנער גראָב, אָבער פּאַר קיין פאַל נישט געקאָנט ציען דעם פאַרגלייך אויף זיך.
ער איז צוגעקומען צום זאַל פון באַל. אַ מיליטערישער אָרקעסטער האָט געשפּילט. יונגע אָפיצירן — בלוט און מילך — אין געפּאַסטע מונדירן, שעמערירט מיט זילבער און גאָלד, האָבן זיך געשאַרט איבער דעם פוטרירטן דיל, זיך געטראָגן מיט דאַמען.
עס האָט זיך געטראָגן אַ וואַלס. פּאָרלעך האָבן זיך געדרייט, יעדע ווייל געבליבן שטיין און פון וויייטן האָט עס אויסגעזען, ווי אַ פיל פאַרביקע קאַרוסעל.
די אָפיצירן האָבן אַרומגענומען די דאַמען, צעפלאַמטע זיך געשעפּטשעט אין די אויערן, און די טיף-אויסגעשניטענע דעקאָלטעס האָבן געבלענדט און פאַרכאַפּט דעם אָטעם. די גלידער זענען געוואָרן ווייכער, בויגיקער און אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין אויגן.
די מוזיק, די צעפלאַמטע אויגן האָבן מיטגעריסן פעלדן. ער איז געגאַנגען איבערן דיל, זיך געהאַלטן אין איין באַגריסן, געזוכט אַ דאַמע צום טאַנץ.
— מיין אַכטונג, הער קאַפּיטאַן, — האָט זיך יעדע ווייל אַן אַנדער אָפיציר האַלב-אָפּגעשטעלט — וואָס עפּעס אַליין?
אַן אויפגעלייגטער האָט פעלד אָפּגעסאַלוטירט און, איידער ער האָט צייט געהאַט צו ענטפערן, איז שוין דער באַקאַנטער געווען וויט פון אים, זיך מיטגעשלעפּט מיט די פּאָרלעך, ווי מיט אַ שטראָם.
דער אָרקעסטער האָט נישט אויפגעהערט שפּילן. דער עולם האָט זיך געשאַרט מיט די פיס צום טאַקט, געקלימפּערט מיט די שפּאָרן און די קאָלירטע זיידן-קליידער האָבן געפלאַטערט.

פעלד האָט באַמערקט, ווי זיינער אַן אָפיציר האָט צוגעפירט אַ דאַמע, זי אַוועקגעזעצט. ער איז אונטערגעגאַנגען. דער אָפיציר האָט אים באַקאַנט מיט דער דאַמע. ער האָט זיך פאַרנייגט:

– צי קען איך האָבן ס'פאַרגעניגן צו טאַנצן מיט אייך?

– ליידער, פאַרנומען.

פעלד האָט זיך צערעדט מיט אַ צווייטן אָפיציר, געהערט ווי די דאַמע שטאָלצירט, וואָס זי האָט אים אָפּגעזאָגט:

– איך טאַנץ נישט מיט קיין יידן!

פעלד האָט אויף איר אָנגעשטעלט זיין מאָנאָקל, געזען ווי זיין אָפיציר פאַרלירט זיך, גאָרניט געענטפערט און עס איז אים געקומען אויפן זינען גראָכאָווסקי.

ער האָט נישט געהערט, וואָס דער אָפיציר זאָגט אים, זיך אָפּגערוקט און אַ באַליידיקטער געוואָלט אַוועק פון באַל. זיינע אָפיצירן האָבן געזען ער זאָל טאַנצן, אים געבראַכט איין דאַמע נאָך דער צווייטער. ער האָט געוואוסט, אַז מען טוט אים אַ טובה, נישט געווען דאַנקבאַר, געטאַנצט אַ גאַנצן אָוונט און זיך נישט געקענט באַפרייען פון גראָכאָווסקין דעם דעזערטירער.

1922

# פּיס

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַן אויסגעראָטער. ס׳איז געווען פֿיר פֿאַרטאָג. אין דער פֿינסטער האָט ער אָנגעטאָן די גומענע פּיס, אָפּגעגאָסן די נעגל און גענומען מאַכן דעם אויזון. ער האָט אויפֿגעזוכט אַ שטיקל פּאַפּיראָס, פֿאַרריכערט, געטאָן אַ צוויי צי, עס צוריק אַוועקגעלייגט און איז צוגעגאַנגען צום פֿענסטער. ער האָט געהויכט אויף דער פֿאַרפֿרוירענער שויב, געווישט מיט אַ האַנט און געדאַנקט גאָט, וואָס ער איז בשלום דורכגעשלאָפֿן די נאַכט, געדאַנקט, וואָס מען האָט אים צוריקגעגעבן די נשמה.

דורכן פֿענסטער האָט זיך געזען אַ טיף שטיק הימל מיט דריי שטערן. עס איז געווען שטיל, פֿון ערגעץ-וואו האָט זיך דערטראָגן דאָס סקריפּען פֿון אַ מילך-וואָגן. ער האָט אַרייַנגעשטעקט די הענט אין די הויזן-קעשענעס, שטייפֿער זיך אַוועקגעשטעלט אויף די פּיס, אַז דער אויבערשטער טייל קערפּער איז אַזש אונטערגעשפּרונגען און געטראַכט האָט ער, אַז דער מענטש האָט געדאַרפֿט באַשאַפֿן ווערן אָן פּיס.

די שטיקלעך האָלץ אין אויוון האָבן זיך פֿונאַנדערגעברענט, געוואָרפֿן אַן אָפּשיין אויף דער פּאָדלאָגע, אויף די ווענט, האָבן זיך צווישן די שאָטנס גענומען אַרויסשיילן נאַקעטע פּיס, פּיס איינגעוויקלט אין צעריסענע הויזן, קנעכלעך, ווי פֿון די ווינקלען און פֿון די ווענט וואָלטן זיך מיט אַמאָל גענומען שאַרן מענטשן.

ער האָט זיך קונציק אַראָפּגעלאָזט אין אַ וויג-שטול, זיך פֿאַרגעסן, אַז ער איז אַליין אין צימער, גערעדט אויפֿן קול, געביטן די שטים, ווי ער וואָלט איינגעטענהט מיט עטלעכע מענטשן מיט אַ מאָל.

זומער האָט זיין טיר נישט גערוט. פֿון דער גאַנצער „איסט-סייד“ זענען צו אים געקומען מענטשן באַשטעלן פּיס. מען האָט באַשטעלט גומענע, הילצערנע, אַנדערע געבראַכט צו פֿאַרריכטן. דערווייל געכאַפּט אַ שמועס פֿון יענע צייטן, ווען די פּיס זענען נאָך

געוועזן אייגענע, גערעדט פון דער אַלטער היים, און ס'איז אַזוי' ווייט געגאַנגען, אַז דאָ פלעגן געשלאָסן ווערן שדוכים צווישן גומענע און הילצערנע פיס...

ווינטער איז ער געווען אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט. אַחוץ דעם גראָסער-יונג, וואָס האָט אים יעדן פרימאָרגן געבראַכט עסנוואַרג און דעם דזשעניטאָר, וואָס האָט אויפגעמאָנט דירה-געלד, איז צו אים קיינער נישט געקומען. פון נישט האָבן וואָס צו טון, האָט ער זיך אויסגעפלאָכטן אַ וויג-שטול, אויסגעשניטן אַן ארון-קודשל, פון וועלכן די לייבן מיט די אַרויסגעבלעקטע צונגען האָבן זיך געריסן, געוואָלט אַראָפּ פון די געזימסן. ער איז געזעסן טעג, וואָכן איינער אַליין אין דעם שטיבל אויפן פערטן שטאָק צווישן די גומענע און הילצערנע פיס און כאָטש זיי זענען געשטאַנען, געהאָנגען, זיך קיין ריר נישט געטאָן, פלעגט ער זיך מיט זיי באַגיין, ווי מיט לעבעדיקע ברואים. די פיס זענען כמעט גלייך געווען איינער צום צווייטן. ביי אים אָבער האָבן זיי באַקומען דאָס אויסזען, פון די בעלי-בתים, וואָס האָבן זיי באַשטעלט, געגעבן צו פאַרריכטן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַראָפּגענומען אַ בעזעמל, געמאַכט פון פעדערן, און ביים שיין פון אויוון גענומען אָפּשטויבן די הילצערנע און גומענע פיס, וואָס האָבן געהאָנגען אויף די ווענט, געשטאַנען אין די ווינקלען. ער האָט אַראָפּגענומען אַ צעריסענעם הויז פון אַ פוס, אים באַטראַכט, געשמעקט דעם ריח, געגלעט און געטענהט צו אים אויפן קול:

— האָסט אים אָנגעוואוירן זאָגסטו, אין פראַנקרייך?

— אַ יישר כח, מיסטער הערדים! ביי מיר איז עס נישט קיין יחוס. שוין זעקס וואָכן, ווי לאַנג איז דער שיעור? צייט צו נעמען די פיס אונטערן אָרעם און זינגען „לפיכך!" נישט זיצן יענעם אויפן קאָרק! כ'דאַרף אויך אַ לעבן מאַכן!

— ס'איז גליטשיק, זאָגסטו?

— מיט צוויי יאָר צוריק, אַז כ'האָב נור געהאַט איין גומענעם פוס, פלעג איך אויסמעסטן יעדן טאָג ניו-יאָרק פון איין עק ביז דעם צווייטן... און כ'בין געווען אַ ביסל עלטער פון דיר! אַי, לאָזן מיר אַ דור!

— און דו, מיסטער דזשייקאָבס — האָט ער גענומען אַן אַנדער פּוס — דו האָסט אַ מיאוסע טבע... קריכסט מיטן פּוס אין פּייער אַריין. גומי איז אַן איידעלע זאַך, נאָך איידעלער פון פלייש, ס׳פאַרטראָגט נישט קיין היץ, קאָרטשעט זיך, סמאַליעט אין פייער...

— קאָנסט זיך נישט דערוואַרעמען, זאָגסטו?

— האָט מען חתונה, זיידעלע.

— אַ קאַליקע ביזטו? אַ פינסטערע קאַליקע?

— כע, כע, כע! כ׳וועל דיר מאַכן, זיידעלע, אַ פּאָר פיסעלעך, צאַצקעלעך! קיין אייגענע פיס וועלן זיך קיינמאָל נישט קאָנען פאַרגלייכן מיט זיי! וועסט נישט טרעטן מיט זיי, וועסט אונטער-שפּרינגען פון לייכטקייט, אַזוי, היפּ, היפּ!

אַן אויפגעלייגטער האָט ער אונטערגעשפּרונגען און אַראָפּגענומען אַ פּוס פון דער וואַנט:

— קאָנסט נישט גיין?

— אַי, אַי, מאָריס, ביזט געבליבן, אַנטשולדיק מיר, דערזעלבער שוטה בן פּיקל! אַ קינד, אַ יאָריק קינד קאָן, גיין? האַלט זיך אָן פאַלט, ביז ס׳הויבט אָן צו גיין. אַז מען קריגט אַ פּאָר נייע פיס, איז דאָס .זעלבע. מען ווערט צוריק אַ קינד. אין אָנהויב איז טאַקי שווערלעך, איז דאָך דאָ אַ קוליע מיט אַ שטעקן אויף דער וועלט! ס׳וועט נעמען אַ צוויי וואָכן, וועסט אַביסל אונטערהינקען און זיך איינגעוויינען, אַבי נישט געקלאָגט איבער מיין קאָפּ! ביזט דאָך נישט קיין יידענע! — האָט ער זיך עטוואָס איינגעבויגן, ווי ער וואָלט עמעצן איינגערוימט אַ סוד און אַראָפּגענומען אַ ווייבערשן פּוס.

— אָן שפּאַס, מיסעס שעכטער. איר האָט דאָך שוין פריער באַצאָלט פאַר אַ פּוס צוויי הונדערט טאָלער, קאָן ער זיך פאַרגלייכן צו מיינעם? כ׳מיין עס מיט אַן אמת! און מיינער קאָסט אייך נור אַכציק טאָלער, נישט קיין צוויי הונדערט!

— כ׳האָב גאָלדענע הענט, זאָגט איר? אַ נייעס, נו! קוקט אַ פיס — עס לעבט דאָך! לייכט — אַ חיות! טראָגט זיך אַליין! אביסל אַרבעט ליגט דאָ, מער ווי אין מיינעם, איר גלויבט נישט?

ער האָט אויף גיך אַראָפּגענומען זיין פּוס.

— נו, נו, פאַרגלייכט טאַקע, מען דאַרף נישט זיין קיין מבין,

אויף אַ גוט שטיקל אַרבעט איז יעדער אַ מבין... נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז דאָס שטיקל מזל פעלט? וואַלגערט מען זיך אַרום אויף דער עלטער אַליין. קיין קינד, קיין רינד, טענה איך, כ'ווייס, די גליקן, וואָס איר האָט ביי אייער שנור...

— איר ווילט זיך אָנמעסטן מיין פוס? כאַ, כאַ, כאַ! ס'איז דאָך אַ מענערשער! געוויס פאַסט ער נישט! און אייערער וועט מיר נישט פאַסן. קוקט, ווי זע איך טאַקע אויס?

ער האָט זיך געכאַפּט פאַר די זייטן, געעפנט אַ מויל מיט צוויי ציין און קנוילנווייז האָט זיך גענומען וויקלען אַ געלעכטער. באַלד האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייטס, אַ דריטס, איינס דינער פון צווייטן און ס'האָט אויסגעזען, אַז די פּיס האָבן זיך צעשטעלט, זיך געהאַלטן פאַר די איינגעשרומפּטע בייכער און אַרויסגעלאַכט פון די ווינקלען.

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער נאַרט זיך, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער וויג-שטול און זיך געחידושט, פאַרוואָס דער גראָסער-יונג איז נאָך נישטאָ. ער האָט זיך אַ ווײַלע איינגעהערט, זיך צעוויגט, און זיין גרויער קאָפּ איז געבליבן אָנגעשפּאַרט אָן זיין ברוסט. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, דאָס די וועלט איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, ער אַליין איז געבליבן אין אַ פאַרשפּאַרטן צימער, קאָן נישט אַרויס און אַרום אים וואַלגערן זיך שטיקלעך פּיס, קנעכלעך, קניען...

מען האָט אָנגעקלאַפּט. ער האָט אויפגעציטערט, זיך געכאַפּט, ער טראָגט מיסעס שעכטערס פוס, זיך צעשמייכלט און אַ געשריי געטאָן:

— אַריין!

אין דער צעעפנטער טיר איז געשטאַנען דער גראָסער-יונג.

— גוט מאָרגן, מיסטער קרעמער!

— גוט מאָרגן, גוט מאָרגן!

1922

# זשידאָווקאַ

מאַדאַם טאַרלאָווסקאַ, אַ הויכע, מיט אַ לענגלעך מאַט פּנים, וואָס מען זעט אויף איטאַליענישע מעדאַליאָנען, האָט אַ נערוועזע געשפּרייזט ביי זיך אין צימער, ניט געגאַנגען אָפּוואַרטן איר מאַן, וואָס איז יעדן אָוונט אַרויסגעקומען צו איר אויפן זומער־וואוינונג, און דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז היינט מוז צווישן זיי עפּעס געשען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַם פֿענסטער, אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אָן דער שויב, געקוקט אויף די פעלדער מיט גראָז, וואָס האָבן זיך געגעלבט פון צופיל היץ, אויף די ביימער, וואָס זענען געווען צעוואָרפן ווי שטיקער וואַלד, געזען ווי דער טאָג פאַרגייט און זיך קיין אָרט ניט געקענט געפונען.

ביים שרייב־טיש איז געזעסן איר זעקס־יאָריקער זון, געהאַלטן דעם פאָטערס אַן אַלבאָם, וואו בילדער פון זיינע קאָלעגן האָבן געשטעקט און מיט קאָלירטע בלייפעדערס שענער געמאַכט זייערע פנימער. איינעם האָט ער לענגער געמאַכט די נאָז, דעם צווייטן בלינד געמאַכט אויף אַן אויג, דעם אָפּגעפאַרבט די באַקן אויף רויט און אַז אַ פנים איז אים שטאַרק געפעלן, האָט ער עס צעשניטן מיט אַ שערל.

— וולאַדעק, כ׳האָב דיר געזאָגט דו זאָלסט ניט צוגיין צום אַלבאָם. — האָט די מוטער אַפּערגענומען די בילדער פון אונטער דעם ייִנגלס הענט — האָסט שוין ווידער צעשניטן אַ בילד, דו לאָבוז איינער.

— דער טאַטקאָ זאָגט, אַז כ׳מעג עס טאָן. — האָט ס׳ייִנגל זיך פאַרענטפערט — ער דאַרף ניט דעם אַלבאָם.

די מוטער האָט געקוקט אויף די צוגעפאַרבטע פנימער, ניט ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן, דערזען אויפן טיש אַן אויג מיט אַ שטיקל נאָז, ווי דאָס צעקאַליעטשעטע פנים וואָלט זיך ביי איר געבעטן, איז איר אַזש קאַלט געוואָרן.

— קום, מאַמוניו — האָט דאָס ייִנגל אַרומגעכאַפּט די מוטער — קום מיר וועלן אַנטקעגן גיין דעם טאַטקאָ!

— איך בין מיד, גיי מיט דער דינסט — האָט די מוטער אים געגלעט איבערן שוואַרצן, געקרויזטן קעפּל. זיך געטרייסט, וואָס ער איז אינגאַנצן ניט געראָטן אין פאָטער, זעט אויס ווי אַ חסידיש ייִנגל.

זי איז געבליבן אַליין, לאַנג געקוקט אויפן אויסגעשווירענעם אויג מיטן שטיקל נאָז, עס מיט אַמאָל אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש, אויסגעמיטן צו קוקן אַהינצו און זיך אויסגעצויגן אויף אַ לעדערנע אָטאָמאַנע. עס האָט זיך איר געפּלאָנטערט אַ מעשה מיט אַ מערדער, ווי מען האָט אים געקעפּט, ווי דער קאָפּ האָט זיך אַ לאַנגע צייט געצאַפּלט, זיך געהויבן איבערן פאַרבלוטיקטן זאַמד און די אויגן האָבן אַזוי מאָדנע געשמייכלט, אַז דער נייגעריקער עולם איז זיך צעלאָפן פון שרעק און אַפילו דער הענקער האָט זיך איבערגעצלמט.

עס האָט זי דורכגעשוידערט און זי האָט פאַרמאַכט די אויגן.

די ערשטע פּאָר יאָר, ווי טאַרלאָווסקי איז אַריבערגעקומען נאָך אַמעריקע, איז ביי אים דער אַלבאָם געווען אַ הייליגקייט. עס איז כמעט ניט דורך אַ טאָג, ער זאָל אים ניט אַרויסנעמען, בלעטערן, רעדן וועגן יעדן חבר באַזונדער, דערמאַנען דעם ווייב אָן די פאַרבראַכטע נעכט ביי טורלינסקין אין דער קראָקער קאַוויאַרניע.

— די צרה איז — האָט טאַרלאָווסקי זיך געהיצט — וואָס אין אַמעריקע האָבן מיר קיין פּוילישע סביבה ניט, אַ טאַלאַנט האָט ניט מיט וואָס צו אָטעמען, שטיקט זיך און מוז אונטערגיין! אַ סביבה דאַרפן מיר שאַפן, פאַרשטייסט?

זי האָט פאַרשטאַנען, געזען, אַז דאָס יונגוואַרג זאָל זיך דרייען אַרום אים ווי פליגעלעך אַרום אַ פלאַם.

די ניט-צופרידענע צווישן די פּוילישע אימיגראַנטן, די יחידים, האָבן זיך געקליבן אַרום טאַרלאָווסקין, אים געהאָלפן אַרויסגעבן אַ מאָנאַט-זשורנאַל, געוואוסט, אַז ער איז איינער פון דער גרופּע „יונג-פּוילן". אַז זיין נאָמען ווערט דערמאַנט צוזאַמען מיט קאַספּעראָוויטשעס, מיריאַמס און וויספּיאַנקיס. זיי האָבן געוואוסט, אַז ער האָט געהייראַט אַ „זשידאָווקאַ", אַז די חתונה האָט מען געפּראַוועט ביי טורלינסקין אין דער קאַוויאַרניע, און ווייל עס האָט געקלונגען עקזאָטיש, האָבן זיי זיך דערמיט אַרומגעטראָגן, ווי דאָס אַליין וואָלט טאַרלאָווסקין געמאַכט פאַר אַ גרויסן מענטשן.

זי האָט אים פאַרגעטערט, געווען גליקלעך, זיך תמיד געהאַלטן

ביי זיין פלאַשטש, ער זאָל ניט פאַלן ביי זיך, אים צוגעגעבן פייער און ער, ווי אַ נביא, איז געשטאַנען איבער אַלעמענס קעפּ און געדונערט, געשניטן לעבעדיקע פּאַסן, געפאַלמעסט, אויפגעהאַקט אַ בלאַטער נאָך אַ בלאַטער.

און אַז די פּוילישע פּרעסע, די גלחים פון די בעלעמערס זענען אים באַפאַלן, איז ער נאָך דרייסטער געוואָרן:

— וואָס שרייט איר? דאָס האָב איך פון אייך נאָר דעם שטויב אַראָפּגעשאַרט! באַלד וועל איך קומען מיט אַ בעזעם, מיט אַזאַ גרויסן בעזעם, נעמען קערן רעכטס און לינקס, ס׳זאָל פון אייך קיין זכר ניט בלייבן, און דער מענטש וועט אָנהויבן צו באַגרייפן, אַז קונסט ווייס פון קיין געזעצן, ניט מאָראַלישע, ניט געזעלשאַפטלעכע. יעדער ציטער פון דער נשמה, יעדער צאַפּל איז פאַר איר ריין און הייליק, ניט קוקנדיק צי דער ציטער איז אַ גוטער, צי אַ שלעכטער, צי דער צאַפּל איז אַ מיאוסער, צי אַ שיינער!

דער זשורנאַל האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן.

— וואָס טוט מען?

— כ׳וועל גיין אין שאַפּ אַריין, — האָט ס׳ווייב זיך ביי אים געבעטן.

— וואָס, אין שאַפּ אַריין? — איז ער אויפגעשפּרינגען ווי אַ פאַרוואונדעטער און אַ שטשירע געטאָן מיט די ציין.

ער האָט געשריען, זיך געבייזערט, געטריבן באַקאַנטע פון זיך. ניט קיין ראַזירטער האָט ער זיך געטראָגן פון איין צימער אין צווייטן. געשאָלטן די גאַנצע וועלט. געסטראַשעט נקמה צו נעמען און געבליבן היטן ס׳קינד, געקאָכט פאַרן ווייב, וואָס איז אַוועק אין שאַפּ אַרבעטן.

מער ווי אַ וואָך האָט זי ניט געאַרבעט, באַקאַנטע האָבן זיך אַריינגעלייגט, געלאָזט פאַלן האַלבע ווערטער, געגעבן עפּעס אָנצוהערן, אים צונויפגעפירט מיט אַן אַרויסגעבער און ער איז אָנגעקומען אין „קוריער אַמעריקאַנסקי" — אין דער צייטונג, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין באַקעמפן.

ס׳לעבן איז געוואָרן באַקוועמער, און אַז ס׳ווייב האָט באַמערקט ווי דער מאַן הויבט אָן צו פאַרשווייגן זאַכן, ווערט גלייכגילטיק, איז זי צוגעשטאַנען צו אים:

— זיגמונד, וואַרף אַוועק די צייטונג!

— האָסט פאַר מיר עפּעס אַן אַנדער באַשעפטיקונג?

— וועסט געפינען.

— ס׳רעדט זיך אַזוי!

— וועל איך גיין אַרבעטן.

— גוט — האָט ער איראָניש אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען — און דו מיינסט, אַז די צייטונג שטערט מיר? ס׳איז אַן איינרעדעניש! ווייז איך דיר — לאָז מיך נאָר זיך איינאָרדנען, נעם איך זיך צו דער אַרבעט, כ׳טראָג זיך אַרום מיט אַ גרעסערער זאַך — — —

זי האָט באַמערקט, אַז ער ליידט, אַז ער האָט ניט קיין פאַרלאַנג צו נעמען אַ פעדער אין דער האַנט אַריין און אַז ער זעצט זיך שוין יאָ אַמאָל אַוועק, האַלט ער אין איין מעקן, רייסט ס׳פּאַפּיר, הויבט ווידער אָן, רייסט ווידער און הויבט זיך תּמיד אויף מיט אַ קאָפּ-ווייטאָג. ס׳האָט איר ווי געטאָן פאַרן מאַן.

ערשט נעכטן נאָך איז געווען גענוג געווען זיגמונד זאָל זיך אַוועקזעצן, דורכפירן זיינע צען פינגער איבער די לאַנגע קיטשמעס האָר, פאַרשנירלען דעם שטערן, כאַפּן אַ באַרג מיט ווערטער און ווי אַ כשוף-מאַכער זיי פאַרוואַנדלען אין לעבעדיקע מענטשן. און איצט? פאַר דער לעצטער צייט פילט ער זיך אומבאַהאָלפן. דער מח איז פוסט און די הענט הויבן זיך נישט.

— זיגמונד, וואָס איז דיר? ביזט נישט געזונט? — איז דאָס ווייב צו אים צוגעשטאַנען.

— כ׳בין אַראָפּ פון פנים, האַ?

— פאָלג מיך און גיב אויף די צייטונג!

— דו האָסט דיר אַריינגענומען איין זאַך אין קאָפּ אַריין, — האָט ער זיך אָנגעצונדן — זיך אָנגעהערט ביי טורלינסקין אין דער קאַוויאַרניע פון די „יינגלעך”, אַז אַ קינסטלער טאָר נישט אַרבעטן אין אַ טעגלעכער צייטונג, עס מאַכט אים טעמפּ, האַ? וואָס, ווילסטו כ׳זאָל אָנהויבן שכורן, זיך אַרומשלעפּן מיט ליטעראַרישע קורטיזאַנעס?

— קאָך זיך נישט, — האָט דאָס ווייב אים איינגעשטילט — און כ׳בעט דיך זאָלסט אַזוי מיט מיר נישט רעדן, און די „יינגלעך” זענען דיינע געוועזענע קאָלעגן.

— כ׳האָב נישט קיין קאָלעגן, כ׳דאַרף קיינעם נישט! — האָט ער אָפּגעהאַקט דעם שמועס און איז אַרויס.

אַז דאָס ווייב איז געלעגן געוואָרן מיטן צווייטן קינד, האָט

טאַרלאָווסקי ביסלעכווייז גענומען פאַרלירן די שפּיצן, וואָס האָבן ביז איצט אים נישט געלאָזט זיך איינפּאַסן אין קיין געזעלשאַפט, געשטאָכן ווער עס איז נאָר געקומען מיט אים אין באַרירונג, געבריט. ער האָט זיך פּאָלירט, געוואָרן גלאַטיק, געזעלשאַפטלעכער, זיך צוגעפּאַסט צו דער צייטונג, זיך גענומען גליטשן, גליטשן, ביז ער איז אַריין אין זאָטל — געוואָרן רעדאַקטאָר.

אַ צופרידענער האָט ער גענומען פעט ווערן, אָנגעהויבן שפּילן אין קאָרטן, געקראָגן אַנדערע באַקאַנטע, אָפּט אָנגעפּאַלן אויף זיינע געוועזענע קאָלעגן און איינמאָל אַ זונטאָג האָט ער פאַרבלאָנדזשעט מיטן ווייב אין „קאָשטשאָל" אַריין. זיי האָבן געקראָגן פון די קאָשטשאָל-באַלעבאַטים אַ שיינע אויפנאַמע און מען האָט זיי אַוועקגעזעצט אויבן-אָן, צוזאַמען מיטן אַרויסגעבער.

דאָס ווייב, וואָס האָט שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז זי איז אַ יידישע, האָט זיך אין „קאָשטשאָל" דערפילט שלעכט, נישט געוואוסט, ווי צו האַלטן זיך, געווען זיכער, אַז אַלע טייטלען אויף איר מיט די פינגער, געוועזן בייז אויפן מאַן, וואָס ער האָט זי דאָ פאַרשלעפט און יעדעס מאָל, ווען אַלע האָבן אַנידערגעקניט, איז זי געבליבן זיצן.

זי האָט געקוקט אויפן קניענדיקן עולם, אויף זייערע טעמפּע, גלייכגילטיקע פּנימער, דערזען ווי איר מאַן קניט און צלמט זיך, איז איר געוואָרן אומהיימלעך. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס קומט נישט פון חשבון-הנפש, פון פאַרטיפן זיך, געוואוסט, אַז ער פילט זיך צו טראַכטן, לאָזט עס איבער אויף שפּעטער, איידער ער וועט שטאַרבן, לאָזט עס איבער פאַרן גלח, איז נישט בעסער פון די הונדערטער טעמפּע פּנימער וואָס קניען. זי האָט געקוקט אויפן מאַן, אויף זיינע צעוואַקסענע פלייצעס, זיך געוואונדערט, וואו די ביינער זענען אַהינגעקומען, געזען פאַר זיך אַן אויסגעוועפּטע, אויסגעהויכטע נשמה, און ווי פון זיך האָט ביי איר מיט אַמאָל אויפגעבליצט, אַז דער אַמאָליקער טאַרלאָווסקי איז שוין לאַנג געשטאָרבן, דאָס קניט אַ „כאַם" — מעג די בלאָטע זיין ווי טיף וועט ער זיך וואַרפן אויף די קניען, ווען אַ גלח וועט פאַרבייפאָרן מיט אַ גלאָק.

טיף אין דער נשמה האָט זיך עפּעס ביי איר געוועקט, געוויקלט, מורא געהאַט צו טראַכטן דערפון, געוואָלט עס פאַרטרייבן מיט זייטיקע זאַכן, און אַ פאַרעקשנטער געדאַנק האָט געפּיקעט — אַלץ פאַרשפּילט!

טאַרלאָווסקי האָט ניט פֿאַרגינען זיינע אַמאָליקע קאָלעגן, גע-וואוסט, אַז ער האָט צו טייער באַצאָלט פֿאַרן „באַקוועמען לעבען" און קיין העכערע אַמביציעס ווי צו זיין רעדאַקטאָר האָט ער ניט געהאַט, איז ער געוואָרן פֿאַרביטערט, מבטל געמאַכט אַלעמען. ער האָט געוואָלט אויסרייסן די פֿאַרגאַנגענהייט. האָט ער דעם אַלבאָם איבערגעגעבן זיין זעקס יאָריקן זון, הנאה געהאַט צו זען, ווי דער קליינער לאָבוז שלאָגט זיי אונטער די אויגן, שערט אָפּ די נעז.

אין שטוב האָט מען מער ניט דערמאַנט „יונג-פּוילן", טורלינסקיס קאַוויאַרניע. שלום געמאַכט מיט די אומשטענדן, אויפגענומען געסט, געגאַנגען צו גאַסט, געטריבן רכילות אויף וואָס די וועלט שטייט און מען וואָלט שוין מסתמא דורכגעשטופּט די פּאָר יאָר אין פריידן, — ווען ניט אַ חלום.

נאָך די ערשטע אומרוען אין פּוילן איז איר צו חלום געקומען איר זיידע, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געשטאָרבן.

— טאָכטער, טו אָן דעם צלם און קום — מען האָט מיך געשיקט, כ'זאָל דיר ווייזן ס'גיהנום!

און ווי אַ ווייסער זייל האָט דער גרייז זיך געלאָזט איבער דער פֿינסטערער נאַכט, זיך דורכגעשניטן אַ וועג מיט פֿאַלנדע שטערן.

דער טאָכטער האָט אַ צער אַרומגענומען, ניט געוואוסט וואו זי גייט, קוים געשלעפּט דעם צלם און געגאַנגען נאָכן זיידן, געגאַנגען אין דער אומענדלעכקייט, געהערט ווי די שעה פֿון טויט שלאָגט.

אַרום איז געווען פֿינסטער און פֿון דער פֿינסטערניש האָבן אַרויס-געבלייכט בית-עלמינס, וואו מתים, אויסגעגראָבענע ביינער, זענען געשוואומען הין און צוריק, ווי אָנגעוואָרפֿענע וואָלקנס, קולות האָבן זיך אויסגעמישט, זיך מער ניט געקלאָגט, בלויז געשריען, זיך געריסן צום הימל.

— כ'האָב מורא, וואו זענען מיר?

— מיר זענען, טאָכטער, אין גאָטס הויז, וואו דער מענטש האָט זיך באַזעצט, דעם צלם אַוועקגעשטעלט און קיין גאָט איז ניטאָ!

און פֿון דער ווייטנס האָבן זיך געטראָגן מחנות, פֿאַרבייגעלאָפֿן. קינדערשע קעפּעלעך מיט געקרויזטע פאות האָבן געשטעקט אויף זייערע שפּיזן. דאָס בלוט אַרום די העלזלעך, אַרום די פּאַהלעך, האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן, פֿאַרגליווערט ווי קאָראַלן, געקאָפּעט איבער די ווייסע

אַדלערס, איבער די אויסגעגייטע צלמים – לאָזט די קינדער צו מיר – זייערס איז דאָס קעניגרייך פון גאָט!"

זי האָט געציטערט, געזוכט אין דער פינסטערניש דעם זיידן, אים דערזען צווישן די קברים מיט אַ קינד אויף דער האַנט, האָט זי זיך אַ ריס געטאָן, זיך דורכגעשפּאַרט מיטן צלם צווישן די מחנות. און וואָס גיכער זי איז געלאָפן, אַלץ גרעסער איז אויסגעוואַקסן דער שטח צווישן איר און דעם זיידן, געפילט ווי די כּחות פאַרלאָזן זי. זי האָט געזען ווי רייטערס טראָגן זיך מיט אָנגעשטעלטע שפּיזן, געהערט ווי איר וולאַדעק רופט זי, ניט געקענט מער דאָס מויל עפענען, זיך געכאַפּט, אַז זי האַלט אַ ספר-תורה, פליט, פליט, די רייטערס נאָך איר, באַוואַרפן זי מיט שפּיזן, אירע גלידער צעגייען זיך, לאָזן דורך די שפּיזן און זיי בלייבן שטעקן אין חלל.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אַן אויסגעמאַטערטע, זיך געקווענקלט, צי זי האָט עס ערגעץ געלייענט, צי עס האָט זיך איר געחלומט. געווען זיכער, אַז זי האָט עס געלייענט ביי דאַנטען, צי ביי קראַשינסקין, ניט געדענקט וואו. זי האָט זיך דעם גאַנצן טאָג קיין אָרט ניט גע-קענט געפינען, זיך אַ פּאָר מאָל צוגעשפּאַרט און יעדעס מאָל געזען דעם חלום מיט מער איינצלהייטן. זי האָט געוויינט, געפילט ווי איר לעבן איז פאַרשפּילט, זיך געטרייסט, אַז איצט איז די צייט אויסצו-קויפן אירע זינד, זי מוז פועלן ביים מאַן, ער זאָל זיך אַריינוואַרפן מיט לייב און לעבן, ער רעדאַגירט דאָך די גרעסטע פּוילישע צייטונג אין לאַנד, האָט איינפלוס, דאַרף ער ניט דערלאָזן, מען זאָל קוילן יידן און זי איז צוגעשטאַנען צו אים:

– זיגמונד, פאַרוואָס שווייגסטו?

– איך וואַרט אויף אַן אָפיציעלער ידיעה, עס קען זיין, אַז די דייטשן ווילן אונז דיסקרעדיטירן. ס'גלויבט זיך מיר ניט, אַז מיר, פּאָליאַקן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט קיין קעניג היגגעריכטעט, זאָלן איבער נאַכט ווערן מערדער, הרגענען אומשולדיקע מענטשן!

– און וואָס איז געווען אין גאַליציע?

– אין גאַליציע איז געווען עפּעס אַנדערש. עקאָנאָמישע אומשטענדן, עס האָבן געליטן אויך פּאָליאַקן – – –

– שעם זיך, זיגמונד, דו זאָלסט עס זאָגן! – און די אויגן זענען ביי איר פאַרלאָפן געוואָרן.

טאַרלאָווסקי איז געוואָרן גערירט, גאָרניט געענטפערט, געוואוסט ביי זיך, אַז דאָס ווייב איז גערעכט. ער האָט גענומען שפּרייזן איבערן צימער. דער אַמאָליקער טאַרלאָווסקי האָט זיך אַ וועק געטאָן אין אים, אים געזידלט, זיך אַ הויב געטאָן איבער אַלע קליינלעכקייטן, דערשמעקט פּולווער. געהערט ווי זיין אַמאָליקער בייטש קנאַלט אין זיין פאַרקוועטשטער האַנט.

ער וועט מאָרגן אַרויס מיט אַן אַרטיקל, פאַרדאַמען — — — אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת, לאָז די וועלט וויסן, אַז אַ באַפרייט פּוילן קען זיך נישט בויען אויף עוולות קעגן מענטשן.

ליגנדיק ביי נאַכט אין בעט, האָט דאָס ווייב זיך געטרייסט, אַז עס איז נאָך ניט אַזוי שלעכט, אַז אַזעלכע מענטשן ווי זיגמונד מוזן זיין דאָרט אין פּוילן אַ סך, זיי וועלן ניט דערלאָזן צו קיין הריגות, וועלן זען, אַז פּאָליאַקן זאָלן צוריק ווערן שלום מיט יידן.

זי איז געווען גליקלעך, וואָס איר מאַן וועט מאָרגן אַרויס מיט אַן אַרטיקל, יידישע צייטונגען וועלן אים ציטירן, זיי וועלן וויסן, אַז ער האָט אַ יידישע פרוי.

צומאָרגנס נאָכמיטאָג, אַז זי האָט געעפנט דעם „קוריער" און געפונען איר מאַנס אַן אַרטיקל, וואו ער באַשולדיקט די יידן, אַז זיי טראַכטן אויס פאַלשע בלבולים אויף פּאָליאַקן, אַז אין פּוילן איז שטיל, עס איז קיין זאַך ניט פאָרגעקומען — איז זי געבליבן שטיין אַ צעטומלטע מיט ברייט צעעפנטע אויגן, ווי מען וואָלט איר פּלוצלינג אָפּגעמאָסטן מיט אַ דראָנג איבערן קאָפּ.

זי האָט בשעת מעשה אים געוואָלט טעלעפאָנירן, ער זאָל ניט אַהיים קומען, דער אַמאָליקער טאַרלאָווסקי איז שוין לאַנג טויט, זי וואוינט מיט אַן אַנדערן, אַ פּעטן, אַן אומגעלומפּערטן, אַ „סטרוזש" ביי אַ פּאָליטישן, טוט וואָס מען הייסט אים, גייט אויף אַלע פיר און טענהט, אַז אין אַמעריקע איז אַ צייטונג „ביזנעס" — — —

זי האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפונען, געגאַנגען פון איין צימער אין צווייטן, די חושים זענען ביי איר געוואָרן שאַרפער, דער מח האָט געאַרבעט שנעלער. ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך, אָפּגעמאַכט אַוועקצוגיין פון מאַן, כאָטש אין האַרצן האָט איר עמעצער אונטערגעזאָגט, אַז זי וועט עס ניט טאָן, אַז זי וועט שוין אַזוי אָפּפינסטערן איר לעבן.

זי האָט אויפגעזוכט איר פּאָטערס אַ בילד, לאַנג געקוקט אין זיינע שטילע, פאַרווייטאָקטע אויגן, זיך געפילט זינדיק קעגן אים, זייער געוואָלט איר יינגל זאָל כאָטש וויסן, אַז ער איז אַ „זשיד", די מאַמע אַ „זשידאָווקע" און אָנגעהויבן רופן:

— וולאַדעק, וולאַדעק!

דאָס יינגל איז אַרויף צו דער מוטער אויף דער אָטאָמאַנע און זי גענומען האַלזן:

— מאַמוניו, ווילסט עפּעס?

זי האָט ניט געענטפערט, זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין זיין בליק, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט. דעם יינגל איז געוואָרן אומהיימלעך און ער האָט זיך געבעטן:

— קוק ניט אַזוי!

עס האָט איר הנאה געטאָן, וואָס דאָס יינגל איז ניט געראָטן אין פּאָטער און אים צוגעדריקט צו זיך:

— וולאַדעק, ווייסט וויפיל זיידעס דו האָסט?

— כ'ווייס.

— וויפיל?

— צוויי. דעם טאַטנס טאַטע און דיין טאַטע.

— זעסט, דאָס איז מיין טאַטע, — האָט זי אַרויסגענומען דאָס בילד פון אונטערן קישן.

— ס'איז ניט! דאָס איז אַ ייד מיט אַ באָרד און איך האָב ניט ליב קיין יידן!

— פאַרוואָס?

— פּראַניאַ זאָגט, אַז יידן כאַפּן קליינע קינדער, זיי האָבן אַזעלכע גרויסע זעק! אַזעלכע, זעסט? — האָט דאָס יינגל צעשפּרייט די הענט.

— פּראַניאַ איז אַ נאַר.

— זי איז ניט.

— און דיין מאַמע האָסטו ליב?

— דיך האָב איך ליב!

— איך בין אויך אַ „זשידאָווקאַ".

— ביזט ניט.

— און די ביזט אַ „זשידזשאַק".

— כ'בין ניט.

— זעסט, אַלע וואָס האָבן שוואַרצע געקרויזטע האָר און שוואַרצע אויגן זענען יידן.

— און וואַצעק?

— וואַצעק האָט ווייסע האָר און בלויע אויגן.

— איז ער ניט קיין ייד?

— ניין.

— און דער טאַטקאָ, האָט ניט קיין שוואַרצע האָר?

— איז ער אויך ניט קיין ייד!

דאָס יינגל האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט, ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן און אַראָפּ פֿון דער אָטאָמאַנע.

— כ׳וויל ניט זיין קיין ייד!

די מוטער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר די שמאָלע פּלייצעלעך, פֿון כעס אים אַ שלעפּ געטאָן צו זיך, אַז דאָס יינגל האָט זיך אַזש פֿאַרקרימט, באַלד זיך געטאַמעוועט און ניט באַמערקט, ווי דער מאַן איז שטיל אַריין אין איר צימער און זי אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ:

— וואָס זיצסטו עפּעס אין דער פֿינסטער, מאַמוניו? כ׳האָב געבראַכט אַ גאַסט!

זי האָט געהאַט באַשלאָסן זיך ניט אויפֿצוהייבן, ניט צו רעדן מיט אים, געהערט אָבער, אַז עס איז דאָ אַ פֿרעמדער, האָט זי זיך אויסגעריבן די אויגן און זיך אויפֿגעזעצט:

— אַנטשולדיקט, פּאַניע גלאָוואַצקי.

גלאָוואַצקי האָט זיך פֿאַרנייגט און אַ קוש געטאָן דער מאַדאַם אין דער האַנט אַריין.

— כ׳האָב געמיינט, וועסט אונז אָפּוואַרטן ביים „דאַך‟ — האָט דער מאַן אַ דריק געטאָן אַן עלעקטריש קנעפּל און עס איז געוואָרן ליכטיק.

זי האָט געהאַט אַ פֿולן האַלז מיט טרערן, זיך איינגעהאַלטן, געזשמורעט די אויגן פֿון ליכט און זיך געפֿרעגט

— איר זענט דאָך אַוודאי הונגעריק?

— נאָך ווי!

— מיר גייען גלייך עסן.

---

נאָכן אָוונט-ברויט איז גלאָוואַצקי אַרויס אויף דער וועראַנדע. עס איז שוין געווען פֿינסטער. דאָס הויז איז געשטאַנען אין דערמיט

פון אַ געוועזענעם וואַלד. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ געפלאָכטענער וויג-שטול, אָנגעשפאַרט די פיס אָן דעם פאָרענטש פון דער וועראַנדע און געקוקט אין דער נאַכט אַריין. עס איז געווען שטיל, קיל. פון וואַלד, פון די לאָנקעס, פון אַלע באַשעפענישן, וואָס אין זיי, האָט זיך געטראָגן אַ שטיל זשומעריי, וואָס האָט נישט געלאָזט טראַכטן, געררוישט אין די אויערן און געשלעפערט. פייער-פליגעלעך האָבן זיך געצונדן, געלאָשן, געדיכטער געמאַכט דאָס פינסטערניש און אויסגעזען פון דערווייטנס ווי צעשמאָלצענע טראָפנס גאָלד.

. גלאָוואַצקי האָט לייכטער אָפגעאָטעמט, פאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט געקומען אין דער ריכטיקער צייט, געזעסן ביים טיש ווי אַן איבעריקער, אָנגעוואָרן דעם אַפעטיט, מורא געהאַט, עס זאָל זיך נישט עפעס פאַנאַנדערשפילן צווישן מאַן און ווייב, כאָטש זיי האָבן צווישן זיך כמעט ווי נישט גערעדט. יעדעס מאָל, ווען טאַרלאָווסקי האָט פאַר-פירט אַ שמועס, געוואָלט צעטרייבן די אָנגעצויגנקייט, איז גענוג געווען, דאָס ווייב זאָל לאָזן פאַלן אַ וואָרט, צי פון דער זייט אויף אים אַ קוק טאָן, ער זאָל אַנטשוויגן ווערן. און דאָס שווייגן האָט געמאַכט יעדן אויסזען נאַריש. גלאָוואַצקי האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט זיך געפונען ערגעץ אונטערוועגנס אין אַ נייעם זומערדיקן אַנצוג און דאָ נעמען זיך מיט אַמאָל קלייבן וואָלקנס, עס ווערט פינסטער, פינסטערער, עס קאַפעט שוין, עס וועט באַלד אַ גאָס טאָן אַ רעגן און ער שטייט אין מיטן פעלד, האָט נישט וואו זיך צו באַהאַלטן.

ער האָט זיך געוויגט אויף דער שטול און געטראַכט, אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען צו לאָזן מאַן און ווייב אַליין און איידער זיי קומען אַרויס, זיך אַוועקצוגנבענען, כאַפן די לעצטע שיף און צוריק פאָרן אין שטאָט אַריין. ער איז געבליבן זיצן. דאָס פינסטערניש, די גלי-פליגעלעך, דאָס קוקן אין דער נאַכט אַריין און נישט וויסן, וואָס עס קומט פאָר פאַר זיינע אויגן, דאָס אַלץ האָט אויף אים אָנגעיאָגט אַן אומעט און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער האָט שטענדיק מקנא געווען זיין קאָלעגע טאַרלאָווסקין, ביי וועמען ער האָט געאַרבעט אַלס אַסיסטענט.

ער האָט געקוקט פאַר זיך, געזען, ווי די נאַכט מיט טויזנטער אויגן, וואָס צינדן און לעשן זיך, טאַפט אין דער פינסטערניש, שטעלט איבער אַלץ וואָס עס קומט איר אַנטקעגן.

פון די צימערן האָבן זיך געהערט קולות. ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, גאָרנישט געקענט כאַפּן און אַ פאַרלוירענער זיך פאַרטיפט אין דער אייגענער נשמה.

דער מענטש, וואָס באַהערשט וואַסער און לופט, מאַכט אונטערטעניק אַלע חיות, דרינגט אַריין אין זיין אייגענעם מח, קען יעדעס שפּעלטל, יעדעס קעמערל, לייענט פון דאָרט אַרויס די פאַרבאָרגנסטע סודות, ווי פון אן אָפן בוך, דערזעלבער מענטש, אַז ער טרעפט אָן צופעליק אַ פרוי, איז געבוג, אַז די חיה, וואָס שלאָפט אין אים שוין טויזנטער יאָרן, זאָל זיך מיט אַמאָל אויפכאַפּן, אים פאַרוואַנדלען אין אַ שפּילצייק, צעברעכן זיין ממשלה אויף שטיקלעך — — —

— שלאָפסט, לעאָנאַרד? — איז זיגמונד אַרויס אויף דער וועראַנדע אין אַ פאָר ווייסע הויזן.

— ניין!

טאַרלאָווסקי האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ געפלאָכטענעם שטול און גענומען אויספייפן עפּעס דורך די ציין.

באַלד איז מאַדאַם טאַרלאָווסקי נאָכגעקומען. די צעפּ אַראָפּגעלאָזט ווי ביי אַ מיידל, האָט זי אין דער פינסטער, אָנגעטאָן אין ווייסן, אויס-געזען בויגיקער און העכער.

גלאָוואַצקי איז אויפגעשפּרונגען, איר אָפּגעטראָטן זיין וויג-שטול:

— ביטע!

— זיצט, זיצט, — האָט זי אים צוריק אַריינגעזעצט אין דער שטול — איך וועל מיר שוין געפונען אַ פּלאַץ.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן פּאָרענטש פון דער וועראַנדע, די פיס אַראָפּגעהאָנגען, די הענט פאַרלייגט, דעם קאָפּ עטוואָס אָנגעבויגן, ווי זי וואָלט זיך איינגעקוקט אין עפּעס און אין איר זיצן איז געווען רייץ און בענקשאַפט.

גלאָוואַצקי האָט פון דער זייט געקוקט אויף איר און זיך געטראַכט, אַז פרויען דאַרפן זיך נאָר צייגן ביי נאַכט. ער האָט מער ניט געקענט איינזיצן, געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס, מאַכן שלום צווישן מאַן און ווייב און זיך אויפגעשטעלט.

— פאַני טאַרלאָווסקי! כאַפּן פאַר אייך אַ גאָלדן פליגעלע?

איידער זי האָט אים געענטפערט, איז ער שוין געווען אויף דער אַלעע, זיך געיאָגט נאָך די פליגעלעך, געהערט ווי זי שרייט אים נאָך:

— נאָר זעט, פּאַניע גלאָוואַצקי, ס׳זאָל זיין אַ גאָלדענס!

וואָס ער האָט געכאַפּט אַ פליגעלע, האָט עס אויסגעזען, ווי אַ שוואַרץ ווערמל, קיין זכר געווען פון פייער און ווען ער האָט עס נאָר אָפּגעלאָזט, האָט עס זיך אַ צינד געטאָן.

— ביזט טאַקע ברוגז? — האָט טאַרלאָווסקי אַ רוק געטאָן זיין שטול צום ווייב.

זי האָט זיך אָפּגערוקט און ניט געענטפערט.

— אַז איך בין ניט דער בעל־הבית פון דער צייטונג?!

— רעד ניט צו מיר!

— ס׳איז דאָך ניט שיין פאַר אַ פרעמדן, — האָט טאַרלאָווסקי זיך געבעטן — כ׳גיב דיר מיין ערן וואָרט, אַז ס׳איז ניט מיין שולד, איך בין ניט דער בעל הבית פון דער צייטונג — — —

— כ׳וויס, אַז דו ביזט ניט דער בעל־הבית — האָט זי אים איבער-געריסן — ביזט אין דער רעדאַקציע אַ „סטרוזש״! דאָס אויך ניט. מיכאַל, וואָס האָט אַראָפּגענומען ביי מיין פאָטער די לייכטער אום שבת, איז געווען מער מענטש פון דיר!

— גענוג, אַז איך וויס, ווער דו ביזט — האָט טאַרלאָווסקי אַן אויפ-גערעגטער זיך אַ הויב געטאָן און געבליבן זיצן אויף דער שטול — שווייג שוין אַ מאָל, וועסט צייט האָבן צו ווייזן דיינע שטיק, ווען גלאָוואַצקי וועט אַוועקגיין!

— פיליסטער!

גלאָוואַצקי איז געשטאַנען ביי דער וועראַנדע און געזוכט אַן אָרט, וואו זיך צו באַהאַלטן.

טאַרלאָווסקי האָט אים דערזען, זיך צעפּינטלט, זיך געשעמט פאַר זיין אַסיסטענט און עס איז אים דורכגעלאָפן אין מח, אַז מאָרגן וועט זיך די רעדאַקציע וועגן אַלץ דערוויסן, און ער וועט זיך קיינעם ניט קענען ווייזן אויף די אויגן. ער האָט געקוקט אויפן ווייב, ווי זי איז געשטאַנען עטוואָס אַן איינגעבויגענע, די האָר צעפּאַטלט, די אויגן האָבן עפּעס געזוכט, האָט ער זי פיינט געקראָגן. זי האָט אים דערמאַנט אַ „זשידאָווקא״ אַן אויפקויפערין, וואָס לויפט פון איין וואָגן צום צווייטן, שרייט, שעלט זיך און ער האָט חשק געקראָגן זי אָנצוכאַפּן פאַר די צעפּ, זיי אַרומוויקלען אַרום דער האַנט און — — —

אַ פּאַרלוירענער, ווי מען וואָלט אים געכאַפּט ביי אַ נאַרישקייט,

האָט טאַרלאָווסקי זיך גענומען פאַרענטפערן פאַר זיין אַסיסטענט:
— איך בין שולדיק, אַז מען שלאָגט יידן?

— פאַרענטפער זיך כאָטש ניט! — איז זי אַראָפּ פון פאָרענטש, אַ טופּע געטאָן מיט אַ פוס, זיך אויסגעבויגן אין דער ריכטונג פון מאַן.

גלאָוואַצקין איז מיט אַמאָל עפּעס קלאָר געוואָרן. ער האָט געזען ווי די שוואַרצע אויגן צינדן זיך ביי איר און אין גאַנצן שפּייט זי פייער, איז אים איינגעפאַלן, אַז אַזוי האָט געמוזט אויסזען יהודית, ווען זי האָט געהאַלטן די שווערד אין האַנט און זיך געקליבן אָפּצושניידן דעם שונא דעם קאָפּ.

— ווער פאַרענטפערט זיך? — איז טאַרלאָווסקי אויפגעשפּרונגען און אַריינגעמאַכט די הענט אין די הויזן-קעשענעס — זיך אָנגעזעצט אויף מיר ווי אַ „זמאָרע״! ערן וואָרט, כ'וועל אַוועק פון שטוב!

פונקט ווי ביי אַ פייער, איידער עס באַווייזט זיך דער פלאַם, שטופּט זיך דער רויך קנוילנווייז, אַזוי האָט מאַדאַם טאַרלאָווסקי פריער אָנגעהויבן צו העשן, דערנאָך האָט זי פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט, אַרויסגעלאָזט אַ דין געוויין, עס געצויגן אַלץ העכער און זיך געלאָזט מיט דער וועראַנדאַ.

עס איז געוואָרן נאָך שטילער ווי פריער, און אין דער לופט איז געבליבן עפּעס שפּיציקעס, וואָס האָט געשטאָכן אין די אויערן, עס האָט זיך געהערט דאָס „סיקן״ פון די גאָלדענע פליגעלעך.

טאַרלאָווסקי מיטן אַסיסטענט זענען געשטאַנען אין מיטן דער וועראַנדע, אַזעלכע הויכע, ברייט-ביי:ניקע, געזען, ווי זי גייט מיט דער אַלעע, בויגט זיך, ווי זי וואָלט געטראָגן אַ שווערע משא, פאַרשווינדט, בלויז דאָס ווייסע קלייד טוט פון מאָל צו מאָל זיך אַ צינד אין דער פינסטערניש, האָבן זיי זיך פאַרלוירן, געוואוסט, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן, אויסגעמיטן איינער דעם צווייטן און פאַרוויטאָגטע מיט צעעפנטע מיילער געקוקט אין דער נאַכט אַריין.

1919

# אַ נייער ישוב

מיט מזרח פּרייסן איז אויך אַלענדאָרף — אַ פאַרוואָרפן שטעטל צווישן ליימיקע בערג, וואו צוצוקומען איז געווען שווער — איבערגע־גאַנגען צו פּוילן.

כמעט אַלע איינוואוינער פון אַלענדאָרף זענען פון דור־דורות געווען טעפּער. דאָס שטעטל איז געווען ווייט פון באַן, פון אַ ישוב. די ערד אַרום און אַרום אויף מיילן איז געווען אַ ליימיקע, אַ גאָלע, אָן אַ זכר פון גראָז, אַז אַפילו אַ בהמה האָט זיך אויף איר נישט געקענט האַלטן.

די איינוואוינער האָבן אַ קיילעכדיק יאָר אויסגעאַרבעט ערדענע כלים, הייליקע פיגורן. זייערע שיסלען האָבן געשעמט איבער גאַנץ פּרייסן און צו די הייליקע, געגלייזטע פיגורן האָט ס'פּויערים־פאָלק תפלה געטאָן.

פּוילישע יידן האָבן דורכגעשניטן פאָמערן אין דער לענג און אין דער ברייט, געזען צו פאַרכאַפּן דעם מאַרק. מען איז געפאָרן מיט זאָמען, אייזנוואַרג, מיט לעדער און טוך — קאָנקורירט מיט דאַנציג.

אַלענדאָרף האָט מען אויסגעמיטן, געווען ווייט פון אַ באַן, געדאַרפט פאָרן אַ טאָג מיט אָקס.

די דייטשע יידן האָבן בּיסלעכווייז איבערגעגעבן די פּוילישע ברידער דעם האַנדל און אַליין זענען זיי אַוועק פון פאָמערן. און אַז מען האָט אַריינגעקראָגן דעם האַנדל און געגנומען זוכן פרישע פּרנסות, האָט זיך אַ ייד, אַ סוחר פון געשיר, געלאָזט נאָך אַלענדאָרף.

דער וועג איז געלאָפן אָן אַ זייט, צווישן בערגער ליים. דאָ און דאָרט האָט דאָס ליים געפינקלט ווי שיטערער זייף, געשראָקן, אַז גלייך ווי מען וועט אַ פוס אַוועקשטעלן, וועט מען איינזינקען אין דער געל־גרינלעכער מאַסע.

אַרום איז געווען שטיל, ווי אַלץ וואָלט אויסגעשטאָרבן און אַן

אומעט איז געלעגן אויף דעם גאַלן שטיק ערד, וואו אַ חוץ גריבער און צעקרימטע ביימלעך האָט מען גאָרנישט באַגעגנט.

דער אָנטרייבער האָט געלאָזט לויפן ס'פערד, אַליין האָט ער זיך אויסגעדרייט צום פּאַסאַזשיר, געוויזן אויף אַ חרובער ציגל-פאַבריק, וואו דער בלויזער קוימען, אַן איבערגעבראָכענער און אַ געלעכערטער איז געבליבן.

— דאָס האָבן מיר חרוב געמאַכט!

— ווער, פּאָליאַקן?

— יאָ, פּאַניע.

— פאַרוואָס?

— ווייל, פּאַניע, דער נישט-גוטער האָט דאָ געוואוינט, אין דער ציגעלניע מיין איך — — — פויערים האָבן אים געזען, דעם נישט-גוטן, ווי ער האָט שפּאַצירט מיטן בעל-הבית, מיט הער וואַגנער!

— אַ דייטש?

— יאָ, פּאַניע.

— און וואו איז ער איצט, דער הער וואַגנער?

— ער האָט זיך קוים אָפּגעטראָגן מיטן לעבן!

— און דער נישט-גוטער?

— נישטאָ מער, פּאַניע, נישטאָ?

דער פורמאַן האָט אויסגעשפּיגן און גענומען טרייבן די פערד.

דער פּאַסאַזשיר, אַ וואַרשעווער יונגערמאַן, אַ סוחר פון געשיר, וואָס איז געפאָרן נאָך אַלענדאָרף וועגן מסחר, האָט אויסגעהערט דעם פורמאַן און זיך פאַרטראַכט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געזען ווי דאָ און דאָרט שפּאַרט זיך דאָס ליים פון די בערג, פּאַטשקעט זיך, דערמאַנט אַן אָפענע וואונד.

די שטילקייט האָט אים דענערווירט. ער האָט געקוקט אויף דעם פויערס ברייטע פּלייצעס, זיך דערמאָנט אָן דעם הער וואַגנער און ס'איז אים קאַלעמוטנע געוואָרן. פון זיכערקייט וועגן האָט ער זיך אַ טאַפּ געטאָן ביי דער קעשענע, צי דער רעוואָלווער ליגט און כאָטש ער האָט נאָך קיינמאָל מיט אַ רעוואָלווער נישט געהאַט געשאָסן, איז ער געוואָרן אויפגעלעגטער און אַ זאָג געטאָן:

— פּאָרט שנעלער!

דער יונגערמאַן האָט געקוקט אויפן איבערגעבראָכענעם קוימען,

וואָס איז געשטאַנען אַ שוואַרצער, אַ צעלעכערטער, געגאָפּט אין חלל אַריין, ווי אַ דורכגעברענטער בוים פון אַ דונער. דער קוימען איז געשטאַנען ווי אַ מחיצה, איבערגעריסן די שטילקייט פון די ליימיקע פעלדער. די שטילקייט, דאָס וויגן זיך אויפן וואָגן, האָבן געקלעפּט די אויגן און דער יונגערמאַן האָט געזען מיט אַלע כּחות, ער זאָל ניט איינדרימלען.

פאַרנאַכט זענען זיי אָנגעקומען נאָך אַלענדאָרף. אין אַ זייטיק געסל איז געשטאַנען אַ שול, אַן אַלטע, אַ ציכטיקע, וואו איין דאַך, אַ האַלב־קיילעכדיקער, האָט זיך געהויבן איבערן צווייטן — אַ פּוטערן היטל איבער אַ היטל. פון ביידע זייטן שול האָט זיך געצויגן אַ פאַרצווייגטער גאָרטן.

דעם יונגענמאַן איז וואַרעמער געוואָרן — געהאָפּט, אַז ער וועט נאָך אַריינכאַפּן אַ מנחה־בצבור, געשעפּט וועט ער שוין היינט סיי־ווי־סיי ניט מאַכן, צו שפּעט.

די שול איז געווען געשלאָסן. ער האָט אָנגעקלאַפּט ביים שבת־גוי. אַן אַלטע פרוי איז אַרויסגעקומען:

— וואָס ווינשט דער הער?

— די סינאַגאָגע איז שוין געשלאָסן

— כ׳קען זיך גלייך עפענען!

— כ׳מיין, שוין נאָך גאָטעס־דינסט?

— קיינע גאָטעס־דינסט, מיין הער

— וואָס מיינט איר?

— נישטאָ קיין יידן מער!

— איך בין אַ ייד!

— דער הער איז אַ ייד? — האָט די אַלטע געעפנט אַ פּאָר אויגן, ווי זי וואָלט זיך באַגעגנט מיט אַ בישט־גוטן, געקוקט אויפן יונגענמאַן און גענומען רופן: לוציא, לוציא, ברענג די שליסלען!

אַ בלאָנד מיידל איז אַרויסגעשפּרונגען מיט אַ לאַנגן שליסל.

— זעסט, לוציאַ, דער הער איז אַ ייד! און מיר האָבן געמיינט — האָט זי זיך אויסגעדרייט צום יונגענמאַן — אַז ס׳זענען מער קיין יידן נישטאָ!

— און צו וועמען באַלאַנגט די שול?

— דער שטאָט. די גאַנצע יידישע געמיינדע איז נאָך מיט צוויי יאָר צוריק אַוועק פון אַלענדאָרף. געבליבן איז דער ראַבינער. ער האָט

געהונגערט אין אַלענדאָרף. פאַראַיאָרן האָט ער מיטגענומען זיין פאָטערס מצבה און איז אויך אַוועק.

— האָט די שטאָט איבערגענומען די שול ?

— יאָ, מיין הער. מען האָט אויך אַלע אַלטע מצבות פון בית-עולם אַהערגעבראַכט און געמאַכט פון דער סינאַגאָגע אַ מוזעאום.

— קומט ווער ?

— יאָ. לערער, פּראָפעסאָרן קומען מיט די שילער אַהער. יעדן זונטאָג קומען אַנדערע געסט אויך, לאָזן ביר געלד — — —

דער יונגערמאַן האָט איר איינגעשטעקט אַ פּאָר מאַרק, געהערט ווי זי שליסט די אַלטע, שווערע טירן, און מיט אַ ציטער אַריינגעגאַנגען אין דער קילער, טונקעלער שול.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער יידישער ישוב.

1922

# שמעלץ־טאָפּ

# טויט

יעקב גרין האָט אין שלאָף געפילט, ווי מען וועקט אים, געהערט ווי מען רופט אים ביים נאָמען, האָט ער זיך אַ ריס געטון, צעעפנט די אויגן, דערזען נעבן זיך איינעם אין ווייסן, ווי אַ מת, און אַן איבער-געשראָקענער זיך אויפגעזעצט:

— ווער איז דאָס?

— דאָס בין איך, מיסטער גרין, — האָט דער מאַן, ביי וועמען גרין האָט געוואוינט אים באַרוהיקט, — טוט אייך גיכער אָן און פאָרט אַריבער צו אייערע עלטערן. אייער קאָזין וואַרט אויף אייך!

— וואָס איז? וואָס איז געשען?

— שרעקט אייך נישט איבער, — אייער פאָטער איז געשטאָרבן!

גרין איז געבליבן זיצן אויפן בעטל אַ גלייכגילטיקער, קיין זאַך נישט געפילט, ווי עס וואָלט זיך נישט געהאַנדלט וועגן זיין פאָטער, נאָר וועגן אַ ווילד-פרעמדן. ער האָט געזען, ווי דער בעל הבית, אַ ניי-געריקער, שטייט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, לאָזט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ. דער בעל הבית האָט זיך אַזוי פאַרגעסן, אַז זיינע לויזע גאָטקעס האָבן זיך אים אַראָפּגערוקט, יעדער ווייַלע געקענט פאַלן איבער די פיס. גרין האָט זיך איינגעהאַלטן, ער זאָל נישט אַ שמייכל טון. ס'איז אים מיט אַמאָל איינגעפאַלן, אַז ווער ווייס? טאָמער האָט דער אָנזאָגער פון אַ שלעכטער בשורה אומבאַוואוסט, אַזוי פיל פאַרגעניגן, וויפיל דער אומגליקלעכער האָט צער? דער בעל הבית איז נאָך גע-שטאַנען אַ ווייַלע, און איז אַרויס פון צימער. גרין האָט געהערט, ווי היגטער דער טיר האָט אים די „מיסעס" אָפּגעשטעלט און אים אָנגעהויבן אויספרעגן. ער האָט נישט געענטפערט, בלויז געבורטשעט, אין כעס געוועזן, וואָס מען האָט אים איבערגעוועקט און עטלעכע מאָל איבער-געחזרט:

— כ'וועל שוין היינט קיין אויג נישט צומאַכן!

גרין האָט זיך גענומען אָנטון, זיך דערמאַנט, אַז עס איז נעכטן

געגאַנגען אַ רעגן און אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. עס איז געווען טרוקן. איבערן הימל זענען געלעגן שטיקער וואָלקן, איינס איבערן אַנדערן, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אַראָפּצופאַלן. עס האָט גרינען דורכגעשווידערט. פון קעלט האָט ביי אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, און אַ געבויגענער איז ער אַריין צום קאָזין:

– ווען איז עס געשען?

– היינט אַרום עלף ביינאַכט.

– ער איז דאָך גאָרנישט קראַנק געווען?

– נעכטן האָט דער פעטער געזאָגט, אַז ער פילט נישט גוט, זיך געלייגט אין בעט אַריין, און איידער דער דאָקטער איז געקומען, איז געווען נאָך אַלעמען.

– קום!

שטומע זענען זיי געגאַנגען צום „עלעווייטער". אַ שווערע שטיל־קייט איז געלעגן איבער די לאַנגע, ליידיקע גאַסן, זיך אַרויסגערוקט פון די אָפּגעבלאַקעוועטע פיר־עקיקע הייזער, ווי גרויסע קאַסטנס, אַרויסגעקוקט פון די טויזנטער פינסטערע פענסטער, אָנגעיאָגט אַ שרעק. און אין דער נאַכט אַריין האָט זיך געטראָגן פון די „באָרעלס" מיסט אַ פאַרשטיקט יאָמעריי, ווי פון קברים אַרויס. דאָס האָבן קעץ געקלאָגט – אָנגעזאָגט שלעכטע בשורות.

זיי זענען אַריין אין „עלעווייטער". גרין איז געזעסן, געוואָלט צונויפנעמען די געדאַנקען, טראַכטן וועגן פאָטער, זענען אים אויף צו להכעיס געקראָכן אין קאָפּ אַריין האַלב־פאַרשלאָפענע פנימער מיט נעז פון פאַסאַזשירן. ער האָט זיך אויסגעקניפּט שטיקער פלייש, זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, פאַרן קאָזין, און געטראַכט, אַז ער איז אַ מאוסער מענטש. ער האָט מיט אַמאָל פאַרגעסן, ווי דער פאָטער האָט אויסגעזען, זיך גענומען רייבן דעם שטערן, זיך געוואָלט דערמאַנען, – און פון אַנטקעגן איבער האָבן געטאַנצט, געלאַכט צוויי נעגערישע מיידלעך, מיט קליינע אויפגעשטעלטע צעפּלעך, ווי די עקלעך ביי „שטשעניאַקעס", האָט גרין זיך פאַרגעסן, גענומען לייענען דעם אַנאָנס וועגן „גאָלד שטויב", און דער „עלעווייטער" האָט זיך געשלעפּט, געקראָכן אין די ביינער, ווי אַ פוילער רעגן.

– אָט זענען מיר! – האָט דער קאָזין זיך אויפגעשטעלט.

גרין האָט אַ ציטער געטאָן. אין האַלז האָט זיך ביי אים עפּעס

אוועקגעשטעלט, ווי אַ פּויסט, און אַ צעווייטאָקטער איז ער אַראָפּ אין גאַס.

ביים אַראָפּגאַנג, אין מיטן גאַס, איז געלעגן אַ גרויס שטייף פערד אין אַ לוזשע בלוט. ס׳רעכטע אויג אָפן. איין פוס אין דער לופטן, פאַרבויגן. ווי די שטומע חיה וואָלט זיך געוועדט, געוואָלט דעם טויט אַ בריק טאָן, געבליבן מיט אַמאָל אָנמעכטיק און דער פאַרמאָסטענער פוס איז פאַרגליווערט געוואָרן.

גרין האָט אויפגעשווידערט, געפילט ווי יעדער נערוו אין אים שרויפט זיך פאַנאַנדער, ווייל אַ געשריי טאָן, האָט ער פאַרקוועטשט די אויגן, אַרויסגעפרעסט צוויי טרערן און מיט אַ קרעכץ געגאַנגען ווייטער.

די גאַס איז געווען ליידיק, אַ וואָגן איז געפאָרן מיט אַ קלאַפּערריי פון הויז צו הויז, צוגענומען די „בארעלס״, די לופט איז פול געווען מיט אַש און שטויב.

גרין איז אַריין אין שטוב, אַ פאַרשטיקטער ריח פון אויסגעגאַנ־גענע ליכט און יאָדאָפאָרם האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פנים אַריין. עס איז געווען שטיל. די מוטער, אַ שוואַכע, אַ קליינע, איז געלעגן צוגעשפּאַרט אין די קליידער אויף אַ בעט. נעבן איר איז געלעגן אַן עלטערע פרוי, דעם טאַטנס אַ שוועסטער. די ווייבער אויסגעמאַטערטע פון צופיל וויינען, מיט פאַרבונדענע קעפּ, זענען ביים עפנען די טיר אַראָפּ פון בעט, אַנטקעגן געגאַנגען יעקבן און מיט פאַרבראָכענע הענט אויף ס׳ניי אָנגעהויבן צו קלאָגן.

גרין, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרטראָגן די יללות פון אַ יידישער לויה, איז איצט געשטאַנען און געפילט, ווי עס ווערט אים פון די געש־רייען לייכטער, געפילט, אַז די פּויסט, וואָס האָט זיך אים אַוועקגעשטעלט אין האַלז, לאָזט נאָך, צעגיסט זיך איבער זיינע נערוון ווי פייער. ער האָט געוואָלט, אַז די געשרייען זאָלן ווערן העכער, העכער, זיי זאָלן דורכברעכן די סטעליע, דערגרייכן די הימלען, און אַלץ דאָרט אויפטרייסלען.

אין דער מוטערס צעווייטאָקטע אויגן איז געלעגן די גאַנצע אומבאַ־האָלפנקייט און שרעק פאַרן טויט. זי איז צוגעגאַנגען צום זון, אויסגעבויגן די קליינע פאַרבראָכענע הענט און כליפּנדיק געוויזן אויפן צווייטן חדר, וואו דער מת איז געלעגן.

— זע, יעקב, וואָס פאַר אַ בראָך איז אונז געשען! האָסט שוין קיין טאַטן ניט.

דער זון האָט אַרומגענומען די קליינע מאַמע, פאַרביסן די ליפּן, געשטאַנען מיט איר אַ ווײַלע און זי צוריק אַוועקגעזעצט אויפן בעטל.

די מומע מיט פאַרבראָכענע הענט איז געגאַנגען איבערן צימער, גערעדט ווי צו זיך, אויסגערעכנט איר ברודערס יחוס. געוועקט די גרעסטע פּוילישע רבּיים פון די קברים, זיי זאָלן אים אַנטקעגן גיין, זיי זאָלן זיך מיען פאַר זייער קרוב, וואָס איז נעבעך נע-ונד געוואָרן, געמוזט עוקר מדינה זיין. אין איר לשון, אין דער ברייטער אויסשפּראַך, אין דעם פאַרריסענעם קאָפּ, האָט זיך געפילט, אַז זי בעט נישט, זי פאַרלאַנגט, און איז זיכער, אַז איר בקשה וועט אויסגעהערט ווערן, ווייל אין איר רינט דאָס בלוט פון רבּיים.

מיט אַמאָל איז די מומע ואַנטשוויגן געוואָרן, צוגעגאַנגען צו יעקבן, אים אַוועקגערופן אָן אַ זייט, און די שטאָלצע יידענע האָט זיך אין איין רגע געענדערט. זי האָט מער נישט פאַרלאַנגט — געשטאַמעלט ווי אַ בעטלערין:

— יעקבל, דו ווייסט דאָך מיין מערכה... איצט אַז איך האָב אָנגעוואוירן דעם איינציקן ברודער, בין איך דאָך עלנד ווי אַ שטיין... די קינדער? דו ווייסט דאָך אין אַמעריקע קינדער... האָב איך אָפּגעשפּאָרט, פון מויל זיך אַוועקגענומען איבער פינף הונדערט טאָלער... אַז קיינער ווייס נישט וועמנס מאָרגן עס איז, אפשר חס וחלילה קומט מיר אויס אַריינצוגיין אין אַ מושב-זקנים צי וואו... בעט איך דיך, יעקבל, זאָלסט וויסן, אַז כ'האָב געהאַט ביים טאַטן פינף הונדערט טאָלער!

גרין האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אייזערנע כוחות, ער זאָל נישט באַליידיקן די מומע און געטראַכט — אַז ווער ווייס? טאָמער איז דער מענטש אַזוי געזונקען, אַז ער וועט לייכט איבערטראָגן די גרעסטע יסורים, אַ חוץ דעם פאַרלוסט פון געלט.

ער האָט איר גאָרנישט געענטפערט. אַלץ אין אים האָט געעבלוטיקט, ער האָט געזען ווי די מומע, אָן אויסגעמאַטערטע, האָט זיך צוריק פאַרקליבן אויפן בעט, שווער אָפּגעזיפצט און אין צימער איז געוואָרן שטיל.

פון חדר, וואו דער מת איז געלעגן, האָט זיך געהערט תּהלים-זאָגן. דאָס זאָגן האָט זיך יעדע ווײַלע איבערגעריסן און אַ שרײַענדע שטילקייט האָט זיך געשאַרט איבער די ווענט.

יעקב איז אַרײַן צום פֿאָטער. אַן אַלטער ייִד, וואָס איז געזעסן בײַם מת און געדרעמלט, האָט זיך אויסגעגלײַכט, געכאַפּט דעם תּהלים אַ פֿאַרקערטן און גענומען זאָגן:

— אוי, א — — דם — — — נמשל כבהמות נדמו. — — —

יעקב האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָס חדר איז כמעט געווען ליידיק. אויף דער וואַנט איז געהאָנגען דעם פֿאָטערס שטײַפֿער קאַפּעלוש, וואָס מען האָט פֿאַרגעסן אַראָפּצונעמען.

דער תּהלים-זאָגער האָט זיך אָנגעגאָסן פֿון אַ פֿלאַש אַ גלעזל בראָנפֿן, אויסגעטרונקען און געפֿרעגט:

- אַ זון?

— יאָ.

יעקב האָט זיך אײַנגעהערט ווי דער אַלטער, אַ צעקנייטשטער מיט ציטערדיקע הענט, מיט פֿאַלדן אויפֿן פּנים, וואו בלאָטע האָט זיך לעבעדיקערהייט געקליבן, האָט געזאָגט תּהלים מיט א ליטווישער הֲבָרָה, און זיך געוואונדערט ווי אַזאַ אַלטער, אַליין אַ מת, האָט נישט מורא צו זיצן בײַ אַ צווייטן.

אַ לענגערע צײַט האָט יעקב געקוקט אויפֿן טויטן. די שאָטנס פֿון די צאַפּלדיקע ליכט, דער אַלטער מיט זײַן ווײנענדיקן ניגון, די גראָע, טונקעלע ווענט, אַלץ האָט זיך געלייגט ווי אַ משא אויף אים. די משא איז געוואָרן שווערער פֿון מינוט צו מינוט. ס'האָט זיך געדוכט, דער טויטער רירט זיך אונטערן שוואַרצן לײַלעך. יעקב האָט געציטערט און אָפּגעדעקט דעם פֿאָטער. ער האָט אים כמעט נישט דערקענט. ווי אַ מאַסקע געקנעטן פֿון האַלב טרוקענעם קיט האָט ער אויסגעזען. דאָס רעכטע אויג אָפֿן. די ליפּן פֿאַרקוועטשט, ווי דער טויט וואָלט אים מיט אַמאָל באַפֿאַלן און, איידער ער האָט צײַט געהאַט זיך צו ווערן, האָט ער אים צעבראָכן, צעקנייטשט און אַוועקגעשליידערט.

יעקב האָט זיך דערמאָנט אָן דעם טויטן פֿערד, געזען דעם אומזין פֿון לעבן און אַלץ אין אים האָט זיך געקאָרטשעט פֿון ווייטאָג. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס פּנים אין די הענט אַרײַן און זיך צעוויינט.

דורך די פינגער האָט יעקב דערזען, ווי דער אַלטער תהלים-זאָגער טרינקט אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל, שטעלט זיך מיט אַמאָל אויף, נעמט אַראָפּ פון דער וואַנט דעם מתס קאַפּעלוש, טוט אים אָן, הענגט אויף זיינעם דעם פאַרשוויצטן, זעצט זיך צוריק, נעמט דעם תהלים און זיפצט:

— אוי, א — דם — — — נמשל כבהמות נדמו — — —

1922

# אַ ניגון

דער עולם איז געוואַקסן, אָנגעקומען פון זייטיקע געסלעך, פאַרלאָפן פון פאָרנט, זיך געשלעפט פון הינטן. די קאַפעליע כּלי־זמרים, וואָס איז געווען צעוואָרפן איבער דער ברייט פון פיטקין עוועניו און געשפילט די „התקוה", האָט זיך יעדע ווײַלע געמוזט אָפּשטעלן, געוואַרט די פּאָליסלייט זאָלן צעטרייבן דעם עולם און דורכלאָזן די חופּה, געמאַכט פון קאָלירטע שטיקער זיידנס, וואָס האָבן זיך געצונדן און געלאָשן אונטער די בענגאַלישע פייערווערק.

אַרום דער חופּה האָבן עלטערע יידן זיך געהאַלטן פאַר די הענט אין אַ ראָד און געטאַנצט. דאָ און דאָרט האָט זיך געדרייט אַ יידענע מיט אַן אָנגעצונדענער הבדלה, נישט געקוקט וואָס דער עולם האַקט אָפּ די זייטן, מיטגעזונגען די „התקוה", קוים אונטערגעהויבן ס׳קלייד און געשאַרט מיט די פיס, געטאַנצט.

די עוועניו איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. אין די געוועלבער, אין די צעעפנטע פענסטער פון די טענעמענט הייזער איז מען גע־שטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. פאַרבייגייענדע פאָרלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אַרומגעכאַפּט זייערע דאַמען פאַר די טאַליעס, זיך אַ דריי געטאָן און אויפגערוימט געגאַנגען ווייטער. ייִנגלעך האָבן אויפגעזוכט אַלטע בלעכן און מיט פאַרשייטע „רעג־טיימס" זיך יעדע ווײַלע אַרײַנגעריסן אין דער „התקוה". און ווען נישט די פּאָליסלייט מיט זייערע „קלאָבס" און דער טראַם, וואָס האָט זיך יעדע ווײַלע אַרײַנגעשניטן צווישן עולם מיט אַ קלינגערײַ, געוואָרפן די מענטשן פון ביידע זייטן גאַס, ווי וואַלן, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דאָס פירט מען אין אַ קליין פּויליש שטעטל אַ כּלה צו דער חופּה.

דאָס האָט דער הויזן־פאַבריקאַנט גרינשטיין געפירט אַ ספר־תּורה אין שול אַרײַן.

שוין דריי וואָכן, ווי ביי גרינשטיינען איז אָנגעגאַנגען אַ סטרייק. די אַרבעטער, צומייסטן עלטערע יידן, זענען שוין מיד געוואָרן צו

„פיקעטן". וואָס אַ טאָג איז דער קוראַזשביים עולם געפאַלן און אַז אַ „פיקעט" האָט אויסגעפעלט האָבן אַלע געוואוסט, אַז נאָך אַן אַרבעטער איז אויף דערווייל אַוועק צו אַן אַנדער מלאכה. די שוואַכערע האָבן געוואָלט נאָכגעבן, האָבן אָבער די איינגעשפּאַרטע פון אָרט זיך נישט געוואָלט רירן, געדולדיק זיך פּאַרמאָסטן, ווער וועמען וועט ברעכן. אַזוי האָט זיך געצויגן אַ טאָג נאָך אַ טאָג. און אַז דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט איז צעטרענצלט געוואָרן, די פּנימער חשכדיקער, האָבן די עקשנים אָנגעהויבן ווייכער צו ווערן. און ווען זיי דערוויסן זיך נישט, אַז גרינ-שטיין פירט אַ ספר-תורה אין שול אַריין, וואָלטן זיי איינציקווייז צוריק-געגאַנגען צו דער אַרבעט.

די סטרייקערס האָבן באַשלאָסן, אַז מען טאָר עס נישט דערלאָזן, זאָל גרינשטיין נישט מיינען, אַז ער איז אין „שאָפּ" — דאָ אין שול האָבן זיי אַ דעה צו זאָגן, נישט ער.

און אַז די ספר-תורה, אויסגעפּוצט אין סאַמעט, אין זילבער, איז שוין געלעגן אַ צעוויקלטע אויפן בעלעמער, דער סופר האָט שוין געהאַט בודק געווען די גענזענע פעדערס, ווי אַ שוחט אַ חלף, האָט דער פּרעזידענט פון שול אויסגערופן, אַז דער „סיום" הייבט זיך אָן, מען גייט פאַרקויפן אותיות.

דער עולם האָט זיך אַ ציי געטאָן צום בעלעמער, געבליבן שטיין אויף די שפּיץ נעגל, שטילער געוואָרן. און אַז דער פּרעזידענט האָט צעעפנט ס'מויל און אַ פּאַטש געטאָן אין שולחן, האָט אַן עלטערער ייִד נאָך אַ העכערן פּאַטש געטאָן אין אַ שטענדער און געוויזן אויף די ייִדן אַרום אים:

— מיר וועלן נישט דערלאָזן!

— ניין, מיר וועלן נישט דערלאָזן! — האָט אַ צווייטער אונטער-געכאַפּט.

דורך דער שול איז דורך אַ מורמל. דער עולם האָט זיך אַ ציי געטאָן פון בעלעמער, געוואָרפן אויגן אין אַלע זייטן, זיך נישט אויפגע-הערט צו פרעגן:

— וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?

— די וועלט איז נישט הפקר! — האָט אַ סטרייקער אויפגעהויבן אַ פויסט.

— ער האָט בידים אַרויסגעריסן ביי איבער הונדערט ייִדן דעם

ביסן פון מויל, טאָר מען ניט זיינס אַ ספר-תורה אַריינגעמען אין שול אַריין!

— ס׳איז אַ חלול השם! — האָט דער עלטערער ייד זיך געריסן צום פּרעזידענט.

— שווייג, עם-הארץ! — האָט דער פּרעזידענט אַ געשריי געטאָן אויף אים — אַז נישט, הייס איך דיר גלייך אַרויסוואַרפן! געהערט, אַזאַ „האָלאָדריגע״, דאָס רעדט נאָך וועגן אַ חלול-השם?

— נו פּרוביר, פּרוביר מיך אַרויסצוואַרפן, — איז דער ייד נענטער צוגעגאַנגען — צייטן, צייטן! אין אַמעריקע איז פישל בעל-עגלה אַ למדן און איך אַן עם-הארץ!

— מיר וועלן נישט דערלאָזן! מיר וועלן נישט דערלאָזן! — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן — מען וועט אונז נישט אָפּשרעקן! וואָס שטייט איר, יידן, רינגלט אַרום דעם בעלעמער!

ס׳איז געוואָרן אַ טומל. הענט האָבן זיך געהויבן, אויגן געבליצט, די קולות זענען געוואָרן העכער, אָפּגעהאַקטער, זיך געריסן צו דער סטעליע.

גרינשטיין, אַ צעשראָקענער, איז געשטאַנען אויפן בעלעמער און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער האָט גערוקט דעם צילינדער אַרויף און אַראָפּ — זאָל ער נאָכגעבן, צי זאָל ער נישט נאָכגעבן?

דער טומל איז געוואַקסן. מען האָט פאַרגעסן צו וואָס מען איז געקומען אין שול אַריין. יידן פון ביידע צדדים האָבן זיך איינגעגעסן איינער אין צווייטן, זיך געהאַלטן פאַר די לאַצן, זיך געאַמפּערט, צוגע-זאָגט, אַז נאָך היינט ביי נאַכט וועט דער סטרייק זיין „געסעטעלט״, אַבי מען זאָל אָפּהיטן דעם כבוד פון דער תורה. די סטרייקערס האָבן זיך געהאַלטן אָן זייערס, גרינשטיין מוז גלייך נאָכגעבן, אַז נישט וועלן זיי נישט דערלאָזן.

דער „קעפּטען״, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים אַריינ-גאַנג, איז אונטערגעגאַנגען צו גרינשטיינען:

— זאָגט, פיר איך גלייך אַרויס די טומלמאַכער, כ׳האָב אין דרויסן גענוג פּאָליסלייט.

דער עולם אויפן בעלעמער האָט זיך פאַרלאָרן, געשטאַנען אַ צעטו-מעלטער, אויסגעמיטן די חושכדיקע פּנימער פון די סטרייקער, זייערע אויסגעהונגערטע בליקן. און כאָטש די בעל-בתים האָבן

זיך געשראָקן פאַר אַ צוזאַמענשטויס, האָבן זיי פונדעסטוועגן באַשלאָסן צו זיין מיט די סטרייקערס שטרענגער.

דער פּריזידענט האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, און אַז דער עולם האָט זיך אַ ביסל באַרוהיקט, האָט ער געוויזן אויף דער ספר-תורה, וואָס איז געלעגן אַ פּאַריתומטע, צוגעדעקט מיטן סאַמעטענעם מענטעלע:

— איר זייט קיין יידן נישט, ס׳איז אַ חלול-התורה און אויב איר הערט נישט אויף צו טומלען, הייס איך אייך אַלע אַרויספירן!

דער פּרעזידענט איז געבליבן שטיין אַ בלאַסער, געפּילט, אַז ער האָט אַלץ קאַליע געמאַכט, אַז נישט דאָס האָט ער געוואָלט זאָגן.

דאָס געשריי צווישן די סטרייקערס איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, די רייד פאַרביסענער:

— מען וועט אונז הייסן אַרויספירן

— ווער?

— פישל בעל-עגלה?

— בלוט וועט זיך גיסן!

— יאָ בלוט!

— יידיש בלוט וועט זיך גיסן!

אַ יידענע האָט אַרויסגעשטופּט אויף אַפריער צוויי אויסגעדאַרטע, אָפּגעריסענע קינדער, פאַרבראָכן די הענט, ווי אַן אומגליק וואָלט איר געשען און אַ געשריי געטאָן צו גרינשטיינען:

— נאַ, עס זיי אויף לעבעדיקערהייט! כ׳האָב זיי שוין נישט וואָס צו געבן עסן!

די סטרייקערס זענען געוואָרן דרייסטער, זיך גענומען רוקן נענטער צום בעלעמער.

אַ ווילד געשריי האָט זיך געקנוילט איבער אַלעמענס קעפּ. ס׳בלוט איז געוואָרן הייסער. די גלידער בויגיקער און ביי אַלעמען האָבן זיך געהויבן די הענט.

— אפשר גאָר אַרויס מיט אַן „אדון-עולם״? — האָט דער חזן איינגערוימט גרינשטיינען אין אַ שפּאַס.

— פּרובירט — האָט גרינשטיין פאַרלאָרן געענטפערט.

— ווייס איך? — האָט דער פּרעזידענט אַ קוועטש געטאָן מיט אַן אַקסל — זיי וועלן נישט דערלאָזן, די פּושעי-ישראלים!

— פּרובירן קען מען.

— נו, פּרובירט.

דער חזן האָט אַ וואונק געטאָן צום כאָר, צוגעלייגט די האַנט צו דער געמבע און מיט אַ געקרייזלטע שטימע זיך פֿאַרגאַנגען:

— אדון-עולם...

דאָס זינגען האָט זיך נישט געהערט, זיך פֿאַרלוירן אין טומל. די בעלי-בתּים האָבן אָנגעהויבן זיך מיאש צו זיין, מער נישט געגלויבט, אַז זיי וועלן איינשטילן מיט גוטן די סטרייקערס און נישט געוואוסט, וואָס מען הויבט אָן טאָן.

דער חזן מיטן כאָר האָבן געאַרבעט אויף אַלע כּלים, דורכגעריסן דעם געפּילדער. דאָ און דאָרט האָט אַ ייד אויפגעהערט טומלען, זיך איינגעהערט און ווי דורך אַ כּשוף האָט דער עולם זיך אָנגעהויבן צו באַרוהיקן און ס'איז ביסלעכווייז שטיל געוואָרן. און ווי אַ פייערל, וואָס האַלט ביים אויסגיין, טוט נאָך אַ פלאַקער, אויף אַזוי האָט נאָך פון מאָל צו מאָל אַ סטרייקער געלאָזט הערן — „מיר וועלן נישט דערלאָזן״!

דער חזן איז זיך פֿאַרגאַנגען אַלץ העכער און העכער און אַז זיין שטימע האָט זיך אָנגעהויבן צו קרייזלען, אַרויסגערופן אַ ציטער, האָט דער עולם זיך פֿאַרגעסן צו וואָס ער איז געקומען און שטיל מיטגעברומט:

— טרא-לא-לא-לאַ. טראַ-לאַ-לאַ-אַ-לאַ!

1922

# אַן „איטאַליענער"

פאַרטאָג, ס'איז נאָך געווען גוט פינסטער, האָט לייזער, אַן עלטערער ייד, אַ שניידער, זיך אויפגעכאַפּט, ער האָט זיך געפילט מיד נאָך אַ שווערן חלום, וועלכן ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאַנען, און געוואָלט צוריק איינשלאָפן.

זיין ווייב, וואָס איז געלעגן קעגנאיבער אין אַן איינלייג-בעטל, האָט זיך אויפגעזעצט און אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט די שויב, צו זען, וואָס פאַר אַ וועטער ס'איז אין דרויסן, דערנאָך האָט זי עטלעכע מאָל אָפּגעהוסט, געגעבן צו וויסן דעם מאַן, אַז זי שלאָפט נישט מער און זיך אָנגערופן:

— לייזער, שלאָפסט ?

— וואָס איז דען ?

— וואָס זאָגסטו אויף אונזער טאָכטער ? כ'שלאָף דאָך אַ גאַנצע נאַכט ניט !

— און איך שלאָף ? — האָט לייזער אַפּער גענומען פון אונטערן קישן אַ שטיקל סיגאַרעט, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און פאַררויכערט. — מעגסט מיר גלויבן, אַז פון נעכטן אָן, ווען די מויד האָט מיר געזאָגט, אַז זי גייט חתונה האָבן מיטן יונג, בין איך אויס מענטש !

— מ'טאָר דאָך נישט זינדיקן, ס'איז דאָך אַ ייד — האָט לייזערס ווייב זיך אַרויסגעבויגן פון בעטל, דער מאַן זאָל בעסער הערן, נאָר כ'האָב עפּעס ס'געפיל, ווי אונזער טאָכטער וואָלט געגאַנגען חתונה האָבן מיט אַן איטאַליענער !

— וואָס, בעסער איז ער ? — האָט לייזער אַ ציִ געטאָן דעם ס'יגאַרעט און זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַן עלנבויגן — אַז דאָס האָט דאָך גאָר קיין יידיש אויסזען נישט ! איצט ווי געפעלט דיר זיין נאָמען ? האָסט שוין געהערט, אַ ייד זאָל הייסן אלגאַזי ? ביי אונז אין דאָרף איז געווען אַ ציגיינער, האָט ער אַזוי געהייסן, ווי כ'בין אַ ייד !

— נו, טאַקע — האָט לייזערס ווייב אָפּגעזיפּצט, — קומען קומט ער פון שאול־תחתיה, אַזש פון טערקיי ערגעץ, זיין לשון פאַרשטיי איך נישט, און אַז ער קען אַ פּאָר לשון־קודשדיקע ווערטער בין איך גליקלעך? און ווער ווייס, ס'קאָן זיין, ער איז גאָר אינגאַנצן קיין ייד נישט?!

לייזער האָט מער נישט געענטפערט. בטבע געווען אַ ייד אַ שווייגער. ער האָט אויסגערויכערט מיט עטלעכע צי דאָס סיגאַרעטל, געקרעכצט און זיך גענומען אָנטון. ער האָט אָנגעצונדן ביי זיך אין „סטאָרקעלע", וואו ער האָט געפּרעסט און פאַרריכט אַלטע בגדים, דעם גאַז, און אויפגעשלאָסן די טיר. דערנאָך האָט ער איינגעהייצט אין קיך דעם אויוון, אַראָפּגענומען פון דער וואַנט דעם טלית־זאַק, געזאָגט דעם ווייב, אַז ס'איז צייט אויפצושטיין און געגאַנגען אין זיין בית־המדרש אַריין דאַווגען.

נאָכן דאַוונען, ווען דער אַרבל פון דער לינקער האַנט איז נאָך ביי לייזערן נישט געווען אַראָפּגעצויגן, איז ער צוגעגאַנגען צום רב, פאַרלוירן געשמייכלט און נישט געוואוסט, ווי אָנצוהויבן.

— וואָס הערט זיך עפּעס, לייזער? — האָט דער רב זיך אַ גלעט געטאָן ביי דער לאַנגער, אויסגעקעמטער באָרד און אים אַרויסגענומען פון אַ פאַרלעגנהייט.

— כ'האָב געוואָלט ביים רב עפּעס פרעגן.

דער רב האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט, אָפּגעגאַנגען מיט אים עטלעכע טריט, געבליבן שטיין ביי זיין שטענדער און פאַרצויגן דעם גרויסן שטערן.

— וואָס אַ שטייגער?

— איר מוזט דאָך וויסן, ס'זענען טאַקע פאַראַן אין איטאַליע יידן?

— געוויס פאַראַן. אַמאָל זענען דאָרט געווען גאָר גרויסע קהילות!

— כ'מיין — איז לייזער צעמישט געוואָרן — אַזעלכע יידן ווי מיר.

— יאָ, — האָט דער רב געשמייכלט — דער אונטערשייד איז, וואָס מיר זענען אַשכנזים, און זיי — ספרדים.

— זיי רעדן דאָך אָבער קיין יידיש נישט? — האָט לייזער צענומען די הענט.

— ניין, זיי רעדן נישט, נאָר וואָס איז דער אונטערשייד, יידיש איז דאָך סיי־ווי נישט אונזער לשון! — האָט דער רב אַלץ אינאיינעם

געשמייכלט און זיך געחידושט, וואָס לייזער פרעגט מיט אַמאָל אַזעלכע קשיות.

— און משדך זיין זיך מיט זיי מעג מען? — האָט לייזער געהויבן די אַקסלען, וואָס דער רב מאַכט אַלץ צו־נישט.

— וואָס הייסט, אַודאי מעג מען! — האָט דער רב זיך צעלאַכט און לייזערן געגומען אונטערן אָרעם — וואָס איז לייזער, מען רעדט אייך אַ שידוך מיט אַ ספרדישן בחור?

— וואָס הייסט מען רעדט? — האָט לייזער געעפנט אַפּאָר אויגן, ווי איינער, וואָס בעט זיך, מען זאָל אים ראַטעווען פון אַ געפאַר — עפּעס אַ סאַלאָניקער יונג האָט פאַרדרייט מיין מיידל אַ קאָפּ און איצט טענהט זי, אַז אויב איך וועל זיין דאַגעגן, גייט זי מיט אים אַוועק צו אַ רב און שטעלט אַ חופּה אָן טאַטנס וויסן.

— איז ער דאָך אַ טערקישער ייד נישט קיין איטאַליענער — האָט דער רב זיך אַ גלעט געטאָן ביי דער באָרד.

— אַז ווער ווייסט אים? — האָט לייזער זיך איינגעקאָרטשעט — און, אַז ער קומט פון טערקיי, איז ער מער יחסן? ער האָט סיי־ווי קיין יידיש אויסזען נישט!

— אויב אַן אָרנטלעכער יונגערמאַן — האָט דער רב געצויגן די ווערטער — זע איך נישט איין, פאַרוואָס איר זאָלט זיין דאַגעגן? די ספרדישע יידן זענען פונקט אַזעלכע יחסנים ווי מיר, איז דאָך דער רמב״ם געווען אַ ספרדישער?

לייזער האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט געבן דעם רב צו וויסן, אַז ער פאַרשטייט אים, געשטאַנען אַ ווײַלע, אַראָפּגעמאַכט דעם אַרבל און געשטאַמלט:

— לאָז דער רב נישט נעמען פאַר אומגוט, וואָס כ׳האָב אים מטריח געווען! אַ גוטן טאָג!

— אַ גוטן טאָג, לייזער — איז דער רב אים נאָכגעגאַנגען עטלעכע טריט און זיך אָפּגעשטעלט — אויב ס׳איז אַן אָרנטלעכער יונגערמאַן און זיי ווילן זיך, זע איך נישט, פאַרוואָס איר דאַרפט זיין דאַגעגן? ס׳קאָן זיין, ס׳איז מן השמים! באַשר, דער חתן איז פון אַן אַנדערער מדינה, זע איך אין דעם קיין מאַליער נישט! יידן פלעגן זיך אַמאָל אַזוי משדך זיין! און אויב ס׳וועט האַלטן ביי א חופּה, ווייסט איר דאָך, וואו איך וואוין.

— געוויס, געוויס — האָט לייזער זיך פאַרלוירן.

— מיר זענען דאָך לאַנדסלייט — האָט דער רב אים אַריינ־געשטעקט אַ ווייכע וואַרעמע האַנט – גוט־באַי, ר׳ לייזער, גוט־באַי, גאָט זאָל געבן, ס׳זאָל זיין מן השמים און איר זאָלט דערלעבן אַסך נחת! —

לייזער האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט עפּעס געהויבענער. דעם רבס האַנט, זיין ווינשן, אַלץ האָט אים ווי מיט אַ וואַרעמקייט זורכגענומען און ער איז געוואָרן אויפגעלייגט. ער האָט געכאַפּט דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם, געגומען גיין אַהיים, און פון בלויזן געדאַנק, אַז ער וועט באַלד אַלץ איבערגעבן דעם ווייב, האָט ער זיך עטלעכע מאָל באַלעקט. אָבער וואָס נענטער לייזער איז צוגעקומען צום הויז, האָט די געהויבענקייט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. אים איז אויפן זינען געקומען דער איידעם אַלגאַזי, מיט וועלכן ער קאָן קיין צוויי יידישע ווערטער נישט אויסרעדן, פאַרגעסן, וואָס דער רב האָט געפּסקנט און צוריק געהאַט דאָס געפיל, ווי ער פאַרקויפט זיין טאָכטער פאַר אַן איטאַליענער.

1922

# אויף דער עלטער

עס איז געווען אַ הייסע תּמוז נאַכט, דער צעגליטער ניו־יאָרק האָט זיך געקילט, אויסגעאָטעמט אין דער נאַכט אַריין אַ פייכטע וואַרעמקייט. די לופט איז געוואָרן שטיקנד און זיך צעפּאַרעט, ווי אין אַ שוויץ־באָד.

שמחה שוחט, אַ זקן פון איבער זיבעציק, האָט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט געקענט צומאַכן. ער האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, געקרעכצט, אַז עס איז דערשטיקט צו ווערן, און געפילט, ווי די אַלטע ביינער ברעכן. ס'איז געווען פינסטער. דורך אַ ווינקל פון פענסטער האָט אַ גאַנצע לבנה אַריינגעקוקט, באַזילבערט דאָס גרויסע „טאָפּלטע" בעט, וואו דעם אַלטנס בעלי־בתּים זענען געשלאָפן אָפּגעדעקטע, מיט גאַכלעסיק פאַרוואָרפענע הענט, ווי ביי הרוגים. זייער אָפּגעהאַקט אָטעמען האָט נאָך בולטער געמאַכט די שטילקייט. שמחה האָט זיך אַ ווײַלע איינגעקוקט, געזען ווי זיין „מיסעס" שלאָפט מיט אַן אָפן מויל, ווי צוויי גאָלדענע ציינער פינקלען פון מויל אַרויס, און אין זיין אַלטן פאַרזשאַווערטן מח האָט עפעס אויפגעפלאַמט. אין דער נאַכטיקער שטילקייט האָט דער קלענסטער ריר אָדער סקריפּ זיך געהערט דייטלעך, זיך צעוואַקסן און פאַרוואַנדלט געוואָרן ביים אַלטן, ווי ביי אַ קינד, אין אַ לעבעדיקער זאַך.

שוין איבער אַ וואָך, ווי דער אַלטער שוחט איז נישט געשלאָפן. די רבנים האָבן אים געפּסלט צו זיין אַפילו אַ מסיע (אַן אַרויסהעלפער) אין אַ „הינער־מאַרק", וואו ער האָט פאַרדינט אַכט טאָלער אַ וואָך. שמחה האָט געוואוסט, אַז ער טאָר נישט האַלטן קיין חלף אין האַנט. וואָס האָט ער אָבער זיך געקענט העלפן? אַז ס'איז רע־אַמעריקע! אין יוראָפּ וואָלט אים די שטאָט אויסגעהאַלטן, און דאָ קומט אויס, נישט אַנדערש, ווי צו לייגן די ציינער אויף דער פּאָליצע. ווען זיין אַלטיטשקע וואָלט געלעבט, וואָלט ער אפשר צו דעם אַלעם נישט געקומען. אַז ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל אים צוזען, ס'גייען דורך טעג, און ער האָט נישט קיין לעפל געקעכץ, איז אַ וואונדער, וואָס די הענט

ציטערן ביי אים? מיט הינער איז נאָך ווי ס'איז, אָבער מיט הענער זאָל גאָט שומר ומציל זיין! ווי אויף צו להכעיס אַנטלויפן די ושטס פון אונטער די פינגער און גיי, זיי אַ בריה, מאַך נישט טריף! דער אַלטער האָט אָנגעשטעלט די רעכטע האַנט אין דער לופטן, זי אונטער-געשפּאַרט מיט דער צווייטער אונטערן עלנבויגן און זיך איינגעקוקט צו זי ציטערט. די האַנט האָט זיך געטרייסלט.

אַ דערשלאָגענער האָט ער אויפגעזוכט אויפן פענסטער אַ שטיקל סיגאַרעטל, וואָס ער האָט עס נעכטן פאַרן שלאָף איבערגעלאָזט, עס פאַרצויגן און מיט אַמאָל דערפילט, אַז ער מוז שוין זיין זייער אַלט – די קלענסטע ערגעריניש מאַכט אים וויינען. ער האָט זיך אויסגעווישט די אויגן, אויסגעשפּיגן, פאַרצויגן עטלעכע מאָל, און אין זיין אָפּגעריבענעם זכרון איז דורך זיין ביסל יאָרן ווי רויטלעכע פּאַסן – צען יאָר געריסן דעם גאָרגל ביי אַ חזן און זיך געלערנט שחיטה, פינף און צוואָנציק יאָר געשאָכטן בהמות, פיפצן יאָר – עופות.

אַ קינד, וואָס איז געשלאָפן אין אַ וויגל, האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך אַזוי צעשריען, אַז ס'האָט אַזש געגרילצט אין די אויערן.

– צו אַלדע יאָר, – האָט דער אַלטער געברומט, וואָס מען האָט אים איבערגעריסן די רעיונות, – ווי דאָס געוואַלדעוועט! אַפילו ביינאַכט שלאָפט עס נישט! ווי דער סמבטיון!

– און אַז איר וואָלט עס צוגעוויגט, וואָלט איר אַ חטא געטאָן? – איז די מוטער אַ האַלב-נאַקעטע אַראָפּ פון בעטל, זיך געלייגט איבערן וויגל און עס געגעבן זויגן, – אַן אַלטער און אַ קינד איז אַלץ איינס!

דער שוחט האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך אָנגעטאָן אין בעטל, אַראָפּ, זיך אָפּגעגאָסן די נעגל און גענומען זאָגן „מודה אני".

אין מיטן האָט ער פאַרגעסן אַ וואָרט, זיך געוואָלט דערמאַנען, האָט אָבער דער מח פון אַלטקייט ווי געדרעמלט, און אין זכרון איז אַלץ צעשוואומען. שמחה האָט טיף אָפּגעזיפצט, זיך געריבן דעם שטערן, אָנגעהויבן נאָך אַמאָל פון אָנהויב און אָנגעצונדן דעם גאַז-אויוון.

דער אַלטער האָט גענומען אַ גלאָז טיי אין זיינע ציטערדיקע הענט, געזיפּצט אויפן קול, זיך באַלעקט, צוגעסמאָטשקעט מיט די ליפּן און מיט דער צונג.

ער האָט אַריינגעלייגט די חלפים אין דער קעשענע און איז אַ ־ פון שטוב. עס האָט שוין געטאָגט. אויף דער גאַס איז שמחה

געוואָרן מונטערער. צי די פרישע לופט, צי דער אָנגענעמער ריח, וואָס האָט אַ בלאָז געטאָן אויפן אַלטן, פאַרבייגייענדיק אַ בעקעריי, האָט אַזוי געווירקט אויף אים, נאָר שׂמחה האָט מיט אַמאָל ווי אַראָפּגעשאָקלט פון זיך די מורא פאַר דער עלטער. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער וועט זיך נאָך מיט אַלע אָפּרעכענען. ער וועט אַ קום טאָן אין „מאַרקעט“ אַריין, נעמען שעכטן, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן — אַ שטייג הינער אין פינף מינוט! אַלע וועלן קוקן, נישט גלויבן זייערע אויגן, און דער „באָס“ אַליין וועט צוקומען: „ס׳טייטש, ר׳ שׂמחה, זיי האָבן דאָך אַ בלבול אויף אייך אויסגעטראַכט, די חטאתים! ס׳ברענט דאָך ביי אייך אונטער די הענט, אַ מחיה! נאַט, מאַכט אַ שנאַפּס, ס׳האַרץ איז דאָך מסתּמא ביי אייך אַוועק!“ און ער, ווי קיינמאָל גאָרנישט, וועט שליידערן די עופות אין די „באַרעלס“ מיט זעגעכץ, זיי ווייזן, די היגע רבנים, וואָס הייסט אים, שׂמחהן, צו פּסלען פון שחיטה! און אַז זיי וועלן מיט אים צופיל אָנהויבן, לאָזט ער זיי שוויצן אין מיטן דער אַרבעט און גייט אַוועק!

גענוג געשאָכטן אויף זיין לעבן! און אַז ער וועט נישט האָבן פון וואַן צו לעבן, האָט ער נאָך קיין עין־הרע אַ זון, וואָס דינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. סעם וועט דעם טאַטן נישט לאָזן פאַלן!

איבער דער ליידיקער גאַס האָט זיך שוין געהערט דאָס קרייען פון הענער. ביי שׂמחהן איז אַלץ צעשוואומען. ס׳האַרץ האָט אָנגעהויבן זינקען, די רעכטע האַנט־ציטערן.

דער „מאַרקעט“ איז געווען פול מיט קצבים. טייל האָבן געקליבן עופות אין די שטייגן, אַנדערע האָבן געוואויגן די געשאָכטענע סחורה, זיך געקריגט איבער יעדער קלייניקייט. אין דער זייט, ביי בלעכענע „באַרעלס“ מיט זעגעכץ, זענען געשטאַנען צוויי שוחטים — איידעלע יונגעלייט מיט פאַרבלוטיקטע וואָנסן פון צופיל כאַפּן די חלפים צווישן די ציינער. די שוחטים האָבן געהאַלטן אין איין קוילן, געוואָרפן די עופות אין די „באַרעלס“, און אַז אַן עוף איז טריף געוואָרן, איז אַרויס פון אַ ווינקל אַן איטאַליענער מיט אַ קרוג און הכנעהדיק עס צוגעכאַפּט, ווי ער וואָלט גאָר אויסן געווען, דער שוחט זאָל נישט באַשפּריצט ווערן מיט בלוט. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָט דער איטאַליענער גע־האַלטן דאָס עוף איבער דער קרוג און פון גרויס הנאה זיך אָזש באַלעקט, ווי ס׳בלוט איז גערונען.

די הענער, ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, האָבן אויפגעהויבן די קעפּ מיט די רויטע קעם, אָנגעשטעלט די שפּאָרן, ווי צו ווערן זיך, בייז געקוקט אויף די „כאַפּערס" און געקרייעט. די הינער האָבן אַראָפּגעלאָזט די נאַרישע קעפּלעך און זיך געטוליעט הינטער די הענער. די קצבים, די עופות, דאָס בלוט — אַלץ האָט געשריען, זיך אויסגעמישט און אויסטערליש אָפּגעקלונגען אין דעם שטילן פאַרטאָג.

שמחה האָט זיך אַרייַנגעגנבעט אין „מאַרקעט" אַריין, געזאָגט „גוט-מאָרגן" גלאַט אַזוי. פון געוואוינהייט, נישט געוואָרט, אַז עמעצער זאָל אים ענטפערן און געווען צופרידן, וואָס קיינער האָט אים נישט באַמערקט.

— ר׳ שמחה — האָט אים אַ קצב גערופן — קומט אַהער און שעכט מיר דעם האַלבן „קופּ" סחורה. כ׳האָב קיין צייט נישט צו וואַרטן, כ׳בין „ביזי"!

שמחה האָט געפילט, ווי ס׳ווערט אים פינסטער אין די אויגן, ווי ער טרייסלט זיך אינגאַנצן, ער האָט זיך אָבער געמאַכט האַרץ און גיין אַ נעם געטאָן פון קצב דאָס ערשטע עוף. ס׳איז געווען אַ האָן. דער אַלטער האָט אים באַטראַכט ווי אַן אתרוג, געעפנט דעם שנאָבל, אויפגעזוכט דעם ושט, אָנגעשטעלט דעם האָן, ווי אַ פּיסטאָלעט, זיך גענומען צילעווען מיטן חלף און קראַ, קראַ, — נישט איבערגעשניטן די סמנים.

דער איטאַליענער מיטן קרוג איז אונטערגעשפּרונגען.

אַן אָדעסער יונג, וואָס האָט געאַרבעט אין „מאַרקעט", איז גע-שטאַנען הינטער שמחהן, זיך פאַרמרשט געשאָכטן זיין אייגענע האנט, נאָכמאַכנדיק דעם אַלטנס מינעס און העויות. די אַרבעטער האָבן געפּלאַצט פון געלעכטער.

אַן אָפּגעגאָסענער מיט שווייס האָט דער אַלטער גענומען דעם צווייטן האָן, געווען זיכער, אַז ער וועט אים טריף מאַכן, אויפגעזוכט דעם ושט, אים געהאַלטן אַזוי פעסט, אַז ער האָט שיעור נישט דורכ-געלעכערט ס׳העלזל, גענומען צילעווען מיטן חלף און קרי, קרי, — גענבלט.

דער אָדעסער איז געשטאַנען פון הינטן און געמאַכט די זעלבע גרימאַסן.

ביים אַלטן האָט דורכגעבליצט — ער זאָל צוגיין צום „באָס", אים זאָגן, אַז ער קען מער נישט שעכטן, אַז ער איז נישט שולדיק, וואָס די האַנט ציטערט אים, זיך אויסגעדרייט, דערזען דעם אָדעסער און זיך פאַרמאָסטן מיטן טריפענעם האָן:

— שמדלניק, דו אויך! — און ער האָט אים אָפּגעמאָסטן איבערן פּנים, אויסשמירנדיק אים מיט בלוט.

דער אָדעסער האָט זיך געווישט ס'פּנים, געוואוסט, אַז ער זעט אויס לעכערלעך, האָט ער זיך פאַרלוירן פאַר די חברים און כלומרשט געשמייכלט:

— אַזאַ אַלטער תּרח! מען זאָל אים לאָזן, וועט ער נאָפּלען אַלע הינער!

— קום אַהער, „באָס", — האָט דער אַלטער געשריען און אויסגעשטרעקט דעם חלף — דיך וועל איך אסור נבלען!

— ר' פישל, — האָט דער „באָס", וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אין אַ זייט, געקנעפּלט זיין ווייסן כאַלאַט, אַ געשריי געטאָן צו איינעם פון די שוחטים — גייט נאָר צו, דער אַלטער עובר־בטל וועט מיך בדיל־הדל שטעלן, נעמט איר און שעכט די עופות!

דער אַלטער שמחה האָט בדעה געהאַט צו פאַרטיידיקן זיך מיטן חלף, קיינעם נישט צולאָזן אויף זיין פּלאַץ. ער האָט זיך אָבער אָפּגערוקט, אַראָפּגעלאָזט דעם באַוואַקסענעם גראָען קאָפּ און געבליבן זיצן אויף אַ ליידיקער „קופּ" פון הינער.

אַלץ אין אים האָט זיך געקאָרטשעט פון בושה, פון עלנט. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז פאַרלוירן, אַז צום זון וועט ער קיינמאָל נישט שרייבן, ער ווייס שוין פון יאָרן נישט, וואו ער איז.

דער טומל אין „מאַרקעט" איז געוואָרן אַלץ גרעסער. קצבים זענען אָנגעקומען. אַנדערע זענען אַוועקגעגאַנגען, געקלאַפּט מיט די וועגעלעך. הענער האָבן נישט אויפגעהערט קרייען, קלאַפּן מיט די פליגל, און די שוחטים ווי מאַשינען האָבן געאַרבעט מיט די בלאַנקענדע חלפים, זיי געכאַפּט פאַר די הענטלעך און די מיילער, אויסגעבויגן די העלזעלעך פון די עופות און מיט אַ „קרי־קרי" זיי געשליידערט אין די פעסלעך מיט זעגעכץ.

אַלע האָבן פאַרגעסן אָן דעם אַלטן, אים פאַרבייגעגאַנגען, זיך

בישט אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט קיין מענטש נישט געווען, נאָר אַ ליידיקע שטייג פון הינער.

און די עופות אונטערן אַלטנס פּלייצעס האָבן געגוואַלדעוועט, גע־קלאַפּט מיט די פליגל, געריסן די העלזער, נקמה גענומען.

שמחה האָט געקוקט מיט אַ פּאָר פאַרלאָפענע אויגן, גאָרנישט געזען, און אין זיין פאַרזשאַווערטן מח זענען אַדורך בלוטיקע פאַסן — צען יאָר דעם גאָרגל געריסן ביי אַ חזן און זיך געלערנט שחיטה, פינף און צוואָנציק יאָר געשאָכטן בהמות, פופצן יאָר — עופות...

1919

# אַ קעבס־ווייב

אברהם האָט אַליין נישט געוואוסט ווי רייך ער איז. די בהמות, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף די אָפּגעצוימטע לאָנקעס, האָבן זיך כמעט יעדעס יאָר ביים ציילן געטאָפּלט. שטיקער לאַנד זענען צוגעקומען – געבראַכט מיט זיך פרישע הענט, און אין הויף האָט מען פון באַגינען ביז אין אָוונט שווער געאַרבעט, זיך געווייקט אין שווייס.

אברהם האָט נישט גערוט, זיך נישט געקאָנט פאַרלאָזן אויף איציקן, דעם נישט דערבאַקענעם בן־יחיד. ער האָט אַ קוק געטאָן צו די בהמות, געשטאַנען ביים שניידן די תבואה, אַריינגעטאָמט דעם פרישן ריח פון שוימיקע מילך, אויפגענומען סוחרים. ער האָט אויף אַ מינוט נישט אַרויסגעלאָזט די לייצעס און געזען, אַז אַלע באַשעפענישן אויף זיין פאַרם זאָלן גיין אין שפאַן.

אברהמס צעוואַקסענער גוף, דער רויטער קאַרק, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביים איבערלייגן, דאָס דורכגעבאַקענע פנים מיט די רויטע אָדערלעך – אַלץ האט אַרויסגערופן דרך־ארץ. ער האָט נישט געקאָנט זען ווי מענטשן זיצן ליידיק, - זענען די „הענט" אונטער זיין בליק געוואָרן פלינקער, די באַוועגונגען – ראַשער.

ער אַליין פלעגט זיך אַוועקשטעלן מיט אַ קאָסע אויף דער לאָנקע, אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט די שניטערס, זיך פאַרגעסן אין דער אַרבעט.

בלויז ביי זיך אין הויז איז אברהם געווען שטיל. די דינסטן האָבן געמוזט גיין אויף די שפּיץ נעגל, גערעדט מיט די ליפּן, ווי עס וואָלט אַ חולה געווען אין שטוב. אברהמס ווייב שרהלע, איז געווען אַ שוואַכע, אַן אויסגעצערטע, שוין יאָרן געפּאָכעט מיט דער נשמה. זי האָט יעדע ווײַלע אויסגעצויגן דעם לאַנגען, געריינצעלטן האַלז ווי ביי אַן אָפּגעצופּט הענדל, און אַ בלעכענער הוסט האָט געקאָרטשעט און געמאַטערט דעם שוואַכן גוף.

זי האָט פיינט געהאַט טומל, געזעסן גאַנצע טעג ביים פענסטער, געקוקט אויף דער לאָנקע, און אַז זי האָט אַמאָל דערזען ווי אַ האָן שאַרט זיך צו אַ הין און מאַכט חנדלעך, האָט זי זיי אַ בייזע פאַנאַנדערגעטריבן:

– אַ גראַרי היר! אַוועק!

פון אויפרעגונג האָט זי זיך פאַרהוסט, זיך פאַרקליבן אויף דער וועראַנדע, וואו די שנור האָט זיך געשפּילט מיטן יאָריקן אייניקל.

אברהם, וואָס האָט געהאַט אויף די פינגער דעם גאַנצן הויף און אַלע האָבן געציטערט פאַר אים, האָט אין שטוב קיין הויך וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן, זיך געפילט שלעכט מיט זיין געזונטן גוף. פון זון האָט ער קיין נחת נישט געהאַט, זיך אויף אים ווייניק געקאָנט פאַרלאָזן. מיטן ווייב איז ער געווען פונדערווייטנס, שוין יאָרן מיט איר נישט געלעבט. מיט אַלע חושים איז ער געווען פאַרטאָן אין דער פאַרם, געווען אויף די פיס מיטן טאָג צוגלייך, קיינמאָל ניט געוואוסט, ווען די נאַכט איז אַוועק, זעלטן זיך אָפּגעגעבן דין וחשבון.

אַזוי זענען דורך יאָרן. אברהם איז רייך געוואָרן, זייער רייך, האָט שוין נישט גענאַרפּט מער אַרבעטן, זיך אָבער נישט געקאָנט מער העלפן, געאַרבעט ווי פריער.

צייט אָבער די שנור איז געקומען אין הויף אַריין, איז ער געוואָרן אומרוהיק, אָנגעהויבן פריער צו קומען פון פעלד, נאָכן עסן זיך פאַרמאַכט אין קאַבינעט, זיך אַוועקגעלייגט אויף דער אָטאָמאַנע, זיך איבערגעגעבן שלעכטע מחשבות. און זיי זענען נישט אָפּגעטראָטן, אים באַפאַלן, זיך געריצט, וואָס ער פייניקט דעם גוף, וואָס זיין פראַצע, זיין עשירות וועט אַוועק מיטן רויך. דאָס ווייב איז קראַנק, שוין יאָרן קראַנק...

אָפּט, אַז ער איז געריטן איבער די פעלדער, געזען אַרום זיך אַזויפיל קי, אַזויפיל פערד און דאָס לאַנד ציט זיך אָן אַ סוף, קרעכצט פון צופיל שפע, איז אים איינגעפאַלן – אַז ער איז אברהם, אַז גאָט האָט אים געבענטשט, ווייל ער גייט אין זיינע דרכים, אַז נישט בחנם הייסט דער זון יצחק און די שנור רבקה.

פון די אומענדלעכע פעלדער איז אָנגעקומען אַ שטים, זיך געוויקלט אַרום אים, איינגערוימט:

– אברהם, אברהם... כ'האָב דיך ריין געמאַכט... כ'האָב דיך גרויס געמאַכט... גיי צו פרענקן, דעם שעפער, נעם זיין דייזין פאַר אַ קעבס-ווייב...

ער האָט אויפגעציטערט, געוואָלט פאַרטרייבן די בייזע מחשבות און אָפּגעשטעלט דאָס פערד ביי אַ קליין הייזל.

— האַ־האַ־האַ!

דייזי, אַ יונגע מולאַטקע, איז אַרויסגעקומען, זיך פאַרנייגט פאַרן בעל־הבית:

— דער טאַטע איז אויף דער לאַנקע!

אברהם האָט לאַנג געטראַכט וועגן דייזין, געפלאַנט זי צו באַזעצן אין וואַלד, זיך געטרייסט, אַז אַלע אבות האָבן געהאַט קעבס־ווייבער, און דער געדאַנק האָט זיך געדרייט ביי אים אין מוח, אויסגעשפּונען אַ קרייז איבער אַ קרייז, אַ קרייז אין אַ קרייז, און אין דערמיט איז געזעסן דייזי איינגאַנצן פון סאַמעט.

פון שטעטל איז אָנגעפאָרן דער אַלטער שוחט

— ר׳ לייזער, איר פאָרט צו מיר?

— יאָ, ר׳ אברהם!

— גוט, כ׳וויל טאַקע מיט אייך עפּעס רעדן.

אברהם איז אַרויף אויפן וועגעלע, צוגעבונדן פון הינטן דאָס פערד. דער שוחט האָט אָנגעשטעלט אַן אויער:

— לאָמיר הערן.

— כ׳מיין... ביי ייִדן... היינט, מיין איך... מער ווי איין ווייב טאָר אַ ייִד נישט האָבן, האַ?...

— ניין, ר׳ אברהם, מען טאָר נישט! וועגן וואָס האַנדלט זיך?

— כ׳מיין, אַז איינער האָט אַ קראַנק ווייב, אַ שלאַקריריקס, איז גאָרנישט... דאַרף ער זיך טראָגן מיטן פּעקל...

— כ׳וועל אייך זאָגן, ר׳ אברהם... אַז איינער האָט אַ קראַנק ווייב, און די קרענק איז נישט היילבאַר, געפינט מען ביי די אחרונים אין שאלות ותשובות, אַז ער מעג זיך נעמען אַ פּלגש... מען געפינט עס אַפילו ביי ר׳ יעקב עמדן...

— אַזוי! — האָט אברהם געעפנט אַ פּאָר אויגן, אַז דער שוחט האָט זיך אַזש אָפּגערוקט.

אברהם איז אַהיים געקומען אַן אויפגעלייגטער.

— וואָס אַזוי שפּעט? — איז דאָס ווייב אים אַנטקעגן געקומען — ס׳עסן איז קאַלט!

— וועט מען עס אָנוואַרעמען! פּטור, נו!

— רעדסט מיט דיינע פּאַראָבקעס ? וואָס שרייסטו ?
— כ'רעד מיט דיר, שרה ! מיט די—ר !

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעהוסט.

אברהם האָט נישט געגעסן, זיך פאַרמאַכט אין קאַבינעט, געשפּרייזט איבערן צימער, געשריען שטומערהייט.

מען האָט אָנגעקלאַפּט. ער האָט געעפנט די טיר.

די שנור איז געשטאַנען אַ שיינענדיקע, די באקן צעפלאַמט, באָטש בייס זי איין.

— לאָז דער שווער גיין עסן !

דער כעס איז ביי אברהמן נישט געוואָרן.

— גיב מיר דאָ אַריין עסן !
— גוט !
— זאָג אים רבקהלע, ער זאָל זיך מטריח זייך אין עסצימער אַריין — האָט זיך שרהלע אָנגערופן פון הינטער דער טיר.

אברהם האָט געלאָזט שטיין ביידע ווייבער, איז אַרויס פון הויז און זיך געלאָזט מיט די לאָנקעס.

1922

# יידישקייט

אין גרויען תּפיסה לעבן איז פאָרגעקומען אַ שנוי. דער פּאָליטישער עולם אין די קאַמערן האָט זיך געקאָכט, זיך געכאַפּט, אַז די רעגירונג האָט אָפּגעטאָן אַ שפּיצל.

— מיר האָבן זיך נישט געטאָרט פאַרשרייבן! — האָט זיך געהיצט אַ לינקער בונדיסט.

— מיר קאָנען נאָך איצט חרטה האָבן!

— נו טאַקע, וואָס פאַר פּאָליטישע זענען מיר, אַז מיט אַמאָל וועלן מיר גיין אין שול אַריין דאַווענען?

— מען דאַרף עס נישט נעמען אַזוי ערנסט — האָט אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער פּרובירט ווייכער מאַכן ביים עולם דעם כּעס — דערצו איז עס דער איינציקער וועג, ווי חברים פון פאַרשיידענע קאַמערן קאָנען זיך דורכשמועסן!

— און אַז מען ווערט פּטור אויף אַכט טעג פון דער חלשות־זופּ מיטן געשמאַקן ברויט, דאַרף מען נישט נאָר דאַווענען, נאָר אויך שיקן אין שול אַריין אַ פּאָר פונט ליכט — האָט זיך קיווקע, אַ פּראָפעסיאָנעלער גנב אָפּגערופן.

— אַ נייער פּוסק, ר׳ קיווקע! — האָט זיך דער בונדיסט געקאָכט — פון אַן אַדוואָקאַט האָב איך זיך אָפּגעזאָגט, אַז „נאַטשאַלסטוואָ" האָט מיר געהייסן שטיין, בין איך געזעסן, געהייסן זיצן, בין איך געשטאַנען, געקראָגן דערפאַר מיט עטלעכע יאָר מער קאַטאָרגע, און מיט אַמאָל קליינבירגערלעכע סענטימענטן — חלשות־זופּ, שוואַרץ ברויט, גאָטזוכעניש!

אַ יונגער סובאָטניק, אַ פרומער, וואָס האָט גרויס דרך־ארץ געהאַט פאַר אַ יידישן מענטשן, האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס מען קאָכט זיך דאָ, פאַרוואָס דער עולם איז נישט צופרידן, וואָס מען טיילט אים פּסח אָפּ פון די ניט־יידן, מען שיקט נישט אַרבעטן, און אָנשטאָט חמץ, טיילט מען אַכט טעג מצה.

דער הויכער טולער סובאָטניק, וואָס איז געזעסן פאַר מאַכן גרים

צווישן רוסישע פויערים, האָט קרום געקוקט אויף די פּאָליטישע אַפּיקורסים, זיך מער געחברט מיט די געוויינלעכע יידן, וואָס זענען נכשל געוואָרן, געזעסן, ווער פאַר פּאַלש געלט, ווער פאַר שרפות.

די ויכּוחים האָבן אָנגעהאַלטן ביז פסח. ערב יום־טוב האָט מען די יידן אַריינגעזעצט אין באַזונדערע קאַמערן.

יעדער פון די פּאָליטישע האָט זיך געזוכט אַ היתּר, זיך איינגעשמועסט, אַז ס׳איז נישט קיין חטא. דער ציל הייליקט די מיטלען — קיינער גייט נישט דאַווענען, ס׳זענען פאַראַן אַלגעמיינע אינטערעסן. חברים האָבן נישט קיין געלעגנהייט זיך דורכצושמועסן, זעען זיך כּמעט נישט און דאָ אין שול קאָן מען זיך גרופּירן, איבעררעדן וואָס צו טאָן, ווי ווייטער צו האַנדלען. און צוליב די אַלע טענות האָט מען די מצה, די קניידלעך און ס׳דאַווענען אַרויסגעלאָזן פון חשבון, זיך געשעמט דערפון אָפּן צו רעדן.

די וועכטער האָבן צעעפנט די קאַמערן, געווען היינט צוגעלאָזענער, געקאָמאַנדעוועט:

— צו צוויי! צו צוויי!

די אַרעסטאַנטן האָבן זיך אויסגעשטעלט, געקלימפּערט מיט די קייטן איבערן שטילן קאָרידאָר, וואו דער ריח פון פרישע קניידלעך, וואָס די רייכע יידישע באַלעבאַטים האָבן אַריינגעשיקט אין תּפיסה, האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. די גוים האָבן זיי מקנא געווען, אַריינגעאָטעמט דאָס געבראָטנס מיט געשוואָלענע נאָז־לעכער.

אין דער שול, וואָס איז געווען אויפן הויף פון דער קאַטאָרגע, האָט דער עולם זיך גרופּירט, זיך געזעצט פּאַרטייענווייז — בונדיסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, גנבים, סתם יידן.

די וועכטער האָבן אויסגעטיילט מחזורים. דער חזן, אַ געוועזענער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, וואָס האָט געזאָגט עברי מיט אַ רוסישער אויסשפּראַך, איז אַריינגעקומען דורך אַ זייטיקער טיר און זיך אַוועקגעשטעלט ביים עמוד.

די וועכטער האָבן זיך צעשטעלט ביי די טירן, אַכטונג געגעבן די אַרעסטאַנטן זאָלן דאַווענען, יעדער ווײַלע אונטערגעגאַנגען צו אַן אַנדערן, געוויזן אויפן מחזור:

— וואָס דאַווענסטו נישט, וואָראָנאַ? ווילסט כ׳זאָל דיך צוריקפירן אין קאַמער? דאַווען, דאַווען!

די אַרעסטאַנטן זענען געזעסן איבער די מחזורים, זיך פּלומרשט געשאָקלט און גערעדט צווישן זיך יידיש. דאָ איז יידיש צוניצגעקומען אַפילו די סאָציאַל-דעמאָקראַטן.

די קולות האָבן זיך געקנוילט איבער אַלעמענס קעפּ, זיך געוויקלט אַרום דער רוסישער עברי פון דעם חזן און ס'איז שווער געווען צו הערן, וואָס ער זאָגט.

די יידן, וואָס זענען נכשל געוואָרן, ווער פאַר פאַלש געלט, ווער פאַר שרפות און סתם גנבים, האָבן געהאַלטן אין איין קלאַפּן אין די בענק, געשריען:

— שאַ, שאַ, לאָזט דאַוונען!

— מען הערט דאָך קיין וואָרט נישט!

— ס'איז אַ חלול־השם פאַר די וועכטער!

— אַז ס'איז ביי זיי אַ פורים-שפּיל!

די וועכטער האָבן דאָ, דאָרט אַרויסגעפירט אַ פּאָליטישן, צוריקגעשיקט אין קאַמער אַריין פאַר נישט וועלן דאַוונען.

דער סובאָטניק איז געווען אש־להבה, געליטן, נישט געקאָנט הערן, וואָס דער חזן זאָגט. ער האָט זיך געערגערט, וואָס גאָטס פאָלק, די יידן, ווערן קאַליע; געהאַלטן פאַר אַ זינד צו זיין מיט אַזעלכע אומגלויביקע אין איין שול אין איז אַוועק צו זיך אין קאַמער אַריין מיט אַ ביטער האַרץ.

די וועכטער זענען געוואָרן שטרענגער, אַרויסגעשיקט איין פּאָליטישן נאָכן צווייטן. אין שול איז געוואָרן שטילער. דער יום-טובדיקער ניגון האָט אַביסל צעוואַרעמט דעם עולם, און ער האָט אָנגעהויבן מיטצוברומען.

דער לינקער בונדיסט איז נישט איינגעזעסן, זיך נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער טוט דאָ, אין דער שול, וואו אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט איז זיין שליח־צבור! די חברים האָבן אים אָפּגענאַרט: געזאָלט האָבן אַ פאַרזאַמלונג און דערווייל דאַוונט מען געשמאַק! דאָס טאָר מען ניט דערלאָזן! מען דאַרף פּראָטעסטירן! וואָס הייסט? מיט די טאַטעס האָבן מיר זיך געשלאָגן, געקראָגן פּעטש און נישט געגאַנגען דאַוונען, און דאָ אין דער תפיסה, וואו מען דאַרף מדקדק זיין אויף דער קלענסטער זאַך, וועלן מיר זיך אַוועקשטעלן פרייוויליק דאַוונען?

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אויפגעהויבן אַ האַנט צום עולם אויסגעשריען:

— ס'פּאַסט פּאַר צבועקעס!

דער וועכטער איז אונטערגעקומען:

— וואָס איז?

— פיר מיך צוריק אין קאַמער אַריין!

אין דער ליידיקער קאַמער האָט דער סובאָטניק באַגעגנט דעם בונדיסט מיט שנאה:

— מען דאַרף אייך אַלעמען אַרויספירן פון שול, חטאתים!

— איך בין אַליין אַרויסגעגאַנגען.

דער גר האָט צעעפנט אַ פּאָר בלויע אויגן:

— פאַרוואָס?

— ווייל די פּאָליטישע האָבן פון זיך געמאַכט אַ פּורים-שפּיל, זיך אַליין אָפּגעשמיסן, געגאַנגען דאַווענען!

דער סובאָטניק האָט אַ שטשירע געטאָן מיט אַ מויל ציין, אָנגעפילט די לופט מיט שלעגגלעך און זיך גענומען רוקן פון בונדיסט, ווי פון אַ צרעת.

אין דער גרויסער טונקלער קאַמער זענען געזעסן אויף זייערע הילצערנע „טומבעס" דער טולער גר, אַ פאַרביטערטער, וואָס די יידישקייט, איבער וועלכער ער זיצט, גייט אונטער, און דער פאַרעקשנטער בונדיסט האָט זיך געשלאָגן מלקות, וואָס זיינע חברים קאָנען זיך נישט באַפרייען פון דער „קליינבירגערלעכער שול-יידישקייט".

1922

# אַ „איזראַעליט“

גמליאל דער „איזראַעליט“ האָט זיך געפילט פרעמד צווישן די שכנים פּראָטעסטאַנטן, געטראָגן אַ באַהאַלטענע שנאה, וואָס איינער פון זיי האָט חתונה געהאַט מיט זיין עלטסטער טאָכטער. פאַר אים איז זי געשטאָרבן. ער האָט געחלומט וועגן דעם שטאָט אָהאַיאָ, ווי אַ פרומער ייד וועגן ארץ־ישראל, געפּלאַנט צו פאַרקויפן זיין נחלה און אַריבער צו זיינע גלויבנס־גענאָסן, וואו ס׳ווערט אָפּגעהיט שבת און מען זעט נישט קיין חזיר אַפילו פאַר אַ רפואה.

נאָך דעם אומגליק מיט דער עלטערער טאָכטער איז ער געוואָרן פרומער, געלערנט די ביבל מיטן טאָג צוגלייך. ס׳ווייב, אַן אָפּגעאַרבעטע, אַן איבערגעשראָקענע, האָט געקוקט דעם שטרענגן מאַן אין מויל אַריין, געטאָן, וואָס ער האָט געהייסן און צוויי מאָל אַ טאָג אָפּגעבונדן דעם האָריקן הונט, זיך געיאָגט מיט דער פופצןיאָריקער רעבעקאַ איבער די לאָנקעס, געטריבן די בהמות אין שטאַל אַריין צום מעלקן.

גמליאל האָט רעבעקאַן אַרויסגענומען פון דער מוטערס רשות, געוואוסט יעדן טריט אירן, געזען, זי זאָל נישט האָבן צו טאָן מיט די דאָרפישע בחורים, געלערנט מיט איר די ביבל און געהאַלטן אין איין צוזאָגן, אַז ער קלייבט זיך נאָך אָהאַיאָ, פון וואַנען ער וועט ברענגען פאַר רעבעקאַן אַן „איזראַעליט“.

אַזוי איז פאַרביי אַ זומער נאָך אַ זומער. גמליאל האָט זיך אַליין נישט געקאָנט אָפּרייסן פון זיין ווירטשאַפט. דאָ האָט זיך דער טאַבאַק נישט איינגעגעבן, דאָ האָבן די בהמות געקראָגן געשוואָלענע בייכער און די איבערגעוואַקסענע פאַר אירע יאָרן, רעבעקאַ, האָט זיך געריבן מיט יעדן פריילינג אָן די שטאַלן, געביינקט, שטום געשריען. זי האָט זיך געטראָגן צוויי מאָל אַ טאָג נאָך די בהמות, זיך געחידושט, וואָס דער פאָטער נעמט נישט צו איבערן זומער

אַ מענטש, ס'איז דאָך איבער די כּוחות אַלץ אַליין צו באַאַרבעטן.

— מען דאַרף צונעמען אַ „האַנט", טאַטע.

— מען קריגט נישט, טאָכטער.

— אַלע קריגן, נאָר דו קריגסט נישט!

— רעבעקאַ, אַזוי רעדט מען צו אַ טאַטן?

זי האָט נישט געענטפערט.

— דו ווילסט כ'זאָל צונעמען אַ קאַטאָליק, צי אַ פּראָטעסטאַנט? זיי זאָלן רוען ביי מיר צוויי טעג, שבת און זונטאָג? ווען כ'קריג אַן „איזראַעלייט" וואָלט איך צוגענומען, אים געצאָלט טייער, אָבער נעמען אַ שונא אין הויז אַריין?

— נאָך אַ טאָג אַרבעט פאַלן מיר פון די פיס.

— קענסט דיר גאָרנישט העלפן, טאָכטער, אָן שווייס איז קיין ברויט נישטאָ.

דער איידעם האָט געשיקט זאָגן, אַז ער וועט קומען אַרויס־העלפן. דער אַלטער גמליאל, וואָס האָט גערעדט מיט פּסוקים פון דער ביבל, האָט נישט געענטפערט, געוויזן דער טאָכטער אויף דער צוויי-רעריקער ביקס.

קיינער איז אין הויז אַריין נישט געקומען. טעג לאַנגע, גרויע, וואו איבער די ווייטע לאָנקעס האָבן זיך געשפּונען חומש־מעשיות, זיך געקייקלט איבער דער לענג, איבער דער ברייט, אויפגעציטערט אין דעם פאַרבענקטן מעקן. אַ קו האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר תמעוואַטע אויגן, צעשפּרייט די הינטערשטע פיס, וואו אַ גע־שוואָלענער בויך האָט זיך געפּאָלדעוועט, און זיך צעשריען. רעבעקאַ האָט געקנאָטן מיט די הענט אונטער דער קוס ביאָדרעס, איבער דעם צעיוירענעם בויך, מיטגעקרעכצט און אַרום איז געוואָרן שטיל, בולטער געמאַכט דעם יאָמער, וואָס איז געשטאַנען אין חלל.

— שוין, שוין, זיך אָפּגעקעלבט — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו טאַטע-מאַמע, וואָס זענען אָנגעלאָפן אויף די געשרייען.

ס'איז געווען אָנפאַנג זומער. מען האָט געיעטעט דעם גאָרטן. אַ וואַנדערער האָט באַגריסט דעם אַלטן גמליאל:

— גאָט זאָל העלפן!

— אימער און אייביק!

— קען מען ביי אייך קריגן אַרבעט?

דער אַלטער האָט זיך אויסגעגלייכט, פאַרצויגן אַ שמעק טאַבאַק, אָפּגעווישט די שפּיץ-פינגער אָן זיין „אָנקעלסעם", וואָס איז געשטאַנען ווי אַ בעזעמל:

— ביי מיר אַרבעט מען זונטאָג!

— כ'בין ווילּיק צו אַרבעטן זונטאָג!

— אַ קאַטאָליק אַרבעט זונטאָג?

— כ'בין נישט קיין קאַטאָליק.

— אַ פּראָטעסטאַנט?

— אויך נישט.

— אַן „איזראַעלייט".

דער ייד האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— סוף־כל־סוף האָט גאָט מיר צוגעשיקט אַן אייגענעם מענטשן — האָט זיך גמליאל פון פרייד אַזש געריבן די הענט און זיין אָפּגעאַרבעטע פיגור מיטן שטרענגן פּנים האָט אָפּגעגעבן אַ שבח דעם אויבערשטן.

רעבעקאַ איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן, געווען גליקלעך, וואָס ס'איז פאַראַן אַ מאַנסביל אין שטוב און דערצו נאָך אַן „איזראַעלייט".

דער פרעמדער איז נישט געווען קיין געניטע האַנט, נישט געשיקט צו פעלד-אַרבעט, אויסגעזען מער ווי אַ שטאָטישער. מען האָט אים אָבער קיין זאַך נישט אויסגערעדט, וואָס ער האָט געטאָן, איז אַלץ געווען גוט. דערצו האָט גמליאל זיך דערוואוסט, אַז אייב קען די ביבל אין „היברו". ער האָט פאַר אים געקראָגן גרויס דרך ארץ.

גמליאל האָט זיך געגרייט צום ערשטן שבת. באַלד אין דער פרי האָט ער געעפנט א וואָגיקע ביבל, אויפגעמישט תהלים, זיך אויסגעשטעלט אויף די קניען. ער רעכטס, ס'ווייב — לינקס. אייב מיט רעבעקאַן פון הינטן און מען האָט אָנגעהויבן מיט אַן אומגעהאַריש קול צו לויבן גאָט.

רעבעקאַ האָט איצט געאַרבעט פאַר צווייען. זי האָט געהאָלפן אייבן אַהיימטרייבן די קי, אים געלערנט מעלקן. די מילך האָט

זיך געשוימט און געפּאַרעט אין די בלעכענע עמער. רעבעקאַ איז געזעסן אויף די „קיטשקעס", מיט אַ סווישטש געצויגן שנורן מילך און הינטער דער געפּאַסטער בלוזקע האָט ס'לייב אַן אָנגעקוואָלענס זיך געשוימט, איבערגעגאַנגען. זי האָט אָנגעשטעלט דעם אייטער אויף אויבן:

— נאַ, כאַפּ!

דער פֿאָטער האָט זיי אויפֿגעהערט היטן, געגלויבט, ס'איז פֿון גאָט און געגאַנגען שלאָפֿן מיט די הינער.

טעג לאַנגע, יום-טובדיקע. איבער די לאָנקעס האָבן זיך געשפּונען חומש־מעשיות, אויפֿגעציטערט אין דעם פֿאַרבענקטן מעקן, אין די צעפּענטעטע גלידער.

ס'איז דורך דער זומער. גמליאל איז געוואָרן פֿרומער, געוועקט אייבן צו דער ביבל. דעם יונג איז אָבער דערעסן געוואָרן דאָס בלעקעצן און ער איז נישט געוואָרן.

גמליאל האָט געקוקט, ווי רעבעקאַ צעוואַקסט זיך, נישט געוואוסט פֿאַרוואָס גאָט שטראָפֿט אים, געזעסן איבער דעם תהלים און זיין אומגעהאַריש קול האָט זיך געקייקלט איבער די לאָנקעס, איבערגעשריען דאָס פֿאַרבענקטע מעקן פֿון די בהמות.

1922

# אַ שאלה

אַ דראָבנער רעגן האָט געהאַלטן אין איין שפּריצן, זיך געלייגט איבערן שטעטל, ווי אַ צעווייקטע שאַטקע, צונויפגעגאָסן הימל און ערד אין אַ צעשוואומענער גרויקייט. בלויז דעכער פינקלדיקע פון צופיל רעגן, און איבער זיי שטייענדע שטיקער רויך, האָבן זיך אויסגעשיילט און זיך געוואָרפן אין די אויגן.

ווייבער, מיידלעך האָבן געשלעפּט באַליעס, פעסער, עמערס, זיי געשטעלט אונטער דעכער, אונטער רינעס, זיך געריסן איבער אַ ביסל ווייך וואַסער, זיך געקריגט. דורכגעווייקטע מאַמצעס האָבן אַהיים געטריבן דאָס קליינוואַרג, וואָס האָט זיך געפּליעסקעט אין רינשטאָק, געשלעפּט די כּלים מיט וואַסער אין שטוב אַריין און געווען צופרידן, אַז ס׳וועט זיין מיט וואָס צו וואַשן.

שרה די וועשערין האָט שוין געהאַט אָנגעשלעפּט אַ פולע שטוב מיט וואַסער. וואָס אַן עמער, אַ פאַס, אַ טאָפּ — אומעטום איז געשטאַנען וואַסער. זי האָט אַראָפּגעשלעפּט אַ נאַסן זאַק פון קאָפּ, אַראָפּגעוואָרפן די צעווייקטע שיך, זיך געטריקנט ביי דער קיך און גערעדט צו דער שותּפטע:

— וואָס מענטשן קענען! ווען כ׳וואָלט נישט געזען מיט מיינע אויגן, זאָג איך דיר, לאה, וואָלט איך נישט געגלויבט; אַ חוצפּה און אַ העזה דאָס איז, אַוועקצורוקן דאָס פעסל פון אונטער מיין ריינע און אונטערצושטעלן אירס!

לאה האָט נישט געענטפערט. זי איז געזעסן איבער צענדליקער פעקלעך גרעט, וואָס די ישיבה-בחורים האָבן אַריינגעבראַכט צום וואַשן, זיי צעעפנט, אויסגעסאָרטירט די קאָלירטע פון די ווייסע און געווען שטאַרק פאַרזאָרגט.

— האָסט שוין אויסגעציילט די וועש? — האָט שרה נישט אויפגעהערט צו רעדן.

— ווילסט היינט איינווייקן?

— ווער וועט איינווייקן, — האָט שרה פאַרזיכטיק זיך געדרייט צווישן די כלים מיט וואַסער, געשטעלט די באַרוויסע פיס מאָדנע, ווי זי וואָלט געטרעטן איבער צעבראָכן גלאָז — די וועש אויפן בוידם איז נאָך פּיטש נאַס!

לאהן איז איצט נישט אָנגעגאַנגען, וואָס די וועש הענגט שוין דעם פערטן טאָג אויפן בוידם און איז נאַס. זי האָט זיך נישט אויפגעהערט צו עסן, געווען זיכער, אַז דאָס וואָס זי פאַרשווייגט, איז אַ גרויסע עבירה. דאָס ערשטע מאָל האָט זי זיך געמאַכט נישט זען, אַפילו נישט דערציילט פאַר שרהן.

אויסגעוואַשן ס׳העמד, און אַז דער יונגער מאַן האָט איר געגעבן די פּאָר קאָפּיקעס, האָט זי זיי אַרומגעטראָגן עטלעכע טעג, נישט געוואָלט אויסגעבן, מורא געהאַט הנאה צו האָבן פון זיי. ס׳צווייטע מאָל האָט זי פאַרטרויעט די זאַך שרהן און זיי האָבן באַשלאָסן איבערצוואַרטן. איצט האָט זי געעפנט ס׳פּעקל און — ווידער ס׳זעלבע.

ר׳ מאירל, דער ראש־ישיבה, איז דאָך אַ ייד אַ צדיק, ווי דערלאָזט ער עס, אַז יונגעלייט זאָלן זיך דאָ אָפּוואַלגערן אָן די ווייבער חדשים־לאַנג? זי וועט עס מער נישט פאַרשווייגן, טאָר עס נישט פאַרשווייגן — — — זי איז אַזוי אויך אַ געשטראָפטע, זיצט אַ וויסטע אלמנה — — — איר מרדכילע האָט שוין געלערנט ביי ר׳ מאירלען, איבערגעזאָגט יעדן טאָג אין דער היים דעם שעור, זי, די מאַמע, זאָל הערן, האָבן נחת, כאָטש זי האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט. און אַז זי מיט שרהן אַרבעטן פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט, באַוואַשן פאַר חצי חנם אַ גאַנצע ישיבה מיט בחורים און אַז איינעם פעלט אויס אַ טאָג, גיבן זיי אָפּצוועסן אַ מאָלצייט אויך, איז וואָס? וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס אַלץ, אַז צווישן די יונגעלייט אין דער ישיבה זאָל זיך אַזוינס פאַרלויפן, וואָס מען קען צומאָל פאַרן מויל נישט ברענגען?

אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען אַ יונג בחורל מיט אַ פּעקל אין דער האַנט און אַ נישט־דרייסטער זיך געפרעגט:

— דאָ וואוינט לאה די — — —?

— די וועשערין?

— יאָ.

— דאָ, דאָ — האָט לאה זיך אויפגעשטעלט, צוגענומען ביים בחורל ס׳פעקל און געלאָזט פאַלן אַ וואָרט — נישט קיין היגער, האַ?

— נעכטן בין איך אָנגעקומען.

— אַ היימיש קינד דערקענט מען גלייך — — — נישט איין טרער פאַרגיסט אַ מאַמע ביז זי דערלעבט אַ שטיקל נחת — — — כ׳האָב צו לענגערע יאָר, אויך געהאַט אַ בחורל אין דיין עלטער — — געלערנט ביי ר׳ מאירלען — — — וואָס קומט אָבער אַרויס? כ׳בין נישט ווערט געווען און מען האָט אים ביי מיר צוגענומען — — —

ס׳בחורל האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן, געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, זיך נישט געפרעגט, ווען די וועש וועט פאַרטיק זיין, און זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב.

שרה איז אונטערגעקומען:

— לאה, וואָס נעמסטו די פאַטשיילע? גייסט ערגעץ?

— כ׳מוז גיין, שרה.

— וואוהין?

— כ׳גיי צום ראש-ישיבה..

— וואָס עפעס?

— שוין ווידער, נאַ, זע! — האָט זי צעוואָרפן עטלעכע העמדער.

ביידע ווייבער האָבן זיך איינגעקוקט, טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפ, אָפּגעזיפצט, ווי זיי וואָלטן געזען אַ ייד עסן חזיר.

— כ׳קען מער נישט שווייגן — האָט לאה זיך אָנגערופן — לאָז ר׳ מאירל וויסן! די וועלט איז נישט הפקר, ס׳זענען נאָך פאַראַן יידן — — — ווי זאָגסטו, אפשר איז קיין חידוש נישט! יונגעלייט זיצן חדשים-לאַנג אָן ווייבער...

— נו, גיי, גיי, לאהשי — — —

לאה האָט זיך איינגעהילט אין אַ שווער טוך, גענומען דאָס פעקל מיט העמדער און איז אַרויס אויף דער גאַס. זי האָט כמעט נישט באַמערקט, ווי דער רעגן שפריצט אין פנים אַריין, געגאַנגען גיך, געלאָפן צו אַ דבר מצוה. אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי שוין געווען ביים ראש-ישיבה אין קיך.

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן, לאהש ? — איז די דינסט איר אַנטקעגן געקומען.

— דער ראש־ישיבה איז דאָ ?

— ער איז דאָ.

— זאָג אים, כ׳בעט דיך, אַז מען וויל אים זען — — —

— אויב אַ שאלה, לאהשי — פּסקנט ער נישט, שיקט אָפּ צום דיין !

— וואָס אַרט דיך, קינד מיינס, זאָג, אַז לאה די וועשערין וואַרט אין קיך, דאַרף אים נויטיק זען — — —

ר׳ מאירל אין לייכטן שלאָף־ראָק, אויפֿן קאָפּ אַ קאַפּל, איז געזעסן און געלערנט. לאה איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און אַז ר׳ מאירל האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט זי זיך אַ בויג געטאָן פאַר אים און אַ נישט־דרייסטע אונטערגעגאַנגען :

— רבי, רבי — — —

— איר האָט עפּעס געדאַרפט ?

— רבי — — — איך בין לאה די וועשערין — — — כ׳באַוואַש די גאַנצע ישיבה — — —

— כ׳ווייס, כ׳ווייס — — —

— האָב איך, הייליקער רבי, געוואָלט זאָגן, אַז יונגעלייט נאָך דער תתונה, כ׳מיין יונגעלייט, וואָס קומען צופאָרן אין דער ישיבה און לאָזן איבער די ווייבער אין דער היים — — — איז נישט גלייך — — —

— וואָס ווילט איר זאָגן ?

— כ׳מיין — האָט לאה געשטאַמלט — כ׳בעט איבער אייער כבוד וואָס איך, אַ פּראָסטע אשה, אַ וועשערין — — — כ׳ווייס ס׳איז אַ גרויסע עבירה, אַפילו אין מיין „חיי אדם” אויף עברי טייטש שטייט געשריבן — — — אַז מען קען עס פאַרן מויל נישט ברענגען — — — אָט לאָז דער רבי זי זען — האָט זי אַרויסגענומען ס׳פּעקל און צעוואָרפן פאַרן ראש־ישיבה די העמדער — איך וועל אַזעלכע העמדער מער נישט וואַשן !

דער ראש־ישיבה האָט זיך געכאַפּט ווען וואָס עס האַנדלט זיך, אויפגעהובן זיינע קלוגע אויגן, גוטמוטיק געשמייכלט און באַרוהיקט לאהן.

— נישט געפערלעך, לאה, נישט געפערלעך — — — איר מעגט

וואַשן די העמדער, אויף מיין אחריות, איך הייס!! דען וויסן זאָלט איר, אַז דער עיקר איז דער מענטש, נישט ס׳העמד! ס׳העמד, דאַרפט איר געדענקען, — גרייכט נאָר ביז דעם מענטשנס האַלז!

לאה האָט זיך געפילט דערהויבן, וואָס דער ראש-ישיבה טענהט זיך מיט איר אויס און זיך באַרוהיקט. אויף דער גאַס האָט זי ווידער געטראַכט וועגן די העמדער, פאַרגעסן וואָס דער ראש ישיבה האָט געפסקנט, געהאַט ס׳געפיל, אַז דאָ ווערט באַגאַנגען אַ שווערער חטא און אַ דערשלאָגענע זיך געשלעפט אַהיים.

1922

# שרעק

מיט דעם לעשן זיך פון די שטערן, ווען דאָס פינסטערניש ווערט גערדיכטער, שפרייזט שוין שפּאַן אין זיין האָריקן „סוועטער" איבער דער הוילער ווערענדע, וואו יעדער טריט זיינער שלאָגט זיך אָפּ מיט אַ ווידערקול פון אַ צעבראָכענעם טאָפּ. ער שפּרייזט אַזוי אַ לענגערע צייט אונטער דעם רויש פון ים, די הענט אין די הויזן־קעשענעס, דער קורצער קאַרק צווישן די אַקסלען, אָטעמט מיט פולע נאָז־לעכער, דערנאָך קריכט ער אַריבער דעם פּאַרענטש, כאָטש ער קען גיין מיט די טרעפּלעך, און דורך פּאַרוואַקסענע פעלדער לאָזט ער זיך צום ים. זיין שטענדיקער באַגלייטער איז אַן אַלטער הונט, וואָס ליידט פון אַסטמאַ, בילט שוין ניט מער, נאָר כאָרכלט מיטן בויך. דעם פּאַרטאָגיקן שפּאַציר מאַכט שוין שפּאַן פאַר די לעצטע פופצן יאָר. סיי זומער, סיי ווינטער, אין רעגן און אין שניי, שלעפּט זיך שפּאַן איבער די פעלדער, גייט מיטן ברעג, ווען מען זעט דאָרט ניט קיין לעבעדיקן נפש, און אַז פון די אַרומיקע הייזער נעמען זיך באַווייזן פּנימער, איילט שפּאַן צו זיך אין שטיבל אַריין, וואו איבערן זומער וואוינען ביי אים זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע און מיטן הארבסט בלייבט ער איינער אַליין.

ער האָט מורא פאַר מענטשן, מיידט אויס נייע באַקאַנטע און אַז ער באַגעגנט אַמאָל אויף זיינע פּאַרטאָגיקע שפּאַצירן עטלעכע פישערס, צי אַ פּאַרטיע שאָסיי־אַרבעטער, הויבט ער אָן צו ציטערן, בלייבט שטיין, ווי הענט און פיס וואָלטן ביי אים אָפּגענומען געוואָרן. זיין בעסטער פאַרגעניגן איז צו שפּאַצירן פּאַרטאָג, ווען קיין מענטשיש אויג קוקט אים ניט נאָך און שפּעט ביינאַכט, זייער שפּעט, ווען מען קען ניט אונ־טערשיידן איין פּרצוף פון צווייטן.

זומער ליידט ער זייער, ליידט וואָס ער מוז אָנקומען צו די באַקאַנטע, וואָס וואוינען ביי אים, מוז אויסהערן זייערע טענות, אַלע

דערגייען אים די יאָרן, קלאָגן אין זיין געגנוואַרט, וואָס פון אים, פון שפּאַנען, איז געוואָרן. דעם גרויסן סטרייק האָט ער, שפּאַן, גע־וואונען, און עס איז געגוג געווען צו האָבן זיין נאָמען, אַן אונטערנעמונג זאָל ניט האָבן קיין דורכפאַל, און מיט אַמאָל האָט זיך עפּעס אַ דריי געטאָן ביי דעם מענטשן אין קאָפּ, צי אַ קעמערל איז פאַרשטאָפּט געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן אויסצומיידן באַקאַנטע, ניט געכאַפּט, וואָס מען רעדט צו אים. דעם פּזמון האָבן די „באָרדערס" עטלעכע מאָל אַ טאָג איבערגעחזרט אין שפּאַנס געגנוואַרט און יעדעס מאָל, ווען איינער האָט געענדיקט, האָט ער צוגעלייגט אַ פינגער צום שטערן, געשוויגן אַ ווײַלע, וואָס עס האָט געהייסן — ביים בחור האָט זיך אַ שרייפל איבערגעדרייט און פון אַלע האָפנונגען האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט.

מיטן קוק פלעגט שפּאַן כאַפּן, אַז מען רעדט וועגן אים, זיך געמאַכט נאָך תמעוואַטער, געליטן, געוואָלט, דער זומער זאָל זיין פאַרביי, געבענקט נאָכן ווינטער, ווען ער געפינט זיך אייבער אַליין אין גאַנצן הויז, דאַרף קיין מענטשן נישט זען. ערגעץ טיף קייקלט זיך ביי אים אַ שמייכל, בלייבט שטעקן אין בויך, שפּיגלט זיך ניט אָפּ אויפן טעמפּן פּנים, בלויז די ווינקלען פון די פאַר־קוועטשטע ליפּן קרימען זיך מיט שפּאָט, וואָס מען באַדויערט אים. זיי דערציילן, אַז ער איז געבליבן דערזעלבער שפּאַן, אַז דאָס פייער ביי אים איז ניט אויסגעלאָשן געוואָרן, עס האָט זיך נאָך מער צע־פלאַקערט.

ער האָט נאָר פיינט געקראָגן דעם מענטש און די פיינדשאַפט איז אין די פּופּצן יאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שנאה, וואָס האַלט אים אויף, גיט אים כח און איינהאַלט.

מיט פופצן יאָר צוריק אין דעם גרויסן קוילן־סטרייק, האָט ער אין מיטן פעלד גערעדט פאַר טויזנטער קוילן־גרעבער. אַהיימפאָרנדיק, האָט מען זיין אויטאָמאָביל אָפּגעשטעלט, אַוועקגעפירט אים אין אַ וועלדל און אָנגעהויבן שלאָגן. ער האָט אַריינגעכאַפּט דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, צעשפּרייט די הענט, ווי צו ווערן זיך, און גענומען שרייען. שפּאַן האָט געזען דעם טויט פאַר די אויגן, פון שרעק אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז דאָס געשריי איז ביי אים געבליבן אין

גרגרת ווי אַ ביין, געשפּאַרט די אויגן פון קאָפּ. די קלעפּ זענען געווען אַזוי גיך, אַז זיי האָבן אויפגעהערט ווי צו טאָן, אים אויסגעניכטערט. ער האָט געזען איבער זיך צעפלאַמטע פּנימער, וואָס האָבן זיך געדרייט, געשלאָגן אין פּנים אַריין, אין די אויערן, אין קאָפּ. שפּעטער האָבן זיי פאַרוואָרפן אַ שטריק אַרום זיין האַלז, אים גענומען שלעפּן צו אַ בוים, געוואָלט אויפהענגען. אַ צווייג האָט זיך איבערגעבראָכן און ער איז אַרונטערגעפאַלן. די שלעגערס האָבן אים געלאָזט ליגן און זענען אַוועק. דאָס האָט אַזוי געווירקט אויף שפּאַנען, אַז ער האָט אַ לענגערע צייט ניט געקענט פאַרטראָגן קיין טריט, אָנגעהויבן ציטערן, זיך ווארפן, געמיינט, אַז מען וועט אים באַלד איבערפאַלן, און איבער דעם חוט-השדרה האָבן זיך געבלעזלט קאַלטע טראָפּנס, די טראָפּנס האָבן אָנגעהויבן גליען, עקספּלאָדירט און אַזאַ שרעק האָט אים אַרומגענומען, אַז ער האָט קיין כּח ניט געהאַט צו אַנטלויפן, געבליבן שטיין און געוואַרט מען זאָל אים באַפאַלן.

ער איז צוריקגעקומען נאָך ניו-יאָרק, אויפגעהערט זיך צו ווייזן צווישן באַקאַנטע. שפּעטער, אַז מען האָט אים אויסגעפונען, גענומען אויף אַ פאַרהער און גאָרניט געקענט אַרויסקריגן, האָט מען באַשלאָסן, אַז דער בחור האָט געקראָגן אַריין אין קאָפּ. – מען האָט אים געקויפט ביים ים אַ הייזל, געהאָפט, אַז ווייט פון טומל וועט ער אפשר צו זיך קומען. אין די זומער-חדשים זענען באַקאַנטע, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געאַרבעט, צו אים אַרויסגעפאָרן. קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. ער האָט אויסגעמיטן אַפילו באַקאַנטע. זומער פלעגט ער גאַנצע טעג אַרבעטן ביי זיך אין גאָרטן, וואָס האָט זיך געפונען הינטערן הייזל, געקליבן שטיינער און געמאַכט אַ פלויט, זיך אויסגעטענהט מיטן הונט, ניט געענטפערט אויף באַגריסונגען און זיך געערגערט.

בלויז פאַרטאָג, ווען ער האָט אין דער פינסטער געשפּרייזט מיטן הונט איבערן ברעג פון ים, האָט ער זיך באַרוהיקט, געפילט ווי ער גלייכט זיך אויס, וואַקסט און אין זיין פאַרזשאַווערטן מח בליצט אויף אַ ליכטיקייט, וואָס ער האָט ערגעץ וואו אָנגעוואָרן. שטיקער ליכט האָבן זיך געקייקלט איבער די פינסטערע כוואַליעס און, וואָס נענטער זיי האָבן זיך געדרוקט, אַלץ זוניקער איז אים געוואָרן אין די אויגן: דער מח אַזאַ לופטיקער, האָט געבליצט אוז ער האָט געזען, ווי טויזנטער

קעפּ וויגן זיך, כוואַליען היין און צוריק, בויגן זיך, פאַלן צו זיינע פיס און ער, אַזאַ מעכטיקער, שטייט איבער זיי, רייסט פון זיך אַרויס דאָס שווייגן מיט די וואָרצלען, דריוועלט עס, שליידערט צאַפּעלדיקע, אויסגעוויטאָגטע ווערטער, און דער המון שרייט, רעוועט, טראָגט זיך מיט די כוואַליעס...

1922

# אין אַ הויז

אַ קליינע, אַ מאָגערע, איז זי געזעסן צווישן פּאַנאַנדערגעעפנטע פּעקלעך מיט שמאַטעס און געלייענט אויפן קול אַ ראָמאַן. דאָס צעקנייטשטע, קינדערשע פּנים איז געווען געהילט אין אַ דריי-עקיק טיכל, פון אונטער וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעזען שוואַרצע, געשווירענע האָר. די צוהערערס זענען געווען — איר זעכצן-יאָריקער זון און אַ צוואַנציק-יאָריקע טאָכטער.

דער זון — אַ שלאַקרירעקער, אַ צעוואַקסענער מיט צעשאָטענע קרייזלעך אויף די באַקן, אויף די ליפּן, מיט שעמעוודיקע אויגן, וואָס מען באַגעגנט ביי בחורים, ווען זיי ווערן ראוי לחופּה. ער האָט סאָרטירט קנעפּ, זיי אויפגעצויגן אויף טאָוועלעך, געעפנט אַ מויל מיט גרויסע, שיטערע ציין, און זיך איינגעהערט ווי די מוטער לייענט.

די טאָכטער — אַ בלאַסע, די האָר — שוואַרצע, געדיכטע זענען פּאַסמעסווייז געפאַלן איבער די באַקן, זיי בלייכער געמאַכט. זי איז געזעסן אויף אַ קליין בענקל ביי אַ טישל, געניית שניפּסן, וואָס זי האָט אַהיימגענומען פון אַ שאָפּ, און אַ חן-גריבל האָט זיך געשנירלט אויף איר רעכטער באַק, געוואָרן און נישט געוואָרן.

די אָרעמקייט האָט אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקעלע. ס'איז נישט געווען אַ שטיקל מעבל, ס'זאָל נישט האָבן אַ מום. אַ שטול איז געשטאַנען אויף דריי פיס, אין טיש האָט געפעלט אַ ברעט. דער שפּיגל אַן אַלטער, אַ גרינלעכער, האָט געהאַט אין דערמיט אַ לאָך — טיף און שוואַרץ, ווי אַן אויסגעהאַקט אויג. אַרום דעם לאָך האָבן זיך צעשטראַלט שפּאַלטן און שפּעלטלעך, געמאַכט פון שענסטן פּנים אַ פּאַרזעעניש.

די מוטער האָט געלייענט אויפן קול, הנאה געהאַט פון די ווערטער, וואָס קייקלען זיך ביי איר אַרויס פון מויל. נישט געוואוסט, וואָס זי זאָגט, און אין מוח האָט זיך ביי איר געפּלאָנטערט דער מאַן.

זי האָט נישט געגלויבט, אַז ער איז שוין צוויי טעג נישטאָ אין

שטוב, געוואַרט ער זאָל יעדע ווײַלע עפנען די טיר, אַרײַנקומען מיטן טלית און תפילין.

ער האָט איבערגעלאָזט אַ בריף, אַז ער קען נישט מער בלײַבן מיט דער פאַמיליע, אַז ער איז שוין אַלט געוואָרן פופציק יאָר און ס'איז צײַט אַ טראַכט צו טאָן וועגן זיך, וועגן דער אייגענער נשמה. ער האָט שוין באַלד אָפּגעלעבט די פּאָר יאָר, געפּטרט אַ לעבן מיט נישט, און ווי שטעלט מען זיך פאַרן רבונו־של־עולם מיט ליידיקע הענט?

טלעכע צוואָנציק יאָר ווי ער „פּעדלט" מיט צודאַטן פאַר שניידערס, קלערט טאָג און נאַכט ווי מפרנס צו זײַן ס'ווײַב מיט די קינדער, זיי זאָלן, חלילה, נישט לײַדן קיין דחקות. און קיינעס אַרט נישט, וואָס זײַן אייגענע נשמה גייט אויס פון הונגער און צער!

איצט איז געקומען די צײַט צו טאָן עפּעס פאַר זיך — ער גייט שרײַבן אַ ספר. מוז זיך אָבער אויסטאָן פון דאגות־פּרנסה, מוז זײַן ווײַט פון גשמיות, און אַז ער וועט בעזרת השם פאַרטיק ווערן מיטן חבור, וועט ער צוריקקומען.

ער לאָזט איבער אַלע צודאַטן, דערצו פאַרדינט דאָך די טאָכטער, און ער האָפט, אַז זײַנע אָנהענגער וועלן געדענקען אָן דער משפּחה און וועלן צוואַרפן יעדע וואָך אַ פּאָר טאָלער.

ווען ס'ווײַב האָט איבערגעלייענט דעם בריף, האָט זי מער ווי קללות פאַרן מאַן נישט געהאַט. ס'גאַנצע לעבן זיך געמאַטערט בײַ אים... זי האָט זיך אויסגעוויינט די אויגן אין דעם קליינעם פּוילישן שטעטל, וואו זי איז געבליבן אַן עגונה, געהערט, אַז ער לעבט אין אַמעריקע מיט אַנדערע ווײַבער. שפּעטער, אַז ער האָט נאָך איר געשיקט, האָט זי אים שוין נישט דערקענט, אָנגעהויבן פרומער צו ווערן פון טאָג צו טאָג, געזעסן אין „שטיבל" און געלערנט. זי מיט די קינדער האָבן זיך געמאַטערט, צוגעהונגערט. דערצו האָט זי גאָט געשטראָפט מיט אַ קאַליקע.

נאָכדעם ווי די קאַליקע איז געבוירן געוואָרן, האָט ער זיך אינגאַנצן דערווײַטערט פון ווײַב, זיך אָנגעהויבן אַרומצופירן מיט שוסטערס, מיט פורמאַנעס, אופגעהערט צו האַנדלען, געזעסן אין „שטיבל", ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט „נסתר", און ווען אַ שוסטער, צי אַ פורמאַן וואָלטן נישט אַרײַנגעבראַכט אין שטוב אַ פּאָר טאָלער וואָלט ס'ווײַב מיט די קינדער אויסגעגאַנגען פון הונגער.

זי האָט געלייענט אויפן קול דעם ראָמאַן, הנאה געהאַט, ווי די ווערטער קייקלען זיך איר פון מויל, און אונטער דעם אלעם האָט זיך געפּאַלדעוועט אַ געדאַנק, זיך צעעפנט, און זי האָט דערזען, ווי דער מאַן שלעפּט זיך מיטן טלית-זאַק ערגעץ אויף אַ וועג. די באָרד קריכט אים אין גאַרטל אַריין, פּלאָנטערט זיך מיט זיין באַוואַקסן לייב. אַ באַנדע יינגלעך טראָגן זיך נאָך אים, שרייען: „שיני, וויסקי, וויסקי!" – שפּרינגען אים אין פּנים אַריין.

דער מאַן טרייבט נישט די קינדער פון זיך, שמייכלט, רעדט מיט זיי יידיש:

– קינדער, וואָס האָט איר צו מיין באָרד? אַ באָרד, קינדער, טאָר מען נישט רייסן!

– מאַמע, האָסט אַודאי איבערגעמישט צוויי בלעטלעך! ס'לייגט זיך עפּעס נישט צונויף!

– יאָ, איבערגעמישט, טאָכטער – האָט די מוטער זיך געכאַפּט און אויפגעהערט לייענען – אָט ס'מישט זיך מיר אין קאָפּ! אַלץ אייער טאַטע!

– ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט אַוועקגיין, – האָט די טאָכטער זיך אָנגערופן – וואָלטן מיר זיך נישט אַזוי געמאַטערט!

– מיטן טאַטן איז עפּעס נישט גלאַטיק.

– ער איז משוגע!

– רעד נישט אַזוי, טאָכטער!

– כ'זאָג דעם אמת!

ס'איז אויף אַ ווילע געוואָרן שטיל. די מאַמע מיט דער טאָכטער האָבן אויסגעמיטן זיך אָנצוקוקן. די קאַליקע האָט געעפנט ס'מויל מיט די גרויסע שיטערע ציין און איבער די שמאַטעס האָט זיך געקייקלט ווי דער אָפּקלאַנג פון אַ צעבראָכענעם טאָפּ

– טאַ-טע! טאַ-אַ-טע-ע!

מען האָט אָנגעקלאַפּט.

– קאָם אין!

עס איז אַריינגעקומען אַ גאַליציאַנער שוסטער אין אַ לאַנגן כאַלאַט, אויפן קאָפּ אַ רבנישן קאַפּעלוש. ער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה, אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ ספר און זיך אַוועקגעזעצט ווי אַ בן-בית.

– כ'בין געקומען צו אייך מיט אַ שליחות.

— פון וועם?

— פון אייער מאַן.

— וואו געפינט ער זיך?

— כ׳ווייס נישט.

— איר קומט דאָך מיט אַ שליחות פון אים?

— פרעגט מיך נישט!

דער ייד האָט געעפנט דאָס ספר, אַרויסגענומען אַ לאַנגע שער. איבערגעשראָקענע האָבן די שטובּיקע זיך איבערגעקוקט. דער ייד האָט אויפגעבּויגן אַ פאַרקנייטשטן בּלאַט און אָנגעהויבן לייענען.

— „אַז אַ ווייב גייט אין די אייגענע האָר, קומען אַלע פּורעניות אויפן הויזגעזינד"... איר הערט? ווייסט איר שוין פאַרוואָס איר האָט געבּוירן אַ קאַליקע? דאָס האָט מיך אייער מאַן אַהער געשיקט, געהייסן אייך ווייזן דעם דין; נאַט, דאָ האָט איר אַ שער, נעמט און שערט אָפּ די האָר! שוין צוויי טאָג ווי דאָס לאָזט אים נישט רוען, ער האָט גרויס צער, כ׳מיין — — —

— גייט שוין אַרויס פון דאַן! — איז די טאָכטער אויפגעשפּרונגען — גייט!

— טאָכטער, דו מיש זיך נישט!

די מוטער האָט געעפנט די טיר:

— שלאָגט אייך קאָפּ אין וואַנט מיט מיין משוגענעם מאַן צוזאַמען; אַזאַ העזה!

דער גאַליציאַנער ייד האָט אַריינגעלייגט די שער אין ספר און זיך גענומען אַרויסשאַרן. די מוטער האָט אים נאָכגעשיקט עטלעכע קללות און זיך צוריק געזעצט צווישן די שמאַטעס. זי האָט שטיל געוויינט. די טאָכטער האָט פון ערגערניש זיך צעלאַכט, אויפגעהערט, זיך דערמאָנט אָן דעם ייד מיט דער שער, ווידער געלאַכט, און די קאַליקע האָט געעפנט ס׳מויל מיט ציין, און איבער די שמאַטעס האָט זיך טעמפּ געקייקלט:

— טאַ-טע! טאַ-אַ-טע-ע!

1922

# יוגנט

מיטן אָוונט איז אָנגעלאָפן פון די פעלדער אַ שטעכיקער שניי, זיך געדרייט אין מיטן הויף ווי אַ שרויף, זיך צעשאָטן און מיט אַ קרעכץ זיך געריסן אין די קוימענס, אין די צעשפּאָלטענע באַלקנס, אין די פענסטער.

ביי שמעון „פויער" אין הויף האָט מען פרי נאַכט געמאַכט. אין די שטאַלן האָבן קי געאַרבעט מיט די בייכער, ווי מיט בלאָז-זעק. פערד זענען נישט איינגעשטאַנען, זיך געריבן אָן די ווענט, צעשאָטן די פּאַשע מיט די נאָזלעכער, געריסן פון בענקעניש די קאָרעטעס.

פּאַראָבקעס זענען געלעגן אויף בונטן שטרוי מיט פאַרריסענע קעפּ, אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון בהמה-מיסט, פון צעפּאַרעטן ווייבער-לייב, וואָס איבער די ווענט, געלאָזט קנוילן פּאַרע צו די באַלקנס און די אָנגעקוואָלענע גלידער האָבן געוויינט פון צופּיל שפּע.

דער גוטבאַזיצער, אַ מגושמדיקער ייד, איז געגאַנגען איבערן הויף מיט אַ לאַמטערנע. אַ שטעכיקער שניי האָט אים געשמיסן אין פּנים אַריין, געריסן די באָרד. ער איז געגאַנגען פון איין געביידע צו דער צווייטער, נישט דורכגעלאָזט קיין איין שלאָס, אַריינגעקוקט צו די פּאַראָבקעס, צו די דינסטן, געזען, אַז מיט דער נאַכט זאָל דער הויף רוען.

אַ צופרידענער איז ער אַריין אין שטוב, אַ רוף געטאָן זיין זיבעצן-יאָריקן שמשונען צו זיך אין שלאָף-צימער אַריין, אויסגעשטעקט זיין פוס, דערנאָך אַ צווייטע, מכבד געווען דעם זון, ער זאָל אַראָפּ-שלעפּן די אָנגעזאַפּטע שטיוול, נאַסע פון שניי.

דער פּאָטער האָט זיך געפּאָרעט, געזאָגט אויפן קול „קריאת-שמע" און אַז ער איז שוין געלעגן אונטער דער שווערער פערינע, די שוואַרצע באָרד צעשאָטן איבער דער ווייסער ציך, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— נו, וואָס שרייבן עפּעס היינט די גאַזעטן ?

שמשון האָט גענומען די פּוילישע צייטונג, אָנגעהויבן לייענען.

נאָך די ערשטע פּאָר שורות האָט דער פּאָטער איינגעקוועטשט דאָס לינקע אויג, נאָכגעזאָגט דאָ און דאָרט אַ וואָרט. געוויזן, אַז ער הערט זיך איין, באַלד האָט ער אָנגעהויבן בלאָזן אין דער באָרד אַריין. שמשון האָט אַוועקגעלייגט די צייטונג, געוואַרט אַ ווײַלע, געזען, אַז דער פּאָטער כראָפּעט, האָט ער אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ און איז אַרויס פון צימער.

די הויט איז אויף דעם זיבעצן-יאָריקן שמשונען געווען צו ענג. ער האָט זיך געדרייט אויף די שפּיץ פינגער, געוואוסט, אַז צעשקאַ איז שוין צוויי טעג אין פּעפּלאָווקע, געקומען אויף וואַקאַציע און געפּלאַנט, אַז אין אַזאַ נאַכט איז גוט צוצופאָרן אין שכנישן דאָרף.

ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ האַלב-פּעלצל, אַרומגעוויקלט די אויערן מיט אַ באַשליק און איז אַרויס פון שטוב. אַ טרוקענער, שטעכיקער שניי איז אים פאַרלאָפן דעם וועג, געקייקלט פאַר די אויגן רויטע רעדער.

אין פערד-שטאַל האָט שמשון אָנגעשטופּט דעם שוואַרצן אָגער אַ פול מויל מיט מערן, ער זאָל נישט הירזשען און אים אַרויסגעפירט אין הויף. ער האָט זיך לייכט אַרויפגעכאַפּט אויפן פערד, זיך צוגעלייגט מיטן קאָפּ צו דער גריווע. דער אָגער האָט זיך אַ צי געטאָן, געפּאַטשט איבערן שאָסיי, און אַנטקעגן איז דער שניי געוואַקסן העכער און העכער, זיך געהויבן ווי אַ באַרג, מיטגעבראַכט פון די טיפע פעלדער אַ פאַריתומט הונגעריק געוויין.

אַ ווינט איז אָנגעלאָפן מיט אַ פייפעריי, גענומען קערן דעם שניי, אָנגעוואָרפן דאָ און דאָרט פּריזמעס און פאַר די אויגן האָבן געשפּריצט פונקען. טריט האָבן זיך געהערט פון אַלע זייטן. שמשון האָט אויפגעציטערט, געמיינט, אַז מען יאָגט אים נאָך, גענומען שפּאָרן דעם אָגער. ס'פערד איז געשפּרונגען איבער גריבער, איבער בערג, צוגעקומען צו דער אָלשינע.

דאָ האָט שמשון גענומען רייטן פּאַמעלעכער. דער שניי האָט געוויקלט רויטע רעדער, געשמיסן צווישן די אויגן. ער האָט זיך געקאָרטשעט אויפן זאָטל, אָפּגעוואָרפן איין מחיצה נאָך דער צווייטער, און דער מהלך, וואָס האָט אָפּגעטיילט אים פון צעשקאַן, איז נישט געוואָרן.

צווישן די רעדער שטייט צעשקאַ, שפּרייט פלאַכטעס שניי און די אויגן שיסן מיט פאָספאָר, צינדן זיך, די באַקן פלאַמען.

צווישן די בוימער האָט אַ שיין געטאָן אַ ליכט – אין די אויגן איז פינסטערער געוואָרן. אַלץ איז צערונען. אַ פּאַרדרוס האָט שמשונען אַרומגענומען, ווי ער וואָלט עפּעס אָנגעוואוירן. האָט ער עפּעס אָנגעוואוירן? אַ מרה־שחורה האָט זיך געלייגט איבער אים, און פון דער געדיכטער פינסטערניש איז אַרויס אַלץ, זיך גערייצט, געפרעגט, וואוהין ער פאָרט אין אַזאַ נאַכט?

ביים גאָרטן איז ער אַראָפּ פון פערד, עס צוגעבונדן צו אַ בוים און אַליין האָט ער זיך גענומען גנבענען צווישן די בוימער.

אַ ליכט האָט געצאַפּלט, באַלד אַ צווייטס, אַ דריטס. הינטערן פעלצל האָט ס'האַרץ ביי שמשונען אָנגעהויבן אַרבעטן, דערוואַרעמט די דורכגעפרוירענע גלידער. ער איז געגאַנגען מיטן גאָרטן, געשניטן צום הויז, געגאַנגען ביז דעם גאַרטל אין שניי און אַלץ אין אים האָט זיך געטרייסט, אַז זי שלאָפט נישט.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן אויף די נעגל און אַריינגעקוקט אין ליכטיקן פענסטער.

ביים טיש איבער אויסגעוואָרפענע קאָרטן איז געזעסן צעשקאַ אַ האַלב-אויסגעטאָנענע, דער צאָפּ פאַרלאָכטן צום שלאָפן גיין. פון איר בלאָנדן קאָפּ האָט געשלאָגן מיט אַזאַ וואַרימקייט, אַז שמשונס אָנגעפרוירענע גלידער האָבן אָנגעהויבן בריען.

אַ הויפן שניי האָט אים פאַרשאָטן די אויגן און מיט אַ פּאַטש אַ קלימפּער געטאָן איבער די שויבן. צעשקאַ האָט אַ קוק געטאָן צום פענסטער, זיך געטוליעט אין שווערן טוך און אויסגעוואָרפן די קאָרטן. שמשון האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ פינגער אין פענסטער. צעשקאַ האָט זיך אויפגעשטעלט, די אויגן זענען ביי איר געוואָרן גרעסער, געקוקט איבערראַשט. ער האָט ווידער אַ קלאַפּ געטאָן, נאָך אַמאָל. זי איז געשטאַנען אַן איבערגעשראָקענע, צוגעגאַנגען צום פענסטער, געריבן מיט די פינגער די פאַרפרוירענע שויב און זיך געפרעגט:

– ווער איז דאָרט?

– דאָס בין איך, שמשון!

אין צימער איז געוואָרן פינסטער. שמשון האָט געציטערט פון פרייד. ס'האָט זיך געהערט אַ סקריפּ. צעשקאַ, איינגעהילט אין אַ פוטער, איז אים אַנטקעגן געגאַנגען. זיך באַגריסט מיט ביידע הענט:

– ווי קומסטו אַהער אַזוי שפּעט?

— זיך אַרויסגעגנבעט.

— צופוס ?

— ניין, ס'פערד האָב איך איבערגעלאָזט אין וועלדל.

— גיי, אין אַזאַ נאַכט !

— און אַז די נאַכט וואָלט פול געווען מיט שדים, וואָלט איך נישט געקומען ?

צעשקאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, געווען גליקלעך, און פון איר ווייסן פּנים האָט געשלאָגן מיט אַזאַ וואַרעמקייט, אַז שמשון איז נישט איינגעשטאַנען, צעקנעפּלט פון היץ דאָס רעקל און דערציילט, ווי ער ליידט פון פּאָטער.

זי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין זיין אַקסל. שמשונס אָטעם האָט געברענט, געשמאָלצן די טרוקענע שנייעלעך, באַדעקט צעשקאַס האָר מיט טוי.

זי איז געבליבן הענגען אויף זיין אָרעם. שמשון האָט בלינדערהייט אויפגעזוכט צעשקאַס ווייך און וואַרעם מויל, זיך איבערגעגעבן דעם ווינט מיטן שניי.

פון דער וועראַנדע האָבן זיך דערטראָגן טריט, ווערטער. ביידע האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, זיך איינגעהערט :

— וואו איז צעשקאַ ?

— ביי זיך איז זי נישטאָ ?

— ניין !

— טאָ וואָס שטייסטו ?

צעשקאַ האָט זיך אַ ריס געטאָן, שמשון האָט נאָך אַמאָל געוואָלט אויפזוכן איר מויל, נישט געפונען, האָט ער געקושט די אויגן, די האָר, געהערט ווי זי הייסט אים מאָרגן ווידער קומען, זי איז פאַרשוואונדן אויף די טרעפּלעך. שמשון האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַלע פיר אין שניי, זיך איינגעהערט :

— אָט איז זי דאָך !

— וואו שלעפּסטו זיך אַרום ביינאַכט ?

ס'איז צוריק שטיל געוואָרן. שמשון האָט געוואַרט אַ לענגערע צייט אונטערן פענסטער, זיך איינגעהערט ווי דער ווינט רייסט זיך אין פעלד, ברענגט מיט דאָס הירזשען פון זיין פערד. ער האָט זיך געגנבעט דורכן גאָרטן, געווען גליקלעך, וואָס זי האָט אים געהייסן

מאָרגן ווידער קומען, אַרומגעכאַפּט דעם פערדס האַלז מיט ביידע הענט, איינגענורעט זיין צעהיצט פּנים אין דער פאַרפרוירענער גריווע. מיט אַ הויב איז ער געזעסן אויפן פערד, זיך געטראָגן איבערן שניי, וואו ס'איז קיין סימן נישט געווען פון אַ וועג, בלויז רויטע רעדער האָבן זיך געוויקלט פאַר די אויגן. און צווישן די רעדער איז געשטאַנען צעשקאַ, געשפּרייט שנייאיקע פלאַכטעס און די אויגן האָבן געשאָסן, זיך געצונדן.

1922

## שניי

עס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ שווערער ווינטער. צו דער אָלשינע איז אוממעגלעך געווען צוצוקומען. די זומפּן, וואָס זענען געלאָפן באַרג אַראָפּ, דורכגעשניטן דעם וואַלד, אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, האָבן בייטאָג און ביינאַכט געפינקלט, ווי געשליפן גלאָז און מיט אַ פּאָר פערד צו פאַרפאָרן איז אוממעגלעך געווען.

דער קאַסירער מיטן לעשניק זענען געווען אָפּגעשניטן פון אַ מענטשלעכן ישוב, געזעסן אין פאַרשנייטע הייזלעך און געזען, אַז אין אויוון זאָל ס׳פייער נישט אָפּגיין.

דער לעשניק איז גאַנצע טעג נישט געווען אין דער היים, זיך אַרומגעשלעפּט אויף לאַנגע גליטשערס איבער די זומפּן, די ביקס איבערן אָרעם, זיך געיאָגט נאָך ווילדע חזירים, וואָס דער פראָסט האָט אַרויסגעטריבן פון זייערע גריבער. איין מאָל אַ וואָך האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט אין גאָענטסטן שטעטל, אויפגעקויפט פאַרן קאַסירער עסן און אַהיימגעבראַכט די פּאָסט. יענעם טאָג איז דער קאַסירער שפּעטער ווי אַלע מאָל געגאַנגען שלאָפן, געהייסן דעם לעשניקס וויב אָנרייבן קאַרטאָפל, געגעסן פּלינזן אויף פּוטער און אויסגעהערט די נייעס פונם שטעטל. דאָס האָט אַביסל פאַרטריבן די מרה־שחורה, וואָס האָט געהאַנגען איבער די צוויי שטיבער.

צי דערפאַר וואָס דער קאַסירער האָט געהאַט אַ שוואַכע לונג, צי דערפאַר וואָס ער איז געווען בלוט־אָרעם, ווי ס׳זאָל ניט זיין, האָט ער קיין קעלט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, געליטן יסורים, ווען ער האָט געקוקט אויפן שניי. די לאַנגע נעכט האָבן אים געשראָקן.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג, פון היימלעכקייט וועגן אויפגעוועקט דעם הונט און זיך שטענדיק געחידושט, וואָס ער דאַרף קיינמאָל קיין ליכט נישט אָנצינדן — דער שניי האָט אָפּגעגאָסן דאָס שטיבל מיט לבנה־ליכט.

ער האָט צעלייגט אַ פייער און אַז ס׳האָט זיך פאַנאַנדערגעברענט,

האָט ער גענומען דאַוונען אויפן קול, פאַרטריבן די שטילקייט, וואָס האָט געשראָקן און גערוען, אַז דאָס דאַוונען זאָל זיך ציען לענגער.

אָן דעם סקריפּן פון שניי האָט ער דערקענט דעם לעשניקס ווייב, וואָס האָט געוואוינט אַ הונדערט טריט פון אים. זי איז יעדן פרימאָרגן צוגעקומען מיט אַ קריגל מילך, זיך גערייניקט אין פעדערהויז מיט אַ בעזעם די שיך און הכנעהדיק זיך באַגריסט:

— אַ גוטן מאָרגן אייך, פאַניע!

— דער פראָסט בייסט?

— ווי אַ משוגענער הונט, פאַניע!

— וואָס טוט דער „אַלטער"?

— האַלט ביים משוגע ווערן, פאַניע. גאַנצע נעכט רעדט ער וועגן ווילדע חזירים, לאָזט נישט שלאָפן. היינט, אַז ער איז אַוועק, איז נאָך געווען פינסטער.

זי האָט פאַרבעט דעם קאַסירערס בעטל, אַרויסגענומען דאָס אַש פון אויוון, אויסגעקערט, אויפגעקאָכט קאַווע און צוגעטראָגן אַ טאַץ מיט עסן.

— לאָז דער פאַן איבערבייסן!

זי איז געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט ביים פייער. די באַקן אָנגעקניפּט פון פראָסט, האָבן געפלאַמט, די אויגן האָבן געקוקט איבערגעגעבן אויפן יונגן קאַסירער, אָנגעהויבן גאַפן, גאָרנישט, דאַכט זיך, געזען, און מיט אַמאָל איז זי צוגעגאַנגען צו דער קאַמאָדע, אַרויסגענומען וואָלענע זאָקן, זיי באַקוקט און גערעדט צו זיך:

— מען דאַרף זיי פאַרצירעווען.

דער קאַסירער האָט נישט באמערקט, ווי זי איז אַוועק, געהאַט ס׳געפיל, אז עמעצער איז מיט אים אין שטוב, געענדיקט דעם אָנבייסן און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער.

אַ פאַרשנייטע וועלט. ס׳איז שווער געווען צו זאָגן, וואו הויבט זיך אָן הימל און וואו שניי. איבערן טאָפּעלטן פענסטער, אָנגעשטאָפּט מיט מאָך, איז געהאָנגען אַ טויטע פליג, און איינגעפרעסטע, ווי מען וואָלט אַלץ אַרויסגענומען פון איר, געלאָזט הויט און פליגעלעך. ער האָט צוגערופן דעם הונט, וואָס האָט ליב געהאַט צו כאַפּן פליגן אין מיטן פליען און אים געוויזן די פליג. דער הונט האָט זיך אַ צי געטאָן, פאַרשאַרט די אויבערשטע ליפּ, וואו צוויי שאַרפע ציין האָבן אַרויסגעקוקט,

איבערגעגאַנגען אין אַ גענעץ און זיך איינגעקאָרטשעט — אַ פּנים דער־שמעקט דעם טויט.

דער קאַסירער האָט געקוקט אויף זיינע הענט, באַדעקט מיט בלוט־פלעקן, ווי מיט קניפּן, די הויט גערינצעלט, דער גאַנצער גוף ווערט קלענער, פאַלט, דאַכט זיך, אַרויס פון די קליידער. ער האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין שניי, וואָס האָט זיך געזיפּט, זיך געוויקלט ווי טול, זיך געצונדן. בלויע אייז־ליכטלעך האָבן אויפגעפלאַמט, געוואָרן דינער, שפּיזיקער, געלעקט מיט זייערע פייערדיקע צינגלעך און די שנייעלעך האָבן געלאָשן, געפּרירט, געלאָפן איבער דער חוט־השדרה. גיך, גיכער, זיך געדרייט, ווי אַ שטיק שמאַלץ אויף אַ צעגליטער פאַן, גענומען שפּריצן, דורכגענומען דעם גוף ווי מיט נאָדלען און אויפן שטערן זענען אַרויס קאַלטע טראָפּנס.

די שטילקייט איז געקראָכן איבער די זומפּן, זיך געפּאַלדעוועט, אָנגעזאָגט דעם צער פון נישט ווערן. אין דער גרויער לופט איז געשטאַנען דער הילך פון אַ הונגעריק קראַקן.

אַ טרוקענער הוסט איז אים באַפאַלן. אַ געבויגענער איז ער צו־צום פאַנאַנדערגעהייצטן אויוון. ער האָט אָפּגעווישט דעם נאַסן שטערן, געקוקט ווי די פלעמעלעך לעקן ס׳האַלץ, קריכן איבער דער טרוקענער קאָרע ווי שדימלעך און ס׳האָט זיך אים פאַרוואָלט זיך אויסטאָן אַ נאַקעטן, זיך אַוועקלייגן אַנטקעגן דעם צעפלאַמטן אויוון, אונטערשטעלן די פּלייצעס, ס׳האַרץ. ער האָט זיך געוואָלט באַקן אונטער די פלאַמען, אויסטרוקענען די נאַסקייט פון די ביינער, דאָס ליחות, דעם ריח פון מילך, וואָס טראָגט פון זיין אָטעם.

אַזוי האָט ער געפּטרט די טעג, זיך געשאַרט פון פענסטער צום אויוון און פון זיך צום לעשניק. ס׳איז פרי נאַכט געוואָרן. די שטילקייט האָט זיך פאַרקליבן צו אים אין בלוט, געקלאַפּט, ווי מיט העמערלעך. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער נאַכט. די אויסגעגראָבענע וואָרצלען פון די בוימער, פאַרשנייטע, האָבן אַריינגעקוקט דורך די שויבן, ווי ווייסע בערן. ער האָט געבענקט נאָך אַ לעבעדיקן מענטש. קיינער איז נישט געקומען.

ער האָט איינגעדרעמלט, באַלד זיך אויפגעכאַפּט. ס׳איז שוין געווען גוט פינסטער. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן קלעפּ, ווי מען וואָלט אַראָפּגעלאָזט בוימער. אין דער לופט זענען געשטאַנען דאָס

איינבייסן זיך פון זעגן, דאָס הילכן פון העק. די קלעפּ זענען געוואָרן שטאַרקער, זיך גערוקט נענטער.

דער לעשניק האָט אָנגעקלאַפּט:

— פאַניע, גנבים! זיי לאָזן אַראָפּ בוימער, די הינטישע זין, ווייסן, אַז מען וועט זיי נישט כאַפּן, ס'איז גליטשיק, דערשיסן וועט מען יעדן איינעם, זיי אָנלערנען...

דער קאַסירער נעמט זיך אָנטאָן, הערט קלעפּ, קלעפּ, ווי גזלנים וואָלטן באַפאַלן דעם וואַלד, האַקן רעכטס, לינקס, רייסן זיך צו די הייזלעך און די בוימער פאַרלויפן דעם וועג, לאָזן נישט.

— דער פאַן טוט זיך אָן? גנבים! דערשיסן דאַרף מען זיי!

ער האָט נישט באַמערקט, ווי דעם לעשניקס ווייב איז אַריינגעקומען, געהערט, ווי מען שיסט אין וואַלד און דאָס קלאַפּעריי האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט.

— או, אַ קעלט! דער פאַן האָט אַ שוועבעלע, וועל איך מאַכן פייער!

זי איז צוגעגאַנגען, גענומען די שוועבעלעך און נישט אַרויסגעלאָזט דעם קאַסירערס האַנט. די קלעפּ האָבן זיך ווידער געהערט אין וואַלד, אָפּגעהילכט, אַז די שויבן האָבן אַזש געציטערט.

1922

# אַ גאַנז

די קאָמונע, וואָס האָט עקסיסטירט צווישן די אַרעסטירטע אַנאַרכיסטן, איז נאָכן הונגער-סטרייק זיך צעפאַלן.

זייער טעאָרעטיקער, אַ סטודענט מיט אַ געשליפן צינגל, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ הונגער-סטרייק, ווען מען האָט אַ חבר געשיקט אין קאַרצער, אַליין געפאַסט זיבן טעג, ביז די רעגירונג האָט דעם חבר באַפרייט — דער סטודענט האָט נאָכן צעפאַלן פון דער קאָמונע איבער מאַנגל אין געלט, געהאַט אַ הונדערטער, איינגעניית אין אַ הויז, געציטערט איבער אים, ניט געוואָלט רירן פון דער פּאַרטיי-קאַסע.

אין קאַמער מיט אים זענען געזעסן — אַנדריי און גריגאָרי — צוויי רוסן-אַנאַרכיסטן און מאָטל-סטאָליער, אַ בונדיסט.

די טעג האָבן געגרויט אין דער תּפיסה. יעדן טאָג שוואַרץ ברויט מיט וואַסער, יעדן טאָג אַ שיסעלע חלשות־זופּ; מען איז געזעסן וואָכן, חדשים, זיך מיאש געווען, מען זאָל אַמאָל רופן אויף אַ „דאָפּראָס", זאָגן, פאַרוואָס מען האַלט פאַרשפאַרט.

די אַרעסטירטע האָבן זיך מער ניט מתוכּח געווען. יעדער האָט געוואוסט דעם צווייטנס טענות. די פּנימער זענען זיך געוואָרן דערווידער, אויסגעמיטן דאָס וואָרט „טאָוואַרישטש". די פאַרוואַקסענע בעגל האָבן געגנישטערט, דערטאַפּט, אַז יעדע רעוואָלוציע האָט איר רעאַקציע, געדריוולט אַלץ, וואָס איז טייער, אַריינגעוואָרפן אין צעבער.

קליינינקייטן האָבן זיך געוויקלט, לענגער געמאַכט די טעג. מען האָט געחלומט, אַ באַקענטער זאָל עפּעס אַריינשיקן, די חברים פון שטאָט זאָלן באַזאָרגן טאַבאַק, אַ שטיקל וואורשט.

אַ חוץ דעם סטודענט האָט אין דער קאַמער כּמעט קיינער גאָרנישט באַקומען, אים האָט מען יעדע וואָך גערופן אין דער קאַנצעלאַריע, געבראַכט געבעקס, אויסגעזאָטן פלייש. דער יום־טוב האָט אָנגעהאַלטן אַ טאָג, העכסטנס צוויי. די אויסגעהונגערטע חברים האָבן די פּעקלעך

צורעכט געמאַכט און ווידער זיך גענומען פאַרן שוואַרצן ניט אויסגע־באַקענעם ברויט, פאַר דער חלשות־זופּ.

דער סטודענט איז געווען בייז, זיך געגעסן, ערשט נעכטן איז ער געווען גרייט צו שטאַרבן פון הונגער, ווען מען האָט אַ חבר אַריינ־געזעצט אין קאַרצער, געהייסן אַ צווייטן פאַרמשפּטן צום טויט, ווען ער האָט געבראָכן דעם הונגער־סטרייק. עס איז געווען אויפן זיבעטן טאָג. די אַרעסטירטע זענען געלעגן פאַרחלשט, געוואַרט אויפן טויט, פאַרטאָג האָט דער סטודענט געכאַפּט אַ חבר איבער אַ ליידיקן טשייניק, אַ גע־לעכערטן, וואו די לעכלעך זענען געווען פאַרקלעפּט מיט שטיקלעך ברויט. דער חבר האָט אַראָפּגעגריזשעט פון טשייניק די פאַרהאַרטעוועטע שטיקלעך ברויט, געשטילט דעם הונגער.

דערזעלבער סטודענט איז אין קאַמער געוואָרען קליינלעך, געהאָדעוועט אין זיך אַ פּאַסקודניקל, וואָס האָט געהאַלטן אין איין איינרוימען, אַז די חברים עסן אים אָפּ די ביינער און ער מוז הונגערן.

מיט יעדן טאָג איז די קאַמער געוואָרן ענגער פאַר די דריי אַנאַרכיסטן. מאָטל סטאָליער האָט זיך ניט געמישט. אַנדריי האָט געטענהט, דער סטודענט זאָל פאַר דעם איינגענייטן געלט קויפן שפּייז. דער סטודענט האָט זיך אָפּגעזאָגט, און נאָך אַ קריגעריי האָבן זיי אויפ־געהערט רעדן. דאָס פּאַסקודניקל האָט זיך געפּאַטשט אין בייכל, איינגערוימט דעם סטודענט, אַז פון היינט אָן וועט מיט אַ מויל ווייניקער זיין אויפצועסן זיין שפּייז.

וואָכן זענען פאַרביי. דער סטודענט האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם מנובלע און מער ניט געוואָלט, הנאה געהאַט צו הערן, אַז ער הונגערט איבער פרעמדע מענטשן, מיט וועלכע ער רעדט נישט, האָט זיי פיינט. איבער זיי האָט ער זיך צוגעקילט, הוסט, קען קריגן שווינדזוכט. ער האָט אָפּגעמאַכט, מער מיט קיינעם זיך נישט צו טיילן — אויס קאָמונע. עס איז אַזוי לייכט נישט אָנגעקומען שלום צו מאַכן מיט זיך, מען האָט פריער געדאַרפט אָפּסמען ביז דעם קלענסטן נערוו.

מען האָט אים גערופן אין דער קאַנצעלאַריע. אין דער קאַמער איז געוואָרן אַ שטילע שמחה. מאָטל סטאָליער און גריגאָרי זענען אַראָפּ פון די נאַרעס, זיך איבערגעצויגן, זיך געגרייט צו אַ סעודה. בלויז אַנדריי איז געבליבן ליגן, זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, זיך

פאַרטיפּט אין די ווערפל, געמאַכט פון ווייך ברויט, זיי געוואָרפן מיט כּונה, ווי אין דעם וואַרפן וואָלט געלעגן דער גורל פון דער וועלט.

דער סטודענט איז צוריקגעקומען אַ פאַרכמורעטער, אַריינגעלייגט אַ פּעקל, איינגעוויקלט אין אַ צייטונג, צו זיך אין וואַליז. מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט און זיך פאַרקליבן אויף דער נאַרע.

די שטימונג אין דער קאַמער איז געוואָרן אַ גאַליקע, קיינער האָט אים ניט געפרעגט צו וואָס מען האָט אים גערופן, יעדער איז געזעסן אין זיין ווינקל און די אויסגעהונגערטע אויגן האָבן אָנגעפילט דעם חלל מיט שרצים.

אין דער קאַמער האָט זיך אָנגעהויבן דורכזייען אַן איידעלער ריח. מאָטל סטאָליער האָט געסאַפּעט מיט דער נאָז, געוואָלט דערגיין דעם טעם.

— דאַכט זיך אַ גאַנז — האָט מאָטל איינגערוימט גריגאָריע

— ווייזט אויס אַ גאַנז.

— שמעקט!

— ער וועט רופן עסן?

— ווער ווייסט אים?

דער סטודענט האָט אַרויסגעשלעפּט דעם וואַליז, צעעפנט ס'פּעקל, געזעסן איבער אים אויף די קני, אַ געבויגענער, ווי אַ רויב-פויגל, און קיינעם ניט פאַרבעטן מיט-עסן.

ער האָט געשניטן די געבראָטענע גאַנז, געלייגט שטיקלעך אין מויל אַריין און פאַרביסן מיט ווייס ברויט.

די פאַרחלשטע הערצער האָבן זיך געטיקט אין דער הוילקייט. מאָטל און גריגאָרי האָבן געשלונגען דאָס וואַסער אין די מיילער, זיך צעלייגט מיט די רוקנס אויף די נאַרעס, געקוקט פאַר זיך, און די אויגן וואָס זענען געקראָכן פון קאָפּ, האָבן דורכגעשטאָכן די לופט, נישט געלאָזט אָטעמען. מען האָט פאַרגעסן פאַרוואָס מען זיצט, פאַרגעסן, אַז מען איז גרייט פאַר אַ חבר אויסצוגיין פון הונגער, אַלץ פאַרגעסן, נאָר געזען שטיקלעך געבראָטענע גאַנז, צוגעברוינטע, די הויט געגענזלט, וואָס ריחט זיך, ציט פון די פאַרחלשטע הערצער אָדערלעך און קיין איינער האָט ניט געקענט גוט-זאָגן פאַר זיך, גרייט געווען זיך צו וואַרפן אויפן סטודענט.

נאָך די ערשטע ביסן, האָט דער סטודענט זיך נישט געקענט

באַפרייען פון די אויסגעהונגערטע בליקן, זיך געדרייט איבערן וואַליז, געזען ווי דאָס פּאַסקודניקל אין אים פאַרלויפט דעם וועג, האָט ער עס אַ כאַפּ געטאָן פאַרן גרגרת און זיך אויסגעדרייט צו מאָטל סטאָליער:

— זעצט אײַך צו!

מאָטל האָט ניט געענטפערט.

— נו?

— כ׳וויל נישט עסן!

— און איר, גריגאָרי?

— גריגאָרי עסט נישט קיין געננז!

— „טאָוואַרישטש" גריגאָרי, איר באַליידיקט מיך, — האָט דער סטודענט זיך אַ שאַר געטאָן איבער דער נאַרע און אים אָנגענומען פאַר אַן אָרעם.

— ווער איז דײַן „טאָוואַרישטש?" — איז גריגאָרי אויפגעשפרונגען, אויפגעהויבן אַ האַנט — פאַר „טאָוואַרישטש" גיט מען אין באַק!

די קאַמער איז געוואָרן נאָך ענגער ווי פריער. מען איז זיך צעקראָכן ווי די מייז אין די ווינקעלעך. בלויז אַנדריי איז געזעסן מיטן פנים צו דער וואַנט, געשפילט אין ווערפל מיט גרויס כוונה, ווי אין דעם וואַרפן וואָלט געלעגן דער גורל פון דער וועלט.

1922

# „שמעלץ־טאָפּ"

מיס קאַפּלאַן איז געזעסן אין פראָנט פון קלאַס ביי אַ קליין טישל, געהאַלטן פאַר זיך אַ „פוירסט-רידער" און זיך איינגעהערט ווי אירע תּלמידים, איטאַליענער מיט אַלערליי וואָנסן, האָבן געלייענט.

דער קלאַס מיט די אַלט-פרענקישע גאַז-לאָמפּן, מיט דער ברודיקער פּאָדלאָגע, מיט די קליינע ביינק, וואו שטיקער האָלץ זענען געווען אויסגעריסן, אַלץ האָט געמאַכט דעם איינדרוק. ווי ביי טאָג וואָלטן אין קלאַס קיין קינדער ניט געווען, נאָר אויסגעהונגערטע חיהלעך, וואָס האָבן געגריזשעט די ביינק מיט די ציין.

די ביינק זענען געווען צו קליין, זענען די איטאַליענער געזעסן שטייף, בישט געקענט אַ דריי טאָן מיט די פיס, זיי געהאַלטן ווי אין אַ קלעם.

מיס קאַפּלאַן, אַ יונג יידיש מיידל, וואָס האָט נאָר וואָס געענדיקט אויף לערערין, געוואַרט אויף אַ שטעל, האָט דערווייל געקראָגן אַ „נייט-סקול" אין אַ איטאַליענישן געגנט. די בעלי-בתּים, וואָס האָבן זי אָנגע-שטעלט, האָבן איר פאַרזיכערט, אַז איר אַרבעט איז נאָך וויכטיקער ווי צו לערנען מיט קינדער, זי דאַרף זען אַמעריקאַניזירן אַ פרעמדן עלעמענט, איינפלאַנצן אין אים אַמעריקאַנער זיטן, מאַניערן, אַזוי אַז ווען אַן אימיגראַנט וועט ענדיקן „נייט-סקול", זאָל ער וויסן ווי צו שעצן אַמעריקע. מען האָט איר געהייסן זיך באַקענען מיט יעדן שילער באַזונדער, שטודירן ווי ווייט מעגלעך יעדנס כאַראַקטער, זען, קיינער זאָל זיך בישט פילן פרעמד, און אַז איינער פון זיי וועט דאַרפן אַן עצה, זאָל ער זיך ווענדן צו דער ניינצן-יאָריקער מיס קאַפּלאַן, ווי צו אַ מאַמע, אָדער ווי צו אַ שוועסטער.

די ערשטע פּאָר טעג איז מיס קאַפּלאַן אַרומגעגאַנגען אַ גליקלעכע. פּונקט דעמאָלט האָט זי געהאַט דורכגעלייענט זאַנגווילס „מעלטינג־פּאַט" און געפילט, אַז מען האָט איר דאָ איבערגעגעבן זייער אַ וויכטיקע אַרבעט. וואו זי איז בישט געגאַנגען, האָט זי גערעדט וועגן אירע שילער,

מיט ליבע נאָכגעמאַכט ווי זיי רעדן, אויסגערעכנט זייערע נעמען מיט פּאַטאָס, ווי זי וואָלט נאָכגעזונגען אַ שטיק מוזיק פון אַן אָפּערע. זי האָט געקראָגן די נויטיקע ביכער, גאַנצע טעג געלייענט און אין אָוונט איז זי אַן אָנגעלאָדענע אַוועק אין קלאַס, זיך אַוועקגעזעצט אין מיטן צימער אויף אַ באַנק, צעזעצט די איטאַליענער אַרום זיך און געשמועסט, זיי דערציילט מעשיות, געלאַכט און באַוואונדערט יעדעס צעדרייט וואָרט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעזאָגט, ווי אַ מוטער באַוואונדערט אַן אייגן קינד ווען ס׳הויבט אָן רעדן.

מיס קאַפּלאַן האָט אָבער גיך איינגעזען, אַז פון אירע שמועסן וועלן די שילער קיינמאָל זיך נישט אויסלערנען לייענען, צי שרייבן. זי האָט זיך גענומען צום „פוירסט-רידער״, געזען ווי די ברייטבייניקע איטאַליענער מיט צעפּאַטלטע פריזורן, ווי ביי קינסטלער, שוויצן איבער אַ געוויינלעכן זאַץ, כאַפּן געוואַלדיקע התפעלות, ווען זיי קריכן דורך אַ זאַץ ווי: „אַ מענטש האָט צוויי פיס און אַ פערד פיר״, און די אַרבעט האָט איר ביסלעכווייז גענומען דערעסן.

די ניינצן-יאָריקע מיס קאַפּלאַן האָט מיט אַמאָל דערפילט, ווי פערציק פּאָר אויסגעהונגערטע אויגן עסן זיך איין אין איר, האָט זי זיך פאַרשעמט, צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטאָן, אַז זי געפינט זיך איינע אַליין צווישן מענער, דערצו נאָך איטאַליענער, און פון שרעק פאַרשטעלט דאָס פּנים מיטן ביכל. דאָס לערנען איז ביי איר געוואָרן אַן אָפּקומעניש. אַז ס׳איז אויסגעקומען אַריינצוגיין אין קלאַס ווען די איטאַליענער זענען שוין געווען, האָט זי זיך תמיד פאַרלוירן, געפילט, אַז זי וואַקלט זיך, ווי עפּעס וואָלט זיך איר געפּלאָנטערט צווישן די פיס. זי האָט אָנגעהויבן צו קומען מיט אַ האַלבע שעה פריער, זי זאָל תמיד זיין די ערשטע, זיך כמעט דורכן גאַנצן לעסאָן נישט אויפגעהויבן פון טישל און נישט איינמאָל איז איר קאַלט און וואַרעם געוואָרן פון די אויסגעהונגערטע בליקן.

די בעלי-בתים איבער די „נייט-סקולס״ האָבן אויך געזאָרגט, אַז די „גרינע״ זאָלן נישט ווערן אַריינגעצויגן אין סאַלונס, צי אין טאַנץ-פּלעצער — האָבן זיי פאַראַנשטאַלטעט אַ באַל, וואו זייערע דאַמען האָבן באַוויליקט צו טאַנצן מיט די איטאַליענער.

אַן עלטערע דאַמע מיט אַ מאָנאָקל אין דער האַנט איז אונטערגעגאַנגען צו מיס קאַפּלאַן:

— אָ, טייערע, זיסע, כ׳בעט אייך, לאַדט איין איינעם אויף אַ טאַנץ, מען דאַרף זיי זאָלן זיך פילן היימיש! אַז נישט, איז אונזער גאַנצע אַרבעט אַרויסגעוואָרפן! מען נעמט דעם ערשטן וואָס קומט אונטער דער האַנט!

אַ פאַרפלאָמטע האָט מיס קאַפלאַן אפגעשטעלט אַ פאַרבייגייענדן איטאַליענער:

— מיסטער גאַבריעלאָ פאַרעלאָ, קומט פאַר אַ טאַנץ!

דער איטאַליענער האָט פון גרויס פרייד זיך אַזש פאַרנייגט, עפּעס אָפּגעזאָגט אויף גיך, מער מיט די הענט ווי מיט דעם מויל, וואָס מיס קאַפלאַן האָט נישט פאַרשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט צי די חברים זעען, וואָס פאַר אַ גליק ס׳האָט אים געטראָפן. ער האָט זי קוים אַרומגענומען, זיך אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ פּאָזע, ווי ער וואָלט זיך געשפּיגלט אין איר און לייכט ווי אַ פויגל האָט ער זיך געטראָגן מיט איר אויף די שפּיץ-פינגער.

יענעם אָוונט האָט פאַרעלאָ מיס קאַפלאַן פון אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. וואו זי האָט זיך נישט אַ קער געטאָן, זענען פאַרעלאָס צוויי שוואַרצע אויגן איר אנטקעגן געקומען.

דריי אָוונטן נאָכן באַל איז פאַרעלאָ נישט געקומען אין קלאַס אַריין. אויפן פערטן, ווען ער האָט דערהאַלטן פון מיס קאַפלאַן אַ קאַרטל, אַז אויב ער וועט נישט לאָזן הערן פון זיך, וועט מען אים אויסשליסן, איז ער געקומען.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין דער ערשטער ריי, פּונקט אַנטקעגן מיס קאַפלאַן און דעם גאַנצן אָוונט זי אַזוי דורכגעגעבערט מיט די אויגן, אַז דאָס מיידל האָט זיך געשעמט דעם קאָפּ אויפצוהויבן. פון פאַרדרוס, וואָס זי פאַרלירט זיך עפּעס פאַר אַן איטאַליענער, האָט מיס קאַפלאַן זיך געמאַכט קוראַזש און חוצפּהדיק אויסגערופן:

— פאַרעלאָ, לייען ווייטער!

פאַרעלאָ האָט זיך צעפינטלט, געגלאָצט מיט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט, אַ פאַרלוירענער געקוקט אין ביכל אַריין און אויסגעזען נאַריש.

נאָכן לעסאָן זענען געבליבן אַ פּאָר שילער. איינער האָט געבעטן די לערערין זאָל אים אַן אַדרעס אָנשרייבן, אַ צווייטער האָט געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַ קראַוואַט מען טוט אָן, אַז מען גייט אויף אַ חתונה,

אַ דריטער איז אונטערגעקומען, שוין געעפנט ס׳מויל, זיך מיט אַמאָל צעלאַכט און אַוועקגעגאַנגען מיט גאָרנישט. דער לעצטער איז געווען פאַרעלאָ. ער האָט גערעדט גיך אויף אַ צעבראָכענעם ענגליש, געבעטן, מיס קאַפלאַן זאָל אים אָנשרייבן אַן ענגליש בריוול צו אַן אַמעריקאַנער מיידל, אין וועלכער ער איז זייער פאַרליבט, און בעט זי זאָל אים ערלויבן צו קומען צו זיך אין הויז אַריין.

מיס קאַפלאַן האָט עפעס באַנג געטאָן, אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס און זיך געוואונדערט, ווי אַרום אַזאַ „גרינער״, וואָס קען קיין וואָרט ענגליש נישט, האָט שוין אָפגעזוכט אַן אַמעריקאַנער מיידל און אַזוי פיל אַמעריקאַנער טענהן, אַז ס׳איז שווער אַ שדוך צו טאָן — נישטאָ קיין מיידלעך.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז איר עובדה איז אַמעריקאַניזירן און ס׳איז פיל בעסער, אַז פאַרעלאָ זאָל זיך טרעפן מיט זיין געליבטער ביי אירע עלטערן אין שטוב, איידער ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, צי אין אַ טאַנץ-זאַל. זי האָט אים אָנגעשריבן אַ בריוול, וואו ער, פאַרעלאָ, האָט זיך העפלעך געבעטן ביים מיידל, זי זאָל אים ערלויבן מיטוואָכס און זונטאָגס צו קומען צו איר.

דעם אָוונט איז מיס קאַפלאַן אַהיימגעגאַנגען רוהיקער ווי תמיד, און דעם גאַנצן וועג געטראַכט וועגן פאַרעלאָן.

צומאָרגנס אין דער פרי, ווען מיס קאַפלאַן איז נאָך געלעגן אין בעט און דורכגעקוקט די מאָרגן-צייטונג, האָט די מוטער איר אַריינגעבראַכט אַ בריוו. זי האָט אים באַטראַכט, נישט געוואוסט פון וועמען ער איז און אויפגעריסן דעם קאָנווערט. זי האָט דערקענט איר אייגן בריוול, וואָס זי האָט געשריבן פאַר פאַרעלאָן.

1922

# מיידלעך

עליזאַבעט, אַרייכן שמאַטע-הענדלערס טאָכטער, מיט אַרומגעשוירענע, געקרויזטע האָר, ווי בײַ אַ שעפּס, איז געזעסן אויף אַ הוידע, וואָס האָט געהאָנגען צווישן עס-צימער און דער סאַליע און אַ פאַרטראַכטע געקוקט דורכן אָפענעם פענסטער, אויפן האָדסאָן. דער טייך האָט זיך געוויגט אונטער דער צעפלאַמטער זון, און באַרג אַרויף, וואו דער האָדסאָן האָט זיך אַ דריי געטאָן רעכטס, האָבן זילבערנע סטענגעס לייכט געשוואָנקען דעם ברעג.

קעגנאיבער דער הוידע אויף אַ נידריקע אָטאָמאַנע, איז געזעסן עליזאַבעטס יונגערע שוועסטער – סיליאַ. אַ הויכע, אַ בויגיקע, ווי אַ יונג בוימל, איז סיליאַ געזעסן אויף ווייכע קישנס, געהאַלטן אַן אָפן בוך, געגענעצט, זיך איבערגעקוקט פון איין ווינקל אין צווייטן און קיין אָרט זיך ניט געקענט געפינען.

עס איז געווען הייס און שטיל. בלויז פון מאָל צו מאָל איז פונם סעדל, וואָס פאַרן פענסטער, אַריינגעפלויגן אין צימער אַ בין מיט אַ זשומעריי, זיך אַ ווײַלע אַרומגערעדלט און צוריק אַרויס. און אַז מען האָט זיך לאַנג איינגעהערט אין דער שטילקייט, האָט זיך געדאַכט, אַז פון דריטן שטאָק הערט זיך, ווי אימיצער שלאָפט. דאָרט איז געשלאָפן נאָכן מיטאָג דער בעל-הבית — דוד בראַון, אַ רייכער, אויפגעקומענער שמאַטע-הענדלער.

די טעכטער האָבן זיך געשאַרט פון איין צימער אין צווייטן, זיך געלאַנגווייליקט, ניט געוואוסט, ווי צו פטרן די טעג. דער פאָטער, אַ פרומער ייד, האָט ניט ערלויבט, אַז יונגע-לייט זאָלן קומען צו אים אין הויז אַריין. ער האָט געטענהט, אַז ווי באַלד ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיינע עלטערע פיר טעכטער מאַנען און אַלעמען גייט גוט, וועט ער שוין זאָרגן פאַר די יונגסטע צוויי אויך. איז טאַקע פאַרן לעצטן יאָר, כמעט יעדן טאָג נאָך מיטאָג, געקומען צו אים מאָריס קאָהן – אַ שדכן. די מיידלעך זענען אַזוי צוגעוואוינט געוואָרן צום שדכן, אַז ווען ער־

איז אַמאָל ניט געקומען, האָט ער זיי אויסגעפּעלט. איצט, זיצנדיק אַזוי פֿאַרטראַכט, האָבן ביידע געוואַרט אויף אים, געוואָלט האָבן אַביסל שפּאַס.

עס האָט זיך געהערט אַ לייכטער קלונג. עליזאַבעט, אַ גוטמוטיקע, מיט ליכטיקע אויגן, איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער הוידע, געבליבן שטיין אַ ווײַלע און געקוקט אויף דער שוועסטער. ביידע האָבן זיך צעלאַכט. זי האָט לייכט געעפֿנט די טיר און ארײַנגעמאַרשירט מיטן שדכן אונטערן אָרעם.

דאָס איז געווען אַ נידריק יידל אין אַ צילינדער, אין אַן אויסגעריבענעם פּרינץ-אַלבערט, מיט אַ קמצל אויף דער אונטערשטער ליפּ.

דער שדכן האָט אַראָפּגעצויגן די זײַדענע הענטשקעס, אויסגעטאָן דעם צילינדער, אַוועקגעלייגט דעם שטעקן מיטן זילבערנעם קאָפּ אויף אַ קליין ווינקל טישל, דעם צילינדער מיט די הענטשקעס אויפֿן שטעקן און זיך פֿאַרנייגט פֿאַר סיליאַן:

— ווי גייטס, מיס בראַון? הייס, הייס — — —

סיליאַ האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, קוים געעפֿנט די ליפּן:

— ווילט איר אפשר אַ קאַלטן טרונק?

— אויב איר האָט — — —

דער שדכן האָט ניט צייט געהאַט זיך אָפּצעווישן דעם נאַסן שטערן, איז שוין סיליאַ געשטאַנען פֿאַר אים מיט אַ קאַלטע גלאָז לעמאָנאַד:

— טרינקט, ס'וועט וואַרם ווערן!

— כ'האָב זיך היינט אַביסל פֿאַרשפּעטיקט — האָט קאָהן זיך געווישט נאָכן טרונק, די אונטערגעשוירענע שאַרפֿע וואָנסן, ווי נאָדלען און גערעדט האַלב ענגליש, האַלב יידיש-דייטש — געדאַרפֿט בויטיק זען אַ „פּאַרטי", און כ'האָף, אַז ס'וועט זײַן פֿאַר עליזאַבעטן ווי געוואונשן.

ביידע מיידלעך האָבן זיך איבערגעקוקט, זיך אַ בויג געטאָן אין דער העלפֿט מיט אַ געלעכטער, גענומען באַוואַרפֿן דעם שדכן מיט פֿראַגן:

— ווי הייסט ער?

— אַ ברונעט?

— אָ, כ'האַס בלאָנדע!

— אַ הויכער?

— העכער פֿון מיר?

— לאָזט מיך אָפּעטעמען — האָט דער שדכן אַ צופֿרידענער

געשמייכלט: זעט נאָר ווי זיי זענען צוגעפאַלן, האָט אַביסל געדולד און בעט מיך שטאַרק, וועל איך אייך אים ווייזן!

— ווייזט, ווייזט — האָבן די מיידלעך געשפּרונגען פון איין פוס אויפן צווייטן, זיך געבעטן — מיסטער קאָהן, ווייזט!

— איר קענט אים, כ׳מיין, איר קענט די פאַמיליע — האָט דער שדכן געשמייכלט — ער איז אַ פּאַרוואַנזיטער צו די בערגערס.

— די פון דער פּלייש קאָמפּאַני? — האָבן ביידע מיידלעך מיט אַמאָל אַרויסגעזאָגט, זיך איבערגעקוקט, זיך אַ בויג געטאָן אין דער העלפט און צוזאַמען אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

— יאָ — האָט דער שדכן מיטגעלאַכט, קוקנדיק אויף די מיידלעך — דעם אַלטען בערגערס אַן אייניקל. זיין פאָטער איז שותף צום געשעפט, און ער, מעקס, פירט די גאַנצע ביזנעס, דורך זיין האַנט גייען דורך מיליאָנען — — ווען טרעפט זיך נאָך אַזאַ שדוך? דער פּאַ וועט זיך אָנכאַפּן מיט ביידע הענט — — נו, מיס עליזאַבעט, מיסטער קאָהן איז ווערט אַ פיינעם פּרעזענט, האַ, וואָס שווייגט איר?

— איז ער שיין? — האָט סיליאַ געפרעגט.

— איר זייט נאָך גאָר אַ „בייבי״ — האָט דער שדכן זיך כלומרשט געבייזערט — וואָס הייסט, אַוודאַי איז ער שיין! שיין דאַרף זיין עליזאַבעט, האָב איך זי טאַקי אָפּגערימט, אַז ס׳איז דאָ וואָס אָנצוקוקן, אָסור אַ פּרינצעסין!

עליזאַבעט האָט זיך פאַרלוירן, זיך אַריינגעשטעקט די פינגער אין די אויערן און זיך געפעשטשעט:

— מיסטער קאָהן, שווייגט, כ׳בעט אייך!

זי איז צוגעלאָפן צום שדכן, אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן מויל:

— איר וועט שווייגן?

דער שדכן האָט אַרויסגענומען פון אַ קאָנווערט אַ בילד, עס אונטערגעטראָגן עליזאַבעטן:

— געפעלט?

עליזאַבעט האָט געשוויגן. סיליאַ האָט אויסגעפונען, אַז די נאָז איז ביי אים צופיל פאַרבויגן, אַז ער האָט אַ זויער פּנים און גענומען לייענען עפּעס אויפן בילד. דער שדכן האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס בילד, עס באַהאַלטן אין דער בוזעם קעשענע.

— קיין אַדרעס דאַרפט איר נאָך דערווייל ניט וויסן.

סיליאַ האָט אַרומגעכאַפּט די שוועסטער, איר עפּעס געגומען אייגרוימען אין אויער אַריין. ביידע האָבן זיך געשטיקט פון געלעכטער און גענומען בעטן דעם שדכן:

— מיסטער קאָהן, פּליז, גיט אונז דעם אַדרעס!

— צי וואָס דאַרפט איר אים?

— מיר ווילן דעם יונגענמאַן אָפּרופן אויפן טעלעפאָן — האָבן ביידע זיך געפּעשטשעט — האָבן אַביסל „פאַן", פּליז, גיט אונז זיין טעלעפאָן — —

— נאָ, מעס — האָט דער שדכן זיך אויפגעשטעלט און אַריינגעמאַכט די הענט אין די הויזן־קעשענעס.

— קאַם אָן, מיסטער קאָהן — האָבן ביידע זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם שדכן, אים געגלעט איבערן קאָפּ, איבער די באַקן, ניט געהערט, ווי דאָס יידל אַ צופרידענער, האָט זיך כּלומרשט געוועדט — נו, מיסטער קאָהן, גיט אונז זיין טעלעפאָן, ס'ווערט דאָך שפּעט, דער פּאַ וועט באַלד אַראָפּקומען — —

— אומזיסט — האָט דער שדכן זיך געריסן פון זייערע הענט — איר וועט קיין טעלעפאָן ניט קריגן!

— מיר וועלן יאָ קריגן — האָט סיליאַ געשטיפּט, אָנגעכאַפּט דעם שדכן פון הינטן און אים אויסגעצויגן אויף דער אָטאָמאַנע.

עליזאַבעט האָט זיך אויף אים אַרויפגעזעצט. דער שדכן האָט זיך געוועדט, זיך אָבער ניט געקענט העלפן. סיליאַ האָט אַרויסגעשלעפּט פון בוזעם קעשענע דאָס בילד און אַראָפּגענומען דעם אַדרעס.

זיי האָבן אָפּגעלאָזט דעם שדכן, צוגעלאָפן צום טעלעפאָן און אָפּגעקלונגען דעם יונגענמאַן.

דער שדכן האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך געקנאַקט די פינגער און געשפּרייזט איבערן צימער:

— זיי וועלן מיך אומגליקלעך מאַכן, אַז דער האָבער שטעכט, קריכט מען אויף די גלייכע ווענט!

— האַלאָ!

— איז דאָס מיסטער בערגער?

— ווער ס'רעדט? אַ יונגע לײדי וויל זיך באַקענען מיט אייך — —

— מיין נאָמען, סיר, קענט איר דערווייל ניט וויסן.

— איר וועט מיך דערקענען. כ'וועל זיך דרייען פאַר דער לײבּרערי מיט אַ בוך אין האַנט און אין דער צווייטער — אַ רויטע רויז.

באַקאַנטע זאָגן, אַז כ'בין שיין, שוואַרצע האָר מיט בלויע אויגן געפעלן אייך?

– הענג אויף דעם „רעסיווער״ – האָט עליזאַבעט געזאָגט צו דער שוועסטער – דער פאַ האָט זיך שוין אויפגעהויבן.

– מיסטער בערגער, הייסט עס היינט אַרום פינף – – –

– גוד־באַי.

סיליאַ האָט אויפגעהאָנגען דאָס רערל, זיך איבערגעקוקט מיט דער שוועסטער.ביידע האָבן צוזאַמען זיך אַ בויג געטאָן אין דער העלפט און זיך צעלאַכט. זיי האָבן געבעטן דעם שדכן, ער זאָל דעם פאָטער גאָר ניט דערציילן.

אויפן ערשטן שטאָק האָט מען געהוסט – דאָס האָט דער בעל־הבית געלאָזט וויסן, אַז ער איז שוין אויף און קומט גלייך אַראָפּ.

עליזאַבעט האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער הוידע, סיליאַ האָט זיך אויך צוריק פאַרקליבן אויף דער אָטאָמאַנע, גענומען דעם בוך, זיך געררוקט פון איין קישן אויפן צווייטן, זיך געלאַנגווייליקט און געטראַכט אַז ס'וואָלט טאַקע געווען אַ פּלאַן אָפּצוואַרטן דעם יונגענמאַן ביי דער ביבליאָטעק.

# בייַנאַכט אין סאַלון

אַז אַלעק איז נאָך האַלבע נאַכט אַרייַנגעקומען אין סאַלון, איז שוין דאָרט קיינער ניט געווען. די בעל־הביתטע איז געזעסן ביים רעדזשיסטער און איבערגעציילט דעם פדיון. די לופט איז געווען קלעפּיק, געשמעקט מיט ביר און מעד, ווי זי וואָלט אַרייַנגעזאַפּט אין זיך די געטראַנקען, וואָס האָבן זיך געטריקנט אין די באַרעלקעס, אין די פלעשער. פון אַ לויזן קראַן האָט געקאַפּעט אין אַ קופּערנער כּלי אַריין — בול-בול, בול-בול, בולטער געמאַכט די שטילקייט. די בעל־הביתטע האָט געענדיקט ציילן דאָס געלט און זיך באַגריסט:

— האַלאָ, אַלעק! וואָס עפּעס אַזוי שפּעט?

אַלעק איז געשטאַנען אַן אָנגעכמורעטער, ניט געענטפערט. די בעל־הביתטע איז אַראָפּ פון בענקל און וואוילעריש אַרויפגעלייגט אויף אים אַ האַנט:

— וואָס ביזטו עפּעס אַזוי צעפּינטלט? און וואו איז ראָז?

— דערשטיקן וועל איך זי! — האָט אַלעק אויסגעשאָסן.

— ביזט פאַרריקט?

— כ׳בין שוין גאָרנישט פאַרריקט! — האָט אַלעק געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טאָמבאַנק אַריין, אַז אַלע גלעזער זענען אונטערגעשפרונגעז — כ׳וויל ניט האָבן אַ שותּף צו מיין ווייב!

— טאַטע-פאָטער! וואָס רעדסטו, וואָס? — האָט די בעל-הביתטע אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן — ביזט דאָך מיט אַן אמת פון זינען אַראָפּ! וואו איז ראָז?

— וואָס פרעגט איר מיך?

— וועמען דען זאָל איך פרעגן? ס׳איז דאָך דיין כּלה!

— מיין כּלה און מאַיקס געליבטע! הערט, מיסעס דייטש, אויב דאָס זאָל זיין אמת, וועל איך...

ער האָט ניט געענדיקט און אויסגעשניטן מיט דער פויסט אַ קרייז.

— וואָס? — איז מיסעס דייטש צו אים צוגעשטאַנען.

— מאַיק האָט געזאָגט פאַר אַלעמען, אַז ער האָט געלעבט מיט ראָזן ווי מיט אַ ווייב! פרעגט אפילו אייער מאַן!

— און דו גלויבסט? — האָט מיסעס דייטש אים אָנגענומען פאַר אַ לאַץ — הערסט, וואָס דער איטאַליענער, דער גנב, רעדט? די נכפה רעדט פון אים אַרויס! ער ווערט דאָך פאַרכאַפּט פאַרז מיידל, קושט אירע טריט...

— נאָר אירע טריט קושט ער, האַ? — האָט אַלעק אָנגעכאַפּט מיסעס דייטש פאַר אַ האַנט — און איר זייט בעסער געווען, ניט געהאַט קיין צוויי מאַנען? אַ כאַלערע אויף אַייך אַלעמען!

— שאַראַפּ! — האָט מיסעס דייטש זיך אַ ריס געטאָן פון אים, געכאַפּט די הענט פאַדבאָקאָם — צייטן דערלעבט, גיב אָפּ דין־וחשבון אַלעקן! אַ ניט דערלעבן וועסטו עס! כ'האָב געוואָלט האָבן צוויי מאַנען, האָב איך געהאַט!

— ראָז וויל אויך!

— וויל זי!

— דאָס טענה איך דאָך!

— גוט, גוט! — איז זיך מיסעס דייטש דורכגעגאַנגען איבערן סאַלון, אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און גערעדט ווי צו זיך. — שלעפּט זיך אויך אַרום גאַנצע נעכט... און ער איז נאָך ב ר ו ג ז! ברוגז זיך, ברוגז! קאָנסט לאַנג וואַרטן, אַלעק, איך זאָל דיך איבערבעטן! נאָר איין זאַך וועל איך דיר זאָגן, גלויב מיר, ס'איז אַ ליגן!

— וואָס איז אַ ליגן? — האָט אַלעק געפרעגט.

— די מעשׂה מיט ראָזן! איך קאָן דיר שווערן, אַז ראָזי איז אַן אָרענטלעך מיידל! איבעריגנס, נאַר דו, וועסט חתונה האָבן, וועסטו אויסגעפינען! וואָס געוואַלדעוועסטו איצט?

אין דער טיר, וואָס האָט געפירט אין דער וואוינונג אַריין, איז געשטאַנען מיסטער דייטש, אַ קליינער, אַ פעטער.

— סיידי, וואָס האָסטו זיך צעקגעזעצט? וועסט זיך מאָרגן אויסטענהן, קום שלאָפן!

— שלאָפט, שלאָפט, זי וועט שוין קומען! — האָט אַלעק בייז געענטפערט.

— ווער רעדט צו דיר? — האָט מיסטער דייטש זיך אַ וואָרף געטאָן און זיך געווענדט צום ווייב — גייסט, סיידי?

— אַז ס׳איז אַ קללה פון גאָט! — האָט מיסעס דייטש פאַרבראָכן די הענט — האָב איך געדאַרפט בעטן אויף שלמהס טויט?

— חצופה! וואָס מיינסטו, וואָס? מיר אונטער די אויגן? — האָט זיך דער מאַן אַ ריס געטאָן און געבליבן שטיין אויפן אָרט.

— איר טראָגט זיך אָפּ? — האָט אַלעק געכאַפּט אַ פּלאַש.

מען האָט אָנגעקלאַפּט. סיידי האָט זיך גענומען בעטן ביי אַלעקן:

— ראָז גייט, הער זיך איין, אַלעק, מיט ביידן ווערסטו מיט איר גאָרנישט מאַכן, גיי בעסער מיט גוטן.

מיסעס דייטשס פאָטער, אַ זקן, מיט אַ פאַרפלאָמטער נאָז איז אַריינגעקומען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— וואָס איז, טאַטע? — איז די טאָכטער צוגעשטאַנען — וואָס איז געשען? ס׳איז עפּעס געשען מיט ראָזן? וואָס ציסטו מיר די נשמה אַרויס? זאָג, וואָס איז געשען?

— ס׳איז געשען... יעס — האָט דער זקן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. — דו האָסט שוין קיין טאָכטער ניט!

— וואָס? — האָט מיסעס דייטש צעעפנט אַ פּאָר אויגן, ווי מען וואָלט איר אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ.

— די מויד איז אַנטלאָפן מיטן איטאַליענער — האָט דער זקן אָפּגעזיפצט.

ס׳איז געוואָרן אומאַנגענעם שטיל. אַלעק האָט אַרויסגעלאָזט פלאַש מיט אַ קרעכץ. זי איז זיך צעפלויגן מיט אַ קלימפּעריי אויף שטיקלעך. דערשראָקענע האָבן זיך אַלע איבערגעקוקט, געזען, ווי אַלעק לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול.

— טאַטע — האָט מיסעס דייטש זיך צעשריען מיט ניט קיין מענטשלעך קול — וואָס? ווי? ווען? ווען איז עס געשען?

— ס׳איז געשען, טאָכטער!

— הייסט עס, זי איז אַנטלאָפן ווי זי גייט און שטייט, אין איין קליידל? לאָמיך נאָר אַ קוק טאָן!

מיסעס דייטש, מיט פאַרבראָכענע הענט, איז אַרויס פון סאַלון. אַלעק האָט אַריבערגעוואָרפן די פיס, אַראָפּגערוקט די קעפּ איבער די אויגן. דער זקן האָט זיך געוואַקלט פון איין פוס אויפן צווייטן, גערעדט צו זיך:

— אוי, אוי, מען בעט דאָך מען זאָל אַלט ווערן. נאָר איידער אַזאַ עלטער...

מיסעס דייטש איז אים אַנטקעגנגעקומען און זיך צעוויינט:

— זי איז טאַקע אַנטלאָפן ווי זי גייט און שטייט. זי האָט אַלע קליידער איבערגעלאָזט. וואָס טוט מען? טאַטע, וואָס טוט מען? אַז כ'בין געשטראָפט פון אַלע זייטן!

— מען דאַרף מעלדן פּאָליס — האָט זיך מיסטער דייטש אָנגערופן, נאָר קיינער האָט זיך צו אים ניט צוגעהערט.

— אַז כ'האָב געגעבן שלמהן אַ וואָרט — האָט מיסעס דייטש פאַריינגערעדט אין פאָטער, — האָב איך געדאַרפט האַלטן...

— ווי מען בעט זיך, אַזוי שלאָפט מען — האָט דער זקן זיך געוואַקלט איבערן סאַלון מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן.

— וואָס מיינסטו? — האָט די טאָכטער גערעדט מיט טרערן — ס'האַרץ האָט מיר ניט געזאָגט? ס'האַרץ איז אַ מסור! נאָר כ'ווייס — האָט זי געוויזן אויפן מאַן — אַז ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר, דער געקאָוועטער ליטוואַק, טאָג-איין טאָג-אויס... מיר איינגערעדט אַזעלכע גליקן, מיך גערופן „זיסינקע" און „טייערינקע", ווער פאַרשטייט זייער לשון, ווער? און כ'בין דאָך, נאָר אַ מענטש — האָט זי זיך צעוויינט — האָב איך זיך געלאָזט איבעררעדן...

— אַ שיינע קאַפּעליע האָב איך איבער מיין קאָפּ! — האָט מיסטער דייטש אַ רויפגעצויגן די גאַטקעס, אויסגעשפּיגן, און אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

— וואָס ווייניסטו, טאָכטער? — איז דער אַלטער צו איר צוגעגאַנגען — וואָס וועט העלפן דיין וויינען? אַז זי האָט אונז אַלעמען געקאָנט איבערלאָזן, ווערט זי פאַרכאַפּט מיטן איטאַליענער צוזאַמען! גלויב מיר, טאָכטער, זי וועט קומען, זי וועט קומען!

— כ'בין דאָך אַ מאַמע — האָט די מוטער ניט אויפגעהערט צו וויינען — קומט מיט מיר אין פּאָליס-סטיישאָן, קומט!

זי איז אַרויס אויף דער גאַס. אַלעק איז געזעסן ווי פריער. די אויגן האָבן געקוקט אין דעם צאַפּלדיקן גאַזפלאַם. דער זקן, וואָס האָט געשפּרייזט מיט פאַרלייגטע הענט איבערן סאַלון, האָט זיך אַ שאַר געטאָן הינטערן טאָמבאַנק, געמאַכט אַ שנאַפּס, זיך אַרומגעקוקט, צי מען זעט ניט, געמאַכט אַ צווייטן און זיך געווענדט צו אַלעקן:

— אַלעק, נעם אַ טרונק בראָנפן!

אַלעק האָט ניט געענטפערט. דער אַלטער האָט גענומען דאָס פלעשל מיט צוויי גלעזלעך, אַן אויפגערוימטער זיך צוגעזעצט לעבן אַלעקן, אַריינגעצויגן נאָך אַ גלעזל און ווידער אָנגעגאָסן.

— טענה איך דאָך, הונט, טייוול, האָסט אַ טאַטן, קום פרעג אַן עצה! ביזט טאַקע די חכמה, סיידי, אָבער גאָרנישט... אַז מען גיט אַ גוסס אַ וואָרט, האַלט מען, מעג דער גוסס זיין ווער ער איז, אַפילו שלמה פּיאַניצע, עליו השנאָבל!

דער אַלטער האָט האַסטיק אויפגעהויבן ס'גלעזל, געוואָלט אויס־טרינקען. האָט אַלעק אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט:

— משה, גענוג! איר האָט גענוג געטרונקען! גייט בעסער שלאָפן!

מיסעס דייטשס מוזיניקל, אַ פינף־יאָריק ייִנגל, האָט זיך אין אַ נאַכט־העמד אַריינגעריסן מיט אַ געוויין. דער זיידע האָט זיך דערפרייט און אים צוגערופן:

— קום אַהער, צדיקל, קום צום זיידן. קדיש מייַנער! וויין ניט!

דאָס ייִנגל איז צוגעגאַנגען. דער זיידע האָט אים אָנגעגאָסן אַביסל בראָנפן און אַליין אויך געמאַכט אַ כוסה:

— נאַ, צדיקל, טרינק! אַ שמחה אויף דיין קאָפּ! דיין שוועסטערל האָט חתונה געהאַט מיט אַן איטאַליענער, האַ, האַ, האַ. נאַ, געוואוין זיך צום ביטערן טראָפּן! ס'ברענט? האַ, האַ, האַ!

דער זיידע האָט אים אַרומגעכאַפּט, גענומען קושן און זיך צעוויינט:

— אינגאַנצן דער טאַטע, שלמה פּיאַניצע, עליו השנאָבל! וואָס איך האָב דערלעבט! בעסער וואָלט איך שלמהס קבר פאַרלייגט! צדיקל, האָסט געלייענט קריאַת־שמע? דו ווייסט ווער דיין טאַטע איז געווען? אַ פּיאַניצע!

ס'ייִנגל האָט זיך צעוויינט:

— זיידע, כ'האָב מורא!

אַלעק האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך איבערגעצויגן, טיפער אַראָפּ־געדרוקט די קעפּ איבער די אויגן, זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביים טישל און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן ביידע הענט. דער אַלטער האָט אַראָפּ־געשליידערט די שיך, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר גלעזערנע אויגן און גענומען קושן ס'אייניקל:

— איך וועל דאָ מער ניט זיין! די לופט איז דאָ טריף! באַלד נאָך שבעה גיי איך אַוועק! וועסט מיטגיין מיטן זיידן? וועסט מיטגיין? וועסט בלייבן אַ ייד? וואָס איך האָב דערלעבט, וואָס...

— כ׳האָב מורא, זיידע, כ׳האָב מורא...

— צדיקל, האָב ניט מורא — האָט דער אַלטער ס׳אייניקל געגלעט איבערן קעפל — זי איז געשטאָרבן... דיין שוועסטער איז געשטאָרבן. הערסט? ראָזי איז געשטאָרבן, אוי, געשטאָרבן...

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, געשטאַנען אַ ווילע מיט פאַרגלאָצטע אויגן, ארויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אייניקלס קעפל און זיך צעשאָקלט:

— יתגדל ויתקדש שמיה רבא...

1922

# דיבען גאָט

## I

נאָכן דאַוונען האָט ר׳ משה פאַרהאַלטן דעם גאַנצן עולם אויף קידוש. אין עס-צימער זענען געווען צעשטעלט טאַצן מיט קעז-קוכן, פּוטער-קוכן, געגליווערטע שלאַיען אויף מילכיק, פלעשער משקה.

די דאָרף-יידן האָבן שטייענדיקערהייט פאַרביסן נאָכן קידוש, געווען אויפגעלייגט, וואָס היינט איז דער ערשטער טאָג שבועות, וואָס ביי ר׳ משה מילנער איז אַזאַ שפע.

די בעלי-בתים האָבן זיך געדרייט צווישן עולם, געזען מען זאָל טועם זיין.

— נו, לאה, וואָס הערט זיך ? — האָט די בעל-הבתטע צוגעפירט צום טיש דעם שמידס יונגע ווייבל — נעם עפּעס !

— זי איז ביי מיר אַ שעמעוודיקע — האָט דער שמיד זיך אָנגערופן.

— וואָס זאָל זיך הערן ? — האָט ס׳ווייבל זיך פאַרשעמט און גענומען אַ קיכל.

— כ׳מיין... אַ ווייבל נאָך דער חתונה, פאַרוואָס טאַקע ניט ? לאָז ביי יידן זיין וואָס מער שמחות — האָט די בעל-הביתטע גוטמוטיק, ווי אַן אַלטע באָבע, אַ קלאַפּ געטאָן דעם שמיד איבער די פּלייצעס — נו, נו, יונגערמאַנטשיק, דאַכט זיך צייט צו מאַכן אַ שטיקל שמחה ! ווי לאַנג איז דער שיעור ?

— פרעגט מיינע, וואָס פרעגט איר מיך — האָט דער שמיד זיך נאַריש צעשמייכלט און געוויזן אויף זיין ווייבל — גלויבט מיר, אַז פון מיין זייט איז קיין מניעה ! לאָז זי זאָגן !

ס׳ווייבל איז געשטאַנען אַ פאַרפלאַמטע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און זיך געקנאַקט די פינגער.

— דו הער ליבערשט מיך, — האָט אַן עלטערער ייד זיך צוגעבויגן צום שמיד — דו ווילסט מאַכן אַ ברית ? גיב איר וואָס מער צו שמעקן די בשמים פון דער הבדלה.

דער עולם האָט געלאַכט, זיך איינציקווייז אַרויסגערוקט פון דער שטוב, און איבער די לאָנקעס האָבן זיך געשלעפּט די יידן אין זייערע שווערע אויפגעקנעפּלטע קאַפּאָטעס, פון אונטער וועלכע ס׳האָט אַרויסגעשעמערירט טליתים-ווייסקייט; גראָבע, לאַנגע ציצית האָבן זיך געבאָמבלט צווישן די פיס.

ר׳ משה, אַן איינגעפונדעוועטער ייד, האָט געשפּרייזט איבערן חדר, זיך צענומען די שיינע באָרד און עפּעס אונטערגעברומט.

ס׳ווייב האָט איבערגעדעקט דאָס געבעקס אויפן טיש מיט אַ לייל׳עך און זיך אָנגערופן.

– ווייסט גאָר וואָס, משה, מיר האָבן דאָך שוין איבערגעביסן, לאָמיר זיך איבערגיין פאַרן עסן צו דער מומע, האַ?

– גוט, קום!

ער האָט גענומען זיין עלף-יאריק בחורל, געוואָרט אַ ווײַלע אויפן ווייב און זיך געלאָזט מיט דער לאָנקע.

אויף דער לאָנקע, דורכגעוועבט מיט ווייסע און בלויע בלומלעך, זענען ר׳ משהס פערד, געפּענטעטע, געשפּרונגען און מעלה-גרה געווען. אַ יונג זשרעבעקל האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט, שטאָלץ פאַרריסן ס׳קעפּל, אויפגעשטעלט דעם קורצן עק, געקוקט אויף די בעלי-בתים. דאָס יינגל האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום פערדל. דאָס זשרעבעקל האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די הינטערשטע קאָפּיטעס, זיך צעהירזשעט, אַפּעראַגעוואָרפן אַלע פיר פיס און זיך געטראָגן איבער דער לאָנקע.

ביי דער מומע, וואָס האָט געוואוינט ניט וויט, האָט מען ווידער צעשטעלט אַ טיש מיט מילכיק געבעקס, געטרונקען קאַווע מיט שמאַנט און דער שווערער קעז-קוכן איז ניט געוואָרן. מען איז געזעסן אַרום טיש, געקנאַקט דעם מאָן צווישן די ציינער, זיך דערמאָנט אָן די אַלטע גוטע צייטן, ווען אין טייך זענען געווען צוואַנציק-פונטיקע שלאַיען, אַזש מיט מאָך באַדעקט פון אַלטקייט.

שווערע, אָנגעגעסענע, האָט ר׳ משה מיט זיין משפחה געשניטן די לאָנקע, געגאַנגען אַהיים, וואו זיינע טעכטער האָבן צוגעגרייט מיטאָג. דער פאָטער האָט גענומען דעם יינגל אונטערן אָרעם, זיך געגאַנגען געלאַסן און געברומט אַ ניגון. די מוטער האָט זיך געאיילט, געגאַנגען אויף אַפּריער, מורא געהאַט, די מוידן זאָלן ניט צוברענגען ס׳עסן:

פון דער לאָנקע איז אָנגעלאָפן אַ ווינטל, פאַרקראָכן אונטער די קאַפּאָטעס, זיך געשפּילט מיט די ציצית. שטיקער זון האָבן זיך געוואַלגערט איבערן גראָז, זיך געקלעפּט צו די פיס, געגלעט איבערן פּנים, איבער די אויגן, ווי מיט פריש-געלייגטע אייער.

דער פאָטער האָט אָנגעהויבן צו ברומען די הפטרה פון שבועות. דאָס ייִנגל האָט דערזען אין דער צעפלאַמטער זון די חיות און פויגל פון דער „מרכּבה". פליגל האָבן זיך געהויבן איבער פליגל, פּנימער — איבער פּנימער.

דער פאָטער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אויף אַ הויך הילצערנעם בריקל, וואָס האָט זיך געצויגן איבערן טייך, איז געשטאַנען דער פאָטער מיט צעשפּרייטע הענט, ווי אַן אומגליק וואָלט אים געטראָפן. דער טייך, וואָס האָט זיך געצויגן פון ביידע זייטן בריקל, האָט זיך געצונדן אונטער דער זון, זיך געוויגט, שעמערירט, ווי צעשמאָלצן זילבער דורכגעשלייפט מיט בליצן.

דער פאָטער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן פּאַרענטש פון בריקל און מיט אַמאָל זיך צעוויינט אויפן קול. דעם ייִנגל איז אַן אימה באַפאַלן. דער טאַטע, אַזאַ צעוואַקסענער מיט אַ לאַנגער באָרד, שטייט און וויינט. ס'האָט דעם ייִנגל פאַרקוועטשט אונטערן האַרץ און ער האָט אָנגעכאַפּט דעם פאָטער פאַר אַ פּאָלע:

— וואָס איז, טאַטע? וואָס וויינסטו?

— וואָס כ'וויין? — און ער האָט זיך נאָך שטאַרקער צעכליפּעט. ס'ייִנגל האָט מיטגעוויינט פון שרעק.

— וואָס איז געשען, טאַטע? וואָס וויינסטו?

דער פאָטער האָט זיך אויסגעגלייכט:

— וואָס איז געשען? ווייסט כאָטש וואָס הייַנט איז? האַ? הייַנט איז שבועות! הייַנט האָט מען ייִדן געגעבן די תּורה! מתּן-תּורה איז הייַנט! ווייסטו וואָס דאָס איז? אַ קלייניקייט, מתּן-תּורה! פלאַמען און בליצן! וויי! וויי! און איך? וואָס האָב איך געטאָן פאַר גאָט? שוין באַלד אַוועק דער ערשטער טאָג שבועות. וואָס האָב איך געטאָן? זיך אָנגעגעסן מיט פיש און קוכן ביי זיך אין שטוב, געגאַנגען צו דער מומע, ווידער געגעסן, זיך אָנגעפּאַקט, אָנגעלייגט דעם חומר, און פאַר דער נשמה, פאַר גאָט גאָרנישט געטאָן! וויי, וויי, איז מיר!

דאָס ייִנגל האָט געציטערט, נישט געכאַפּט, וואָס דער פאָטער

מיינט, געקוקט אין זיינע ווילדע אויגן און מורא געהאַט, עס זאָל באַלד עפּעס נישט געשען.

דער פּאָטער האָט מיט אַמאָל אויפגעהויבן ביידע הענט צום הימל און אַ געשריי געטאָן:

— גאָט, זיי מיר מוחל! גיב מיר כח צו גיין אין דיינע דרכים! איצט גיי איך פאַר דיר עפּעס טאָן!

ער האָט זיך אַ בויג געטאָן איבערן פּאַרענטש פון בריק, און איידער ס'יונגל איז צוגעלאָפן מיט אַ קוויטש, איז ר' משה שוין געלעגן מיט די מלבושים אין טייך.

דאָס לשון ביים יינגל איז אָפּגענומען געוואָרן. ער איז געבליבן צוגענעגלט צום פּלאַץ, וואו ער איז געשטאַנען, און אַז ער האָט דערזען דעם פּאָטער אַ נאַסן, ווי ער גייט אַרויס פון טייך — האָט ער זיך איצט פאַנאַנדערגעוויינט.

ר' משה איז געוואָרן אַן אַנדערער, אויסגעזען פרישער. פון גאַנצן גוף האָט געטריפט וואַסער. טראָפּנס זענען געבליבן שטיין אויף דער באָרד און פאות, דורכזיכטיקע, קלאָרע, זיך געשפּיגלט אין דער זון ווי שטיקלעך רעגנבויגן און אינגאַנצן איז ער געווען אַזאַ זוניקער.

ס'יינגל האָט געקוקט אויף די קליינע זונעלעך, וואָס האָבן געהאָנגען ביים טאַטן אויף דער באָרד, אויף די האָר פון קאָפּ, געזען, ווי ער גייט איבער דער לאָנקע אַזאַ גלייכער, אַזאַ הויכער, זינגט „מגלת רות" — האָט אים אַ פרייד אַרומגענומען, געווען שטאָלץ מיטן פּאָטער, געגלויבט, אַז אַזעלכע יידן זענען מער נישטאָ, געווען אַמאָל אין דער צייט פון די שופטים.

1922

# דינען גאָט

## II

אין חדר איז געשטאַנען דאָס קלאַפּעריי פֿון אַ האַנט-מיל. אַ מעליקער שטויב האָט זיך געטראָגן פֿאַר די אויגן, זיך געלייגט אויף די פּראָסטע שטיקלעך מעבל, אויף די האָר און באָרד פֿון קאַשעמאַכער, וואָס איז געזעסן ביי דער מיל. ער האָט מעכאַניש געדרייט ס׳ראָד און בשעת־מעשה אַריינגעקוקט אין ספרל, זיך אונ־טערגעברומט אַ ניגון.

אין ווינקל ביי דער קיך, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ דריטל שטוב, איז געשטאַנען דעם קאַשעמאַכערס ווייב, אָפּגעזעגנט אַ האָן און געהאַלטן אין איין מונטערן דעם מאַן:

— זרח, טאָמער וואָלט שוין געווען גענוג אויף היינט?

— שוין, שוין.

זרח האָט אַוועקגעלייגט דאָס ספרל, גיכער גענומען דרייען ס׳ראָד און דער הייזעריקער סקריפּ, ווי דאָס גרילצן פֿון אַ מאַנגל, האָט אָנגעזאָגט, אַז די האַנט-מיל איז ליידיק.

— וועלוול, נישט באַלאַמוטשעט, — האָט דער פֿאָטער געזאָגט צו זיין זיבן יאָריקן זון, וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביי אַ טינדל עפּל־שיט איבער די קאַשע אין זעקל אַריין און טראָג עס אַריין צום גוי.

זרח האָט צוגעדעקט די מאַשין מיט אַ ליילעך, צוגעקערט די שאָלן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אַרום דער מיל און גערעדט סתם:

— וואָס דאַרף איך דעם גוי ביי זיך מאָרגן אין שטוב? אָפּגעַ-מאָלן זיין טאָפּ קאַשע — פּטור! וועט כאָטש זיין אַ רוהיקער יום־טוב!

ס׳ווייב האָט זיך נישט צוגעהערט, געווען פֿאַרטאָן מיטן עפּענען דעם האָן און אויף איר מידן פּנים איז געלעגן אַן עונג יום טוב. זי האָט אונטערגעטראָגן דאָס עוף דעם מאַן:

— שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ קאַפּ-האָן! זעסט, בלויזע „אינערס״, עס וועט קיין עין־הרע זיין איבער אַ קוואָרט שמאַלץ!

זרח איז געווען צופרידן, זיך געקעמט מיט פינף פינגער די באָרד, געגישטערט אין דעם טינדל אויבס, אויסגעקליבן די שענסטע עפל, זיי צעלייגט אויפן געדעקטן טיש, אַוועקגעשטעלט זיין קאָרן שקעטעלע מיט טאַבאַק און האָט אָנגענומען זיין זיבן יאָריקן בחור ביי ביידע אַקסל:

— ווייסט כאָטש, אַז מען איז היינט אויף אַ גאַנצע נאַכט?

— כ׳וועל שמעקן טאַבאַק, וועל איך נישט איינשלאָפן!״

וועלוול האָט געציילט די עפל, זיך געפּאָרעט ביים טאַבאַק שקעטעלע, אונטערגעטראָגן דער דרימלדיקער קאַץ אַ שמעק-טאַבאַק. די קאַץ האָט זיך אַריס געטאָן, שיער ניט איבערגעדרייט דאָס ווייק-שעפל מיט דעם האָן און אָנגעהויבן פּריסקען. די מוטער האָט זיך צעשריען:

— זרח, נעם צו דעם יונג! אַז דאָס האָט קיין עול נישט! ווערט משוגע! זעץ אים אַוועק לעבן דיר, לאָז ער זאָגן אַ פּאָר יידישע ווערטער!

— קום אַהער, שייגעץ!

וועלוול האָט געזאָגט מיטן פאָטער תּקון. די עברי האָט ביי אים אויסגעזען צעדרייט, שווער געווען איינצובייסן, געכאַפּט יעדע ווייל אַ שטויס פון פאָטער:

— אין דיינע יאָרן האָב איך שוין געלייענט אַ שטיקל גמרא און דו קאָנסט נאָך קיין עברי נישט, אַ לייט פון דיר, אַ לייט!

וועלוול האָט געליטן וואָס ער איז ניט קיין לייט, אָנגעהויבן צו זאָגן העכער, אַז מען האָט געקענט ציילן די ווערטער, געבעטן גאָט, ער זאָל אים געבן כּח אויפצוזיין אַ גאַנצע נאַכט. ער וויל זען ווי דער הימל שפּאַלט זיך, ווי דער מלאך מיכאל קוקט אַראָפּ.

דעם פאָטערס „מאָראַליש״ קול איז געפאַלן אויף זיינע מידע גלידער, געשווערט די אויגן-לעפלעך, איינגעוויגט, ווי דאָס קלאַפּן פון אַ רעגן. דער פאָטער האָט אים אָפּגעשיילט אַן עפּל, געגעבן אַ שמעק-טאַבאַק, קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן — די אויגן ביי וועלוועלען האָבן זיך געקלעפּט.

— זרח, — האָט ס׳ווייב זיך אָנגערופֿן, — ער פֿאַרוואַרפֿט דאָך שוין ס׳קעפּל, גענוג, מאַטער אים נישט, לייג אים שלאָפֿן!

וועלוול האָט געפּילט ווי דער פֿאָטער טוט אים אויס, לייגט אים אין בעט אַריין און אַזאַ וואַרימקייט האָט אים אַרומגענומען, אַז ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט פֿאַרן שטרענגן טאַטע, וואָלט ער אים אַ קוש געטאָן.

אין די אויערן איז נאָך לאַנג געשטאַנען דעם פֿאָטערס „מאָראַליש" קול, פֿאַרזיכערט, אַז קיין בייז וועט ניט געשען, און אַ רוהיקער האָט זיך וועלוול איבערגעגעבן דעם שלאָף.

אַלע מחיצות זענען פֿאַרשוואונדן. דעם טאַטנס שטעקן איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צוגאָווע פֿערד, די קאַץ האָט באַקומען לשון און דער מלאך מיכאל איז גאָר געווען זיין זיידע.

וועלוול איז האַסטיק געשלאָפֿן און אַז ער האָט געעפֿנט די אויגן, געזען ווי דער פֿאָטער שטייט איבער אים, וויקלט אים אַ נאַקעטן אין אַ שעפּסענעם פּעלץ, האָט ער אין דער ערשטער רגע ניט געוואוסט, צי ס׳איז אין חלום.

דער פֿאָטער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אויף דער האַנט און איז מיט אים אַרויס אין דרויסן. עס איז נאָך געווען פֿינסטער. אַ האַרבסט־רעגן האָט געטריפֿט. געפֿאַלן אין גריבלעך וואַסער, אין אָנגעשוואָלענע בלעטער, וועלוול איז געווען זיכער, אַז דער הימל שפּאַלט זיך, זיך דערמאָנט אָן מלאך מיכאל, ווי ער האָט אים געזען אין חלום.

ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פֿון פּעלץ, דערפֿילט אַ קאַלטן דרעשטש איבער דער חוט־השדרה. קיין סימן פֿון אַ הימל. אַ קלעפּיקע נאַסקייט. די לופֿט שמעקט מיט צוגעפֿוילט אויבס.

— טאַטע, וואו גייסטו?

דער פֿאָטער האָט ניט געענטפֿערט, געלאָפֿן איבער דער פֿינסטערער אַלייע, וואו פֿון ביידע זייטן זענען געשטאַנען הויכע טאָפּאָלן, אויסגעשטעקט לאַנגע, דינע הענט, זיי פֿאַרלאָפֿן דעם וועג, און יעדעס מאָל ווען דער פֿאָטער האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אָן אַ צווייג — האָט פֿון די בלעטער גענומען גיסן וואַסער, ווי עס וואָלט ניט געטריפֿט, נאָר געגאָסן מיט צעבערס.

וועלוול האָט ניט קיין צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן וואוהין דער פֿאָטער טראָגט אים, ווי זיי זענען געשטאַנען ביים טייך. דאָ האָט ער אים אַוועקגעלייגט אין פעלץ אויף אַ באַנק. אַליין האָט ער זיך גענומען אויסטאָן אונטער אַ בוים און עטלעכע מאָל איבער-געחזרט:

„אַ ייד דאַרף דינען גאָט, דאַרף דינען גאָט... הושענא רבה פֿאַרטאָג דאַרף זיך א ייד טובל זיין... ביזט שוין ניט קיין קינד, וועלוול...

אַרום טייך זענען געשטאַנען צעקרימטע ווערבעס, געבויגן די צווייגן אין וואַסער אַריין. ביים יינגל האָט פֿאַרפֿעלט אָטעם, זיך דערמאָנט, אַז אויף די ווערבעס האָבן די לוויים אויפֿגעהאָנגען זייערע פֿידלען, ניט געוואָלט שפּילן פֿאַרן שונא.

עס האָט זיך געהערט אַ פּאַטש אין וואַסער. אַ ווינטל האָט זיך געדרייט צווישן די ווערבערס, זיי טיפער געבויגן אין וואַסער אַריין, און דער טייך האָט זיך צערוישט, זיך געשוואָנקען אָן דעם ברעג.

דער פֿאָטער האָט זיך טובל געווען, אַרויפגעצויגן די קליידער אויפֿן נאַסן גוף, געכאַפּט וועלוועלן אויף דער האַנט און אין אים אַריינגערעדט:

— הערסט, וועלוול, אַ ייד דאַרף דינען גאָט! אַ ייד דאַרף דינען גאָט!

1923

# אַן אַנאַנאַס

אַ גאַנצן פרימאָרגן איז שיין געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. ער האָט געפּוצט די שיך, אָפּגעשמירט מיט טינט די אָפּגעריבענע קעשענעס פון זיין מאַנטל און אָנגעקוואָלן פון דעם אַנאַנאַס, וואָס די טאַבעקאַ קאָמפּאַניע האָט ביי אים באַשטעלט פאַר אַ נייעם סיגאַרעט. אַן אָנגעטוענער, מיטן געשוואָלענעם פּאָרטפעל אונטערן אָרעם, האָט ער זיך געלאָזט צו דער קאָמפּאַניע און זיך נישט געקענט באַפרייען פון די צענדליקער מעשיות, ווי נאָך אַ געלונגענער אַנאַנאַס, וואָס האָט געהאָלפן אַרויספירן אַ נייעם אַרטיקל אויפן מאַרק, האָט פאַרזאָרגט דעם שרייבער אויף זיין גאַנץ לעבן.

אין דער פאַבריק איז שיינס שטימונג צעשוואומען. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. בעלי־מלאכות זענען געזעסן איבער בערג מיט טאַבאַק, אים פייכט געמאַכט, געשטופּט אין מאַשינקעס, געוויקלט, און אין דער לופט איז געשטאַנען אַ שטויב, וואָס האָט געקרעלט אין האַלז, אין דער נאָז.

פון אַ ווינקל איז אַרויסגעקומען אַ גויה מיט אַ בעזעם אין די פאַרקאַשערטע הענט, אָפּגעטריבן אַ קאַץ, וואָס האָט זיך געריבן אָן איר קלייד און איז אַנטקעגן געגאַנגען שיינען:

— איר האָט עפּעס געוואָלט?

— זאָגט דעם „באָס", אַז מיסטער שיין וויל אים זעען!

די גויה האָט אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן אַראָפּ, באַטראַכט דעם הילוך, אַ שליידער געטאָן די קאַץ, וואָס האָט זיך איר געפּלאָנטערט צווישן די פיס און פאַרשוואונדן אין אַ זייטיקער טיר.

שיין איז געבליבן שטיין אַ נערוועזער, אַראָפּגענומען דעם שטייפן קאַפּעלוש, צורעכט געמאַכט די לענגלעכע האָר, דעם שניפּס און איידער ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט זיך די זייטיקע טיר ווידער געעפנט און די גויה האָט אים אַ רוף געטאָן מיט אַ פינגער:

— קומט אַריין!

אין אָפיס, ביי אַ מאַסיוון שרייב-טיש, איז געזעסן מיסטער מערטל, דער פּרעזידענט פון דער טאָבעקאָ קאָמפּאַני, און איבערגעלייגט פּאַפּירן. זיינע פליישיקע באַקן האָבן זיך געבלאָזן, געקאָרטשעט, די צונג האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, באַוואויגן די אַריינגעשטעלטע ציין.

שיין האָט אָפּגעהוסט, געלאָזט וויסן, אַז ער איז דאָ, געזען, אַז ס'העלפט נישט, האָט ער מיט קוראַזש אַ זאָג געטאָן

— גוטן טאָג, מיסטער מערטל!

מערטל האָט אויפגעהויבן פון טיש זיינע מידע אויגן, אַ קוק געטאָן אויף שיינען און געצייגט אויף אַ בענקל נעבן זיך:

— וועל, זיצט מר. שיין! איר האָט געבראַכט?

— יעס, סער!

— גוט, מיר וועלן באַלד לייענען!

ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ פּאָר ברילן, זיך באַקוועמער אַוועקגעזעצט אין זיין שטול, און ערנסטער אָנגעשטעלט די אויגן מיט די ברילן, ווי זיי וואָלטן אים געהאָלפן בעסער צו הערן און זיך אָנגערופן:

— לייענט!

שיין האָט פאַרוואָרפן די האָר אויפן ברייטן שטערן, צעעפנט אַ בייגעלע פּאַפּיר, עטלעכע מאָל אָפּגעהוסט און געלייענט:

„— — — די זון האָט זיך געזעצט אין פלאַמען, געצונדן די וואַלן, וואָס זענען יעדע ווײַלע אָנגעלאָפן, געשוואָנקען דעם ברעג, די מענטשן, זיך געשפּיגלט אין זייערע קאָלירטע אַנצוגן, אין די צעלאָזטע האָר. דאָס יונגוואַרג האָט געשטיפט, זיך איינגעגראָבן אין הייסן זאַמד, זיך געוואָרפן מיט אַ קוויטשעריי אין ים אַריין, און דער ברעג האָט געלאַכט, געשימערט און געבלענדט מיט קאָלירן, מיט שטיקער פאַרגייענדע זון.

„אַן אָפּגעברענטער יונגערמאַן, ווי פון בראָנז, איז אַרויפגעקראָכן אויפן דעכל פון אַ ביידל און זיך פאַרנייגט פאַרן עולם. פון דער הויט, מיטן קאָפּ אַראָפּ, האָט ער אויסגעשניטן אַ קרייז און פאַרשוואונדן אין רוישנדן ים. אויפן ברעג איז געוואָרן שטיל, דער עולם איז אויפגעשפּרונגען, זיך אַ צי געטאָן, אָנגעשטרענגט די בליקן, געזוכט צווישן די וואַלן דעם יונגענמאַן. ער איז נישט געווען. פרויען האָבן פאַרבראָכן די הענט, געזיפצט, זיך געבעטן ביי יונגעלייט, מען זאָל אים ראַטעווען. די אָנגעשטרענגטקייט איז געוואַקסן, דאָ און דאָרט האָבן זיך אַרויסגערוקט

יונגעלייט, זיך אַ לאָז געטאָן צום פּלאַץ, וואו יענער איז אַריינגעשפּרונגען, זיך אַראָפּגעלאָזט אונטערן וואַסער, צוריק אַרויסגעשוואומען, געגעבן צייכנס דעם עולם, אַז מען זעט גאָרנישט. דאָס אומגעדולד איז געוואַקסן. מיט אַמאָל האָט זיך עפּעס באַוויזן צווישן די וואַלן אַ קאָפּ און דער יונגערמאַן איז אַרויסגעשוואומען אונטער די אַפּלאָדיסמענטן פון פּובליקום. ער האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, אים געצויגן לענגער און לענגער, און איבערן טונקלען הימל האָט דער רויך געשריבן מיט גרויסע, פּייערדיקע אותיות:

„רויכערט „פרו-פרו" און בלייבט יונג!"

— שוין? — האָבן די אויסגעלאָשענע אויגן ביי מערטלען זיך אַ צינד געטאָן, זיך געחידושט וואָס אַ מענטשן קען אַלץ איינפאַלן, און זיך אָנגערופן — דאָס איז אַ מעשה, נישט קיין אַנאָנס!

— וואָס, ס'געפעלט אייך נישט? — האָט שיין זיך אַ הויב געטאָן. געשטאַנען אַן אויסגעליידיקטער, זיך געגעסן ווי נאָך ס'האָט אים פריער געקענט געפעלן, און געטראַכט ווי אַזוי מען קריגט זיך אַרויס פון דאַן.

— כ'וועל אייך זאָגן, — האָט מערטל אויסגעטאָן די ברילן — ס'איז אַן אידעע! אָנשטאָט אַן אַנאָנס אין די צייטונגען איז מיר איינגעפאַלן עס דורכצופירן אין קוני-איילאַנד. וואָס זאָגט איר? כאַ, כאַ, כאַ!

שיין האָט געמיינט, אַז מערטל מאַכט שפּאַס אויף זיין חשבון, אַ פאַרלוירענער געכאַפּט דעם פאָרטפעל און זיך גענומען שאַרן צו דער טיר.

— וואָס איילט איר זיך, מיסטער שיין? זאָגט מיר, וויפיל שורות... וועל איך אייך גלייך באַצאָלן!

— אַז איר וועט עס נישט לאָזן דרוקן?

— ס'מאַכט נישט — — — וויפיל שורות זאָגט איר?

— דרייסיק.

— הייסט עס, ס'קומט אייך דריי טאָלער, גוט! דער איינפאַל געפעלט מיר! אויסגעצייכנט, זאָג איך אייך! — האָט מערטל פון גרויס התפעלות אַ קלאַפּ געטאָן שיינען אין די פּלייצעס און אים בעגעבן דריי טאָלער. — ווי איז דאָס אייך איינגעפאַלן? געניאַל, מיט אַן אמת געניאַל! נאַט, האָט איר אַ קעסטל סיגאַרן, ס'איז ווערט אַ פינפערל! און אויב ס'זאָל אָוועקגיין, מיסטער שיין — האָט ער פאַרוואָרפן מיט אַ האַנט, — טע, טע, טע, זענט איר אַ פאַרזאָרגטער!

שיין האָט געכאַפּט ס׳קעסטל סיגאַרן, זיך געזעגנט און איז אַריין אין עלעווייטער. ער האָט געעפנט ס׳קעסטל, אַ שמעק געטאָן צו די סיגאַרן און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיי. דער מאַן, וואָס האָט געפירט דעם עלעווייטער האָט עס באַמערקט און זיך געפרעגט:

— איר ווילט עס פאַרקויפן?

— נו, קויפט! — האָט ער אויסגעשטעקט ס׳קעסטל.

— וויפיל?

— פיר טאָלער.

— צוויי.

— גוט.

שיין איז אַרויס אויף דער גאַס, אַרויסגענומען ס׳געלט, געקוקט אויף די פינף טאָלער און אַלץ געטראַכט, ווער וועם ס׳האָט אָפּגענאַרט.

1921

# נקמה

אַז וואָרצעל האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. פאַסמעס ליכט האָבן זיך געריסן דורך די שפּאַלטן פון די פאַרמאַכטע לאָדנס, געפאַלן אויף דער ווייסער קאָלדרע, וואו מיסעס וואָרצעלס אַ האַנט איז נאַכלעסיק געלעגן. די שטראַלן האָבן זיך געשפּילט צווישן אירע ווייסע פינגער, זיך געשאַרט איבער די בריליאַנטענע פינגערלעך, זיי געצונדן. טראָפּנס פייער האָבן זיך געטיקט, געלאָשן, אויפגעבליצט אין גרינע און רויטע פלעמלעך.

אַ צופרידענער האָט זיך וואָרצעל איבערגעצויגן. זיך דערמאָנט, אַז היינט איז יום כפור און זיך גענומען אָנטאָן. ער האָט זיך לייכט צוגעבויגן צום ווייב און זי גענומען וועקן:

— בעסי, בעסי, הויב זיך אויף! מען שטעלט זיך היינט פרי דאַווענען!

— נאָך אַ רגע — האָט בעסי זיך געבעטן מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן און זיך טיפער איינגעטוליעט אין דער קאָלדרע.

— איך וועל ניט וואַרטן אויף דיר!

— גוט, נו, וועל איך אַליין קומען — האָט זי געעפנט אַ פּאָר קליינע פאַרשלאָפענע אויגן, ווי ביי אַ קעצל — ווייז מיר בלויז וואָס מען דאַוונט היינט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, געקנייטשט די בלעטער פון מחזור, געוויזן וואָס צו דאַוונען. בעסי האָט זיך צוגעטוליעט צום מאַן, אים געקוקט און מויל אַריין און געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— דער טאַטע איז ניט געווען?

— ניט געווען.

— ער איז ברוגז זאָג איך דיר!

— איז ער.

— וואָס אַרט דיך, אַז מ״ין טאַטע איז ברוגז?

— אַוודאי אַרט מיך ניט! אַז דיין טאַטע האָט מיר געקענט אַזוי ס'פנים פאַרשוואַרצן, מיך ניט געלאָזט איבער זיין שוועל, זיך געוואונשן

ער זאָל בעסער זיין טאָכטער פירן אין קבר אַריין, איידער מיט מיר אונטער דער חופה... האָסט שוין פאַרגעסן?

— וואָס געוועזן, הערי, איז געוועזן! — האָט ס׳ווייב אים געגלעט די האַנט, געוואָלט באַרוהיקן — פונדעסטוועגן, אַז דער טאַטע איז ערב יום-כפור צו דיר אַריינגעקומען זאָלסט אים באָרגן דריי הונדערט טאָלאַר — האָסטו געדאַרפט געבן!

— ס׳איז דאָך היינט יום-כפור, בעסי — האָט הערי מיט די שפּיץ פינגער זיך געקלאַפּט אין האַרץ אַריין — מען טאָר דאָך ניט זינדיקן, נאָר געדענק, אַז איך שטאַם פון די וואָרצעלס און כ׳וועל אים קיינמאָל ניט מוחל זיין!

— און איך זאָג דיר, הערי, בעט זיך מיט אים היינט איבער! ער איז שוין גענוג געשטראָפט, אַז ער דאַרף צו דיר אָנקומען נאָך אַ גמילות-חסד! צו וואָס זאָלן מענטשן רעדן, אַז דו ביזט אַ קאַרגער?

הערי האָט ניט געענטפערט און גענומען אַרויסגיין. ביי דער טיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, נאָך אַמאָל אָנגעזאָגט דעם ווייב זי זאָל גלייך קומען אין שול אַריין און איז אַרויס פון שטוב.

אויף „מעין סטריט", די מסחר-גאַס פון שטעטל, וואו ס׳רוט ניט ווי אין אַ בינשטאָק, האָט מען קיין מענטש ניט געזען. הערי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין דעפּאַרטמענט סטאָר, וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַנץ הויז און מיט שטאָלץ איבערגעלייענט די שילד, וואָס ער האָט אַריינגעשטעלט אין פענסטער: „צוליב יום-טוב וועט וואָרצעלס דעפּאַרטמענט סטאָר מאָרגן און איבערמאָרגן זיין געשלאָסן". ער האָט אָנגעקוואָלן, וואָס אַלע געשעפטן זענען פאַרמאַכט, געווען דאַנקבאַר, וואָס ער איז רייך, וואָס ער האָט אַזאַ וואויל ווייב און געזען, וואָס פאַר אַ חסד גאָט טוט מיט יידן. וואוינען אין שטעטל דרייסיק יידישע משפּחות און זיי פירן דעם גאַנצן מסחר. ער האָט זיך פאַרגעסן, אַז ער גייט אין שול אַריין, אַז היינט איז יום-כפור, געטראַכט וועגן דער סחורה וואָס מען דאַרף באַציען, וועגן די באַשטעלונגען, וואָס ער האָט נעכטן אַריינגעקראָגן. אינגאַנצן פיר יאָר ווי ער האָט געאַרבעט ביי ישראלן זיין היינטיקן שווער. פאַר צען דאָלאַר אַ וואָך. און אַז ישראל האָט באַמערקט, אַז בעסי איז ניט גלייכגילטיק צו אים, האָט ער אים אָפּגעזאָגט, ניט געוואָלט אַזאַ „פאַרדינער" פאַר אַן איידם, אים צווישן מענטשן פאַרשוואַרצט ס׳פּנים. קיין זאַך האָט אָבער ניט געהאָלפן. ער האָט בעסין געקראָגן

און דער „רייכער״ ישׂראל קומט צו אים היינט יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג נאָך אַן הלוואה. ער גיט אָבער ניט. לאָז ער וויסן, דער אַלטער „תּרח״, אַז דאָס צאָלט מען אים אָפּ. נעכטן איז דער שווער אַריינגעפאַלן נאָך דריי הונדערט דאָלאַר, געדאַרפט צאָלן אַ „וועקסל״ און ער, הערי, האָט ניט געגעבן, ניט געוואָלט געבן... מעג ער אים באַרעדן, אַז דער איידעם איז אַ קמצן, שפּאָרט פון דער קישקע... וואָס נוגע ברייטקייט, קאָן ער זיך אויסגלייכן מיט יעדן איינעם פון שטעטל...

ער איז אַ רגע שטיין געבליבן ביי דער שול, זיך פאַרשעמט, וואָס אפילו אין יום-כּפּור איז דער מענטש פול מיט רשעות און ס'האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז ער באַגייט קעגן שווער אַן עולה. ניט קיין דרייסטער, וואָס ער איז אַזוי שפּעט געקומען, איז וואָרצעל אַריין אין שול, זיך איינגעהילט אין טלית, מיטגעריסן געוואָרן מיטן פּחד-ניגון און געדאַוונט מיט כּוונה.

ביים פאַרקויפן די „עליות״, האָט דער עולם זיך דערפילט לייכטער, זיך צעזעצט אויף די „שטעט״, זיך געוויצלט אין עס איז שווער געווען צו גלויבן, אַז דיזעלבע יידן זענען מיט אַ פּאָר מינוט פריער געשטאַנען פאַרוויינטע איבער די מחזורים. ס'איז אָנגעגאַנגען אַן אמתע ליציטאַציע. איינער האָט געוואָלט אויסקויפן ביים צווייטן אַן „עליה״, אַריינגעטריבן אין שווערע געלטער, און דער עולם איז געשטאַנען אַ געשפּאַנטער און שטאַרק הנאה געהאַט. דער שמש האָט אויסגעזונגען אויף אַ צעצויגענער אויסשפּראַך:

— צען טאָלאַר מפטיר!

— פופציק!

— הונדערט!

— הונדערט טאָלאַר מפטיר צום ערשטן מאָל...

— הונדערט און פיפציק!

— צוויי הונדערט!

— ס'גייט דאָך אין די גדולות! — האָט אַ שכן זיך אָנגערופן צו הערין — אַ פּנים, דער עולם וויל עם אויסקויפן ביי גאָלדמאַנען!

— ער האָט דען אַ חזקה דערויף, דער יחסן? — האָט הערי זיך אַ וואָרף געטאָן, געטראַכט, אַז איצט וועט ער וויזן דער שטאָט, ווער ס'איז אַ קמצן, וועט נקמה נעמען פון שווער אויך און זיך אָנגערופן — דריי הונדערט טאָלאַר!

– דריי הונדערט טאָלאַר מפטיר צום ערשטן מאָל, דריי – הונדערט...

– דריי הונדערט און פופציק, – האָט זיך גאָלדמאַן אַ בייזער געטאָן וואָס מען קריכט אים אין וועג אַריין.

– פיר הונדערט! - האָט וואורצעל אויסגעשאָסן.

– אַ תכשיט, מיין איידעם איז אַ תכשיט – האָט העריס שווער זיך געקלאָגט פאַר זיינס אַ ידיד – מיר אַן הלוואה צו געבן האָט ער ניט... קאָנקורירט מיט גאָלדמאַנען... און פרעגט אים בחרם, צי דאָס קאָן זאָגן מפטיר?

– פיר הונדערט און פופציק מפטיר...

– פינף הונדערט! – האָט העריז אַזאַרטנע אויסגעשריען און איז פון גרויס התפעלות אַרויס פון דער באַנק אין מיטן שול אַריין.

– פינף הונדערט טאָלאַר מפטיר צום ערשטן מאָל, פינף הונדערט טאָלאַר צום צווייטן... פינף הונדערט, פינף הונדערט – האָט דער שמש געקוקט אין אַלע זייטן, געזען, אַז קיינער רופט זיך ניט אָן, האָט ער אויסגעזונגען – פינף הונדערט צום דריטן מאָל.

אַלעמענס בליקן האָבן זיך אַקער געטאָן צו וואורצלען, ווי ער וואָלט חשובער געוואָרן דערמיט, וואָס ער האָט באַצאָלט אַזאַ סומע פאַר מפטיר, אויסגעקויפט ביי גאָלדמאַנען, וואָס האָט געהאַט אַ חזקה דאַרויף פאַר די לעצטע צען יאָר. ס'יונגוואַרג האָט געהאַלטן מיט העריזן, דער עלטערער דור מיט גאָלדמאַנען, ניט אויפגעהערט צו רעדן דערפון איבערן גאַנצן לייענען. אַז ס'האָט געהאַלטן ביים מפטיר, האָט העריז אַ רוף געטאָן דעם שמש צו זיך און אים איינגערוימט, אַז ער איז מכבד מיט דעם מפטיר דעם שווער. דער שמש איז צוריק אַרויף אויפן בעלעמער, זיך איבערגעשמייכלט מיטן גבאי און איבער דער שול האָט אַ הילך געטאָן:

– יע-עמוד, הנגיד ר' ישראל בר'... מפטיר!

דער עולם האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער. דער אַלטער ישראל איז געשטאַנען אַ ווייל, געציטערט פון כעס, ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. ער האָט אַ רוק געטאָן דעם טלית איבער די אויגן, ער זאָל זיך מיט קיינעמס בליק ניט באַגעגענען און וואַקלענדיק זיך אַרויפגע־שלייכט אויפן בעלעמער.

1921

# אין אַן אַנטיקן געשעפט

באַלד אין דער פרי האָט שוין סאָלעם זיך געפּאָרעט אין זיין אַנטיקן געשעפט. ער איז געלאָפן אויף דער שווינדל־טרעפּ, וואס האָט געפירט אין זייטיקע צימערן, געזען, אַז די צוויי נעגערס זאָלן זיין פאָרזיכטיק מיט די חפצים, זיי צעשטעלט אין דעם האַלב־פינסטערן גאָטישן געוועלב, וואָס מיט זיין קילקייט און גרויקייט האָט עס דערמאָנט אַ קאַטוילישן קלויסטער.

ער אַליין האָט אַ פּאָר מאָל איבערגעקוקט די קאָלעקציע טאַבעק־פּושקעס, געגישטערט אין די וואַזעס מיט בראַסלעטן און יעדעס מאָל, ווען די נעגערס האָבן זיך באַוויזן מיט אַ חפץ, האָט זיין קול, וואָס האָט געקלונגען ריין און קלאָר, ווי דער אָפּקלאַנג פון אַן אַלט ווערטפול שטיקל גלאָז, געהילכט אין דער גרויקייט.

— גאָמבער, פּליעז!

לויט דעם נומער, וואָס די נעגערס האָבן אָנגערופן, האָט זיך סאָלעמס פּנים געביטן. דעמאָלט איז עס מער פאַר אים נישט געווען קיין טעפּיך, קיין קאַנאַפּקע, קיין סטאַטוע. אין זיין פאַרשטויבטן מוח האָבן אויפגעטיקט שטיקלעך לעבן און די ליפּן האבן געוויספּערט אָן ווערטער, געשפּונען די רכילות, וואָס האָבן זיך געקליבן פון דורות.

דער הינדוס מיטן טורבאַן, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג, האָט ברייט געעפנט די טיר. אַ הויכער, שיינער מאַן מיט אַ מאָנאָקל איז אַריינגעקומען.

דער אַנטיקוואַר איז אים אַנטקעגן געגאַנגען, זיך פאַרנייגט:

— וואָס הערט זיך, פּרינץ קלאַוויס?

— רופט שוין אָפּ מאַדאַם בעלמאָנט.

— גוט.

— זאָגט, אַז איר האָט אַ קונה און אויב זי וועט נישט קומען היינט פיר אַזייגער, פאַרקויפט איר דעם טעפּיך.

— בעטן צוואַנציק טויזנט, האַ?

— כ'האָב איר געזאָגט – ס'איז אַ מציאה פּופּציק.

— גוט, כ'גיי שוין טעלעפאָנירן.

סאַלעם איז נישט געוואָרן. דער פּרינץ איז געבליבן שטיין ביי אַ גאָבעלען, די הענט פאַרלייגט אויפן האַרץ, געשטאַנען אַ הויכער, אַ שטייפער, געקוקט דורכן מאָנאָקל אין דער גרויקייט, ווי ער וואָלט אַליין אַראָפּ פון גאָבעלען. סאַלעם האָט זיך אַריינגעשאַרט, געקוקט אויפן פּריץ ווי אויף אַן אַנטיק און אים נישט באַמערקט. ער האָט אויפגעציטערט:

— סאַלעם, ווען זי קומען?

— פונקט פיר אַ זייגער, פּרינץ!

— גוט.

— און דער פּרינץ ווען זיין?

— כ'וועל זען ס'זאָל ווערן.

דער הינדוס האָט געעפנט די טיר און זיך פאַרנייגט פאַרן פּרינץ.

סאַלעם האָט געפיבערט, געשפּרייזט איבערן געשעפט, לייכט ווי אַ קאַץ, און זיינע שטילע טריט זענען נישט געוואָרן אין די האָריקע טעפּיכער, וואָס זענען געלעגן איבערן דיל. ער האָט נאָך קיינמאָל פאַר קיין חפץ אַזוי פיל געלט ניט באַקומען און דאָ האָט ער געזען אויף דער האַנט צוואַנציק טויזנט טאָלאַר, געווען זיכער, אַז אויב דער טעפּיך וועט איר אפילו נישט געפעלן, וועט זי זיך שעמען פאַרן פּרינץ... די שטיקלעך היסטאָריע, וואָס האָבן זיך געפּאָנטערט ביי סאַלעמן אין מוח, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טאָלאַרס.

ער איז צוגעגאַנגען צום הינדוס און אים עפּעס איינגערוימט, געוויזן די נעגערס וואו זיי זאָלן שטיין און ער אַליין האָט זיך עטלעכע מאָל וואוילעריש אַ שפּאַר אָן געטון אָן אַ געשניצטן טיש, וואָס האָט געצויגן זיין יחוס פון פּאַפּסט יוליאַן דעם צווייטן. ער האָט נישט אויפגעהערט צו מאַכן רעפּעטיציעס, ביז ס'איז פאַרפאָרן פאַרן געשעפט אַן אויטאָמאָביל.

סאַלעם האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייב-טיש, זיך כלומרשט פאַרטיפט אין אַ קאַטאַלאָג.

דער הינדוס האָט ברייט געעפנט די טיר, אויסגעשריען מיט אַ מיסטעריעז קול:

— פּתחו שערים!

אַ דאַמע, איינפאַך אָנגעטאָן, איז אַריין אין געשעפט. געוואָרפן פון דער זייט אַ קוק אויפן הינדוס און זיך געלאָזט צום שרייב-טיש:

– האַלאָ, מיסטער סאַלעם!

ער האָט געלאַסן אַוועקגעלייגט דעם קאַטאַלאָג, זיך אויפגעשטעלט און זיך פאַרנייגט:

– האַלאָ, מאַדאַם בעלמאָנט!

סאַלעם האָט אונטערגערוקט אַ שטול, אַליין האָט ער זיך אָנגעשפאַרט אויפן געשניצטן טיש און אונטערגעטראָגן מאַדאַם בעלמאָנט אַ זילבערנע טאַבאַק-פושקע:

– שיין, האַ? וואָלטער האָט פון דער פושקע געשמעקט טאַבאַק. איר זעט די אַרבעט? עפּנט! ווי געפעלט אייך, מאַדאַם, די גראַווירור? ס'איז דאָך נאָטר-דאַם! היינט קאָן מען דאָס נישט מאַכן, היסטאָריע, מאַדאַם – – וואָס צייג איך אייך אַ טאַבאַק-פושקע, דאָס באַלאַנגט פאַר אַ מאַן, פאַר אייך, מאַדאַם בעלמאָנט, האָב איך אַן אַנטיק...

ער האָט אַרויסגענומען אַ וואַזע מיט בראַסלעטן, אויפגעזוכט אַ געפלאָכטענעם בראַסלעט, וואָס דערמאָנט אַ קנויל מיט שלאַנגען און איבער די קעפּלעך פון די שלאַנגען אַ פיר-עקיקער ים-שטיין. ער האָט געעפנט דעם ים-שטיין, געפּאַסט אין גאָלד און אונטערגעטראָגן דער מאַדאַם בעלמאָנט דעם בראַסלעט:

– קוקט, דאָ, אונטער דעם שטיין, האָט לוקרעציאַ געהאַלטן די שטיקלעך סם, מיט וועלכע זי האָט אירע געליבטע געשיקט פון דער וועלט – – דאָס איז נישט טייער, אינגאַנצן פינף טויזנט טאָלאַר. די קאַטוילישע קירך האַלט עס אין קויפן ביי מיר. אַ קלייניקייט – די הייליקע לוקרעציאַ. פּראָטעסטאַנטן זאָגן אַפילו, אַז איר פאָטער, באָרדזשיאַ, איז ניט געווען גלייכגילטיק צו איר... אַנדערע צייטן – האָט סאַלעמס צעקנייטשט פּנים געשמייכלט – היסטאָריע, מאַדאַם, היסטאָריע – – –

– און ווי לאַנג, מיסטער סאַלעם, באַשעפטיקט איר זיך מיט „היסטאָריע"? – האָט מאַדאַם בעלמאָנט געפרעגט.

– אָ, מאַדאַם, האָט סאַלעם אויפגעהויבן ביידע הענט – מיין עלטער, עלטער-זיידע, די גאַנצע פאַמיליע סאַלעמס האָבן אַנטיקוואַרן – אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין פּאַריז, ווין, בערלין, אומעטום די סאַלעמס, ס'איז אַ פירמע – – – ווי די באַנקירן ראָטשילד...

סאַלעם האָט זיך געכאַפּט, אַז איצט איז די צייט צו ווייזן דעם טעפּיך און ער האָט אַ וואונק געטון צו די צוויי נעגערס.

די נעגערס אין שוואַרצע פּרינץ-אַלבערטס, אין הויכע, ווייסע קעלנער, האָבן יום־טובדיק אַריינגעטראָגן דעם טעפּיך און געוואַרט, מען זאָל הייסן אים פאַנאַנדערוויקלען.

סאַלעם האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן:

— אַזעלכע טעפּיכער זעט מען נישט מער, דאָס האָט נאַפּאָלעאָן געקראָגן אַ מתנה פון פּערסישן שאַך... ס'איז, מאַדאַם, אַ מציאה פופציק טויזנט — — — מען זאָל קריגן דעם אַמאַטאָר... כ'בין געענגט אין געלט...

ער האָט זיך אַ קער געטון צו די נעגערס:

— וויקלט פאַנאַנדער!

זיי האָבן אַ צי געטון דעם טעפּיך איבער דער וואַנט. אַריינגעפלאָכטן זייער שוואַרצקייט אין די רויטע פאַרבן און אים אויסגעשפּרייט איבערן דיל.

מאַדאַם בעלמאָנט האָט געעפנט אַ פּאָר אויגן. געקוקט אויף סאַלעמען, אויפן טעפּיך, זיך געהאַלטן פאַר די זייטן און זיך פאַרגאַנגען אין אַ היסטעריש געלעכטער. זי האָט אויף אַ רגע אויפגעהערט לאַכן, ווידער אָנגעהויבן, און דער פאַרשטויבטער סאַלעם איז געשטאַנען נישט טויט, נישט לעבעדיק, געקראָגן קאָלירן אין די גרויע באַקן

— וואָס לאַכט איר, מאַדאַם?

— דאָס מאָל, מיסטער סאַלעם, האָט איר נישט געטראָפן! דעם טעפּיך בין איך קוים פּטור געוואָרן, ער איז מיר שוין דערעסן, האָב איך אים פאַרקויפט פאַר צוועלף הונדערט טאָלאַר!

— איר האָט אַ טעות, מאַדאַם — האָט סאַלעם געשטאַמלט.

— אויף אייך, מר. סאַלעם, אַרט מיך נישט, אַן אַנטיקוואַר... כ'פאַרשטיי... שיסן אָבער דאַרף מען די פּרינצן, וואָס דרייען זיך אין אונזערע הייזער אַרום.

— איר האָט אָבער אַ טעות...

— כ'האָב שוין גאָרנישט קיין טעות. ס'איז מיין טעפּיך, און פּרינץ קלאַוויס האַלט מיר אין איין איינרעדן, אַז ס'איז ווערט פופציק טויזנט טאָלאַר! אַזאַ...

סאַלעם האָט געזען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן, געשראָקן זיך

דער פרינץ זאָל נישט אָנקומען, האָט ער הינטן אַרום געשיקט אַ נעגער, ער זאָל איצט נישט קומען, געוואָרפן מיט די אויגן ווי אַ האָז און אַז ער האָט דערהערט, ווי דער הינדוס שרייט אויס — פתחו שערים — האָט ער אָפּגעזיפצט, אויסגעבאַטעלט צום פרינץ און נאַריש געשמייכלט.

# אויפֿן אייז

דער פֿראָסט איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, נישט געלאָזט אָטעמען, האָט מאַדאַם האַמער באַהאַלטן די נאָז אין איר פוטערנעם קאָלנער, זיך געאײַלט איבער דער ליידיקער אַלייע, זיך אײַנגעהערט ווי ערגעץ-וואו סקריפּען רעדער איבערן שניי, געקלימפּערט מיט די פינקלדיקע גליטשערס, וואָס דער מאַן האָט איר געקויפט צום געבורטסטאָג, און געגאַנגען צום אייז. דאָס סקריפּען פון די רעדער האָט זי אַזוי דורכגענומען, אַז זי האָט אינגאַנצן געציטערט פון קעלט.

איבערן אייז האָבן זיך געטראָגן עטלעכע פּאָרלעך, די פּנימער צעפלאַמט, די גלידער בויגיק, ווי דער פראָסט וואָלט צו זיי קיין שליטה געהאַט.

מאַדאַם האַמער האָט מיט צונויפגעדרייטע פינגער פון קעלט זיך אָנגעטון די גליטשערס, זיך אויפגעשטעלט פון דער באַנק, וואו זי איז געזעסן און זיך ניט געקענט רירן פון אָרט. אירע באַוועגונגען, די צעשראָקענע אויגן, אַלץ האָט געזאָגט, אַז זי האָט מורא זי זאָל זיך יעדע מינוט נישט איבערדרייען. זי האָט זיך געדרייט אַרום דער באַנק, יעדע ווײַלע זיך אָנגעכאַפּט אָן איר און גיך מיד געוואָרן.

אַ יונגערמאַן איז פאַרבייגעלאָפן, באַמערקט, ווי זי שטייט אונבאַהאָלפן ביי דער באַנק, האָט ער אויסגעשניטן אַ ספּיראַל און זיך פאַרנייגט:

— אַז איר וועט זיך האַלטן פאַר דער באַנק, מאַדאַם, וועט איר זיך קיינמאָל נישט קענען גליטשן.

— אַז כ׳בין ס׳ערשטע מאָל אויפן אייז — האָט זי פאַרשעמט געשמייכלט.

— דאָס איז גאָרנישט, מען דאַרף נאָר וויסן, ווי צו שטיין! — האָט דער יונגערמאַן אויסגעשניטן אַ קרייז און זיך אַוועקגעשטעלט — אָט ווי מען דאַרף שטיין! — דער געוויכט-צענטער דאַרף תּמיד אויסקומען צווישן די פיס, איר זעט? און אַז איר ווייסט שוין ווי צו שטיין, צעפּאָרט איר אָט אַזוי מיט די פיס און דאָס אייז טראָגט אייך שוין אַליין!

דער יונגערמאַן האָט זיך אַ שפּאַר-געטון מיט איין פוס, אויסגעשניטן ספּיראַלן, קרייזן און מיט איין לויף וואוילעריש געבליבן שטיין ביי דער דאַמע:

– כ'דאַנק אייך זייער – האָט זי געענטפערט – נור מיר שיינט, אַז איך וועל אייך נאָר שטערן.

– אין קעגענטייל, גליטשן איז פּונקט ווי טאַנצן, תּמיד אַנגענעמער אין צווייען, ווי אַליין.

זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַר די הענט. דער יונגערמאַן האָט זי געפירט איבערן אייז אַזוי האַסטיק, אַז ס'האָט איר אַזש געשווינדלט פאַר די אויגן, געהאַט ס'געפיל, אַז זי האָט פאַרלוירן ס'גלייכגעוויכט און דרייט זיך באַלד איבער. ביסלעכווייז האָט זי זיך באַרוהיקט, זיך צוגעוואוינט, בלויז ווען אַ פּאָרל איז זיי אָנגעפאָרן אַנטקעגן, האָט זי זיך יעדעס מאָל געשראָקן איינער זאָל נישט אַרויף אויפן צווייטן. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע אויפן אייז קוקן איר נאָך, געפילט דאָס בלוט אין די באַקן און געטראַכט, אַז קיין בעסער פאַרגעניגן איז גאָר־נישטאָ, ווי גליטשן זיך מיט אַ סימפּאַטישן יונגענמאַן.

דער יונגערמאַן האָט זי געוויילט, זי געלערנט גליטשן, זי אָפּ־געלאָזט אין מיטן פאָרן, איז זי געפלויגן ווייטער; זיך געכאַפּט, אַז זי פאָרט אַליין, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש, זיך גענומען וואַקלען, זיך געוואָלט צוזעצן מיט די הענט אָן אייז, איז ער יעדעס מאָל אויסגע־וואַקסן, זי פעסטער אַרומגענומען און איר צוגעגעבן קוראַזש:

– איר וועט קענען; צוויי-דריי מאָל און איר וועט זיך קענען גליטשן!

– מיט אייך – האָט זי געשמייכלט.

– נו, איר דאַרפט זיך גאָרנישט פאַרלירן, אָט פאָרט איר דאָך אַליין, פיין, פיין, זייער גוט!

ער האָט זי מיט אַמאָל אָפּגעלאָזט. זי איז אָפּגעלאָפן עטלעכע איילן, זיך דערשראָקן מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט זי טראָגט זיך איבערן אייז, אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש, און איידער ער האָט צייט געהאַט אונטער־צולויפן, איז זי געלעגן ווי גרויס זי איז געווען אויפן אייז.

– איר האָט זיך עפּעס געטון? – האָט ער זי גלייך אויפגעשטעלט און זיך געפילט שולדיק.

– גאָרנישט, גאָרנישט – האָט זי אים פאַרזיכערט, אָפּגערייניקט

דעם שניי פון געפּאַסטן, טוכענעם קליידּ און אַ פּאַרלוירענע אים געגעבן אַ האַנט.

זיי זענען געפלויגן נאָך גיכ ער ווי פריער, גערעדט, געלאַכט, געוואָרן אינטימער און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זיי האָבן געהאַט דיזעלבע באַקאַנטע.

ער האָט זי אָפּגעפירט, געטראָגן אירע גליטשערס, זי געווילט, זי געמאַכט אינטערעסאַנט און אינגאַנצן האָט ער ביי איר אויסגעזען אַנדערש ווי די מענער, וואָס זי האָט ביז איצט געקענט.

— קומט מיט מיר אַרויף — האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ פּריוואַט הויז — מיר וועלן האָבן טיי.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען.

אַריינקומענדיק, האָט זי אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנטל מיטן הוט. אים אַריינגעפירט אין זאַל, אַ כאַפּ-געטון פון טיש אַ פּעקל מיט פּאַפּירן-געלט, וואָס דער מאַן האָט איר איבערגעלאָזט אויף הוצאות, עס אַ שליידער-געטון אויף דער אָטאָמאַנע און געדעקט דעם טיש פאַר טיי. אויפן טיש איז גלייך אויסגעוואַקסן אַ וואַזע מיט קאָנפיטורן, קאָניאַק, קיכלעך.

מאַדאַם האַמער האָט אַריינגעבראַכט צוויי גלעזער טיי און אַליין האָט זי זיך געזעצט ביי דער פּיאַנאָ, פון דער זייט געקוקט אויפן יונגענמאַן און געשפּילט שאָפּענס אַ נאָקטורן. אַז זי האָט געענדיקט, איז זי אויפגעשפּרונגען און קינדיש אים אַ פרעג געטון:

— געפעלן?

— נישט שלעכט — האָט ער זיך אויפגעשטעלט, זיך איבערגעגאַנגען איבערן זאַל און זיך צוגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע — איר ווייסט? מוזיק הויבט-אָן צו ווערן אַ מאַניע. וואו אַ שטוב — געפינט איר אַ בויכיקע פּיאַנע, אַ טעכטערל, וועגן וועלכער, די משפחה טראַכט, אַז זי האָט טאַלאַנט. און ווייסט איר, אַז מוזיק וועט זיך קיינמאָל נישט פאַרגלייכן מיט ליטעראַטור, צי מאָלעריי; אַז מוזיק איז אַ נידריקערע קונסט, אַ פּרימיטיווע, קען מער נישט אויסדריקן ווי צער און פרייד? אמתע קונסט איז קיינמאָל נישט געווען און וועט נישט זיין דעמאָקראַטיש, און מוזיק איז צוגענגליך צו יעדן איינעם, אויב דער אויער-אַפּאַראַט איז נאָר נאָרמאַל. וואָס לאַכט איר?

— אינטערעסאַנט, רעדט ווייטער — האָט זי פּאַמעלעך געזיפּט דעם טיי.

— נו, טאַקע — האָט דער יונגערמאַן זיך געהיצט — אום אָנצושרייבן

אפילו אַ שלעכט ליד, אַן אומדרוקבאַר, דאַרף מען באַזיצן אַ געוויסן גראַד בילדונג, זיין קולטורעל; אויסצוזינגען אַ ניגון, אפילו אַ קאָמפּליצירטן — דאַרף מען אויסער אַ געזונט פּיזיש אויער גאָרנישט האָבן! כּמעט אַלע גרויסע קאָמפּאָזיטאָרן זענען געווען אַנאַלפאַבעטן! מערקווירדיק. אַ קונסט געשריבן פון אַנאַלפאַבעטן פאַר אַנאַלפאַבעטן: אַ קונסט, וואָס דערגרייכט די העכסטע פאָרמען נאָר אין צוריקגעשטאַנענע לענדער. מיט אַזאַ קונסט איז עפּעס נישט גלאַטיק! כ'זע, איר זענט נישט איינשטימיק מיט מיר... כ'האָף, אַז אַ צווייט מאָל וועלן מיר וועגן דעם מער רעדן...

— איינשטימיק, צי נישט איינשטימיק — האָט זי אים איבערגעהאַקט — יעדנפאַלס, איז אייער שטאַנדפּונקט אינטערעסאַנט. וואָס איילט איר זיך?

— ס'טוט מיר זייער לייד, נור כ'מוז איצט גיין...

— און מיט מיין גליטשן? — האָט זי אים געגעבן די האַנט.

— זייט מאָרגן אויפן אייז.

— ווי היינט, נישט שפּעטער.

— גוט. צום ווידערזען.

— צום ווידערזען.

זי איז עטלעכע מאָל דורך איבערן צימער, גענומען עטלעכע טענער שטייענדיקערהייט, געווען צופרידן, וואָס זי האָט זיך באַקאַנט מיט אַזאַ אינטערעסאַנטן יונגענמאַן און זיך דערמאָנט, אַז זי דאַרף צוגרייטן פאַר איר מאַן אָוונט-ברויט.

זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם ווינטער-מאַנטל, איבערגעוואָרפן די זאַכן אויף דער אָטאָמאַנע, געזיכט דאָס פּעקל פּאַפּירן-געלט און עס נישט געפונען.

# אַ יונג

עס האָט געשנייט אַ נאַכט און אַ טאָג און מיטן צווייטן אָוונט האָט געכאַפּט אַ פראָסט, אַז מען האָט דעם אָטעם ניט געקענט כאַפּן. די לופט איז געווען שאַרף, געעגבערט און זיך פאַרקליבן אין די נאָז־לעכער ביז צו טרערן, און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט אָפּגעקלונגען דאָס סקריפּען פון די שליטנס, ווי דער קלימפּאַר פון מאַסיווע שטיקער מעטאַל. איבער די שטערן האָט זיך געבלייכט אַ פלאַך שטיק ליכט, ווי דאָס אָפּשפּיגלונג פון אַ לבנה.

אין מיטן מאַרק, ביי דער פאַרפרוירענער פּלומפּ האָט געברענט אַ פייער, אָפּגעגאָסן דעם שניי מיט אַ קופּערנער רויטקייט, זיך גע־שפּיגלט אין די אָפּגעהאַקטע שטיקער אייז, וואָס אַרום דער פּלומפּ, ווי אין גלעזערנע פּריזמעס, אַרום דעם פייער האָבן זיך געוואַרעמט פורמאַנעס אין שעפּסענע פּעלצן און פריילעכע שוועסטער איינגעהילט אין שווערע ווינטער־טיכער.

אויף דער אַלייע, וואָס פירט אין מאַרק אַריין, זענען געגאַנגען צוויי חברים און געשוויגן. זיי זענען געגאַנגען אָפּגערוקט איינער פון צווייטן און יעדעס מאָל ווען דער פראָסט האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן, זיך גענומען וויקלען אַרום זיי, ווי מיט צוואַנגען, האָבן זיי זיך געקאָרטשעט פון איין זייט אויף דער צווייטער. איינער איז געווען אַ הויכער מיט איינגעפאַלענע פּלייצעס און דער צווייטער — אַ נידעריקער, אַ דורכגעפרוירענער, אָן אַ מראה אין פּנים, וואָס האָט דערמאָנט די טויטע באַקן פון אַ געבוירענעם בלינדן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים מאַרק, געקוקט אַ ווײַלע אויפן פייער, וואָס האָט געלעקט דעם שניי, געקוקט אויף די אַרומיקע מענטשן, ווי אויס־געגאָסן פון קופּער.

אַ מחנה הינט זענען אָנגעלאָפן, זיך געוואָרפן איינער אויפן

צווייטן, זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ קנויל מיט אַזאַ בילעריי, אַז די לופט אַרום האָט זיך געטרייסלט.

דער נאַכט-וועכטער אין אַ ווייסן שעפּסענעם פּעלץ, די שטיול באַוויקלט מיט זעק, איז פון ערגעץ וואו אויסגעוואַקסן. ער איז גע-בליבן שטיין אַ ווייסער, ווי אַ שניי-מענטש, זיך קיין ריר געטאָן און אַז די הינט האָבן זיך ניט אויפגעהערט צו קנוילן, האָט ער אַ שליידער געטאָן צווישן זיי זיין סוקעוואַטן שטעקן מיט אַ קרעכץ:

— אַ פּשאַ-יוכאַ!

די הינט האָבן זיך צעשיט אין אַלע זייטן און אין דער פּראָסטיקער נאַכט איז נאָך לאַנג געשטאַנען דער אָפּקלאַנג פון אַ ווינט, וואָס ווינט אין אַ קוימען, האַמערט אַ שטיק אָפּשטייענדע בלעך, אַז ס׳גייען דורך דרעשטשעס איבערן לייב.

די צוויי חברים האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך געפרעגט — נו, ווי גייט מען ווייטער?

דער הויכער האָט אַרויסגענומען פון וועסטל-קעשענע אַ שטיקל פּאַפּיראָס, עס פאַרצויגן און זיך אָפּגערופן:

— האַ, קאַלט, וואָס זאָגסטו, חיים?

— טאַקע קאַלט — האָט חיים זיך איינגעקאָרטשעט, דאַכט זיך קלענער געוואָרן און גענומען רייבן אַ האַנט אָן אַ האַנט — אַ פּאַסקודע, אַפילו שטאַרבן גלוסט זיך ניט אין אַזאַ קעלט!

דער הויכער האָט ניט געענטפערט, אַרויסגעלאָזט אַ פול מויל מיט רויך, און חיים האָט באַמערקט ביים פייער פון פּאַפּיראָס, ווי אַ האַלב פּנים שמייכלט ביי אים. ער האָט אָפּגעהוסט און גערעדט אָפּגעהאַקט:

— איז, הייסט עס, מאָרגן ווערן מיר זיך אָן... פאָרסט טאַקע... נו יאָ, נישטאָ קיין סביבה, נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען... כ׳בעט דיך, חיים, וויפיל מאָל פאָרסטו שוין אַזוי זוכן אַ סביבה, אַ תכלית אין לעבן, האַ? אפשר וואָלט אַזאַ בחור ווי דו גאָר חתונה געהאַט, ב׳מיין מיט אַן אמת! וואוהין פאָרסטו? נאָך קיעוו?

— יאָ.

— און וואָס וועט זיין אין קיעוו?

— אין קיעוו?

— יאָ, יאָ.

ער האָט זיך מער ניט איינגעהערט, וואָס חיים ענטפערט, אויפ־געכאַפּט דאָס קלינגענדע געלעכטער, וואָס האָט זיך געטראָגן פון פייער. דער רויך האָט זיך געהויבן איבער די פאַרשנייטע הייזלעך און אין דער פינסטער האָט זיך געטראָגן דער קלאַנג פון שפּאָרן. אַ זעלנער איז פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ פריילעכער שוועסטער. דער בחור האָט זיך אַרומגעקוקט, ניט געזען חיימען אַרום זיך. דאָס פייער האָט געבלענדט די אויגן, געררופן, מיט ציטערנדיקע קני, ווי אַ שכור, האָט ער זיך געשאַרט צום פייער, געשטעקט די שטייפע הענט אין די פלאַמען און הנאה געהאַט, ווי די פונקען שפּרייטן זיך אין דער פינסטערניש און ווערן ניט, ווי פאַלענדע שטערן.

— יונגערמאַן, — האָט אים אַ פריילעכע שוועסטער אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל — אין אייערע זומער־קליידער קענט איר דאָך די היץ קריגן! נעמט פופצן קאָפּיקעס און גייט בעסער אַ שנאַפּס מאַכן! נאַ, דאָ האָט איר אַ פערטעלע!

דער הויכער בחור האָט זיך אַ בויג געטאָן, ווי מ׳וואָלט אים אָפּגעמאָסטן מיט עפּעס איבערן קאָפּ, גענומען אָפּציען פון פייער און געשטאַמלט.

— כ׳בין ניט... כ׳מיין... כ׳דאַנק...

— וואָס זאָגט איר ניט צו דעם שנאָרער? — האָט ער געהערט ווי די פריילעכע שוועסטער שרייט אים נאָך — אָן הויזן... ס׳ציטערט ווי אַ פיש... אויך אַן אַ ר י ש ט אָ ק ר אַ ט!...

איבערן שניי האָט זיך געקייקלט אַ געלעכטער.

אַ באַליידיקטער, אַ דערשלאָגענער איז דער בחור געבליבן שטיין אין עק מאַרק. דער נאַכט־וועכטער איז אָנגעקומען, געשטעלט שווערע טריט ווי אַן אָקס, באַמערקט דעם יונגעמאַן און זיך אָנגערופן:

— וואָס פאַרע געשעפטן האָסטו דאָ ביינאַכט אין מאַרק? גיי בעסער שלאָפן, ברודער, איידער כ׳פרעג דיך צי דו האָסט אַ פּאַספּאָרט!

— כ׳האָב... כ׳האָב...

— איז גוט, פאַניע, גייט מען שלאָפן, ניט מען שלעפּט זיך אַרום ווי אַ ניט־גוטער.

ער האָט אָנגעהויבן אַוועקצוגיין. די פריילעכע שוועסטער איז

אים אַנטקעגן געגאַנגען. ער האָט זי געוואָלט אויסמיידן און מיט אַמאָל זי אָפּגעשטעלט:

— כ׳האָב ניט וואו איבערצוגעכטיקן...

— קומט צו מיר — האָט זי אים ניט געלאָזט ענדיקן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ער זאָל איר נאָכגיין. — אַן אָרעמאַן דאַרף קיין יחסן ניט זיין.

ער האָט ניט געענטפערט און איז איר נאָכגעגאַנגען. זי האָט אים אַריינגעפירט אין אַ קליין פיר-עקיק צימערל, וואָס האָט גע־שמעקט מיט פודער און געקאָכטער וועש. זי האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, אַרויסגערוקט די איינציקע שטול אין מיטן צימער אַריין:

— זיצט און איך וועל צושטעלן טיי.

דער בחור האָט געטרונקען דעם הייסן טיי, באַטראַכט דאָס האַלב-פינסטערע צימערל, דאָס צערודערטע בעטל, געקוקט אויף דער אויסגעמאַטערטער, פאַרשלאָפענער שוועסטער און גענומען רעדן, געגומען דערציילן. ער האָט לאַנג גערעדט, זיך אויפגעשטעלט, גע־מאַכט מיט די פויסטן, דערציילט, און זיינע רייד האָבן זיך געוויקלט, געווען אָן סדר, געוועקט דאָס באַליידיקטע אין מענטשן, דאָס דער־נידעריקטע, די פריילעכע שוועסטער האָט אַלץ אויסגעהערט און אַפּנים גאָרניט פאַרשטאַנען. אַ פאַרשלאָפענע האָט זי זיך אויפגעשטעלט, אויפ־גערידערט דעם שעניק און זיך אָנגערופן.

— אַוודאי איז בעסער צו האָבן אַ „יונג"... אַן אָנגעמער, וואָס קען פרעגן אַ פרעטענזיע, אַ שטאַרקן, מיין איך! אָט חנהטשע וואוינט שוין מיט אַ „יונג" אַ האַלב יאָר — טשעפּעט זיי קיינער ניט! און מיך? יעדערער, ווער ס׳וויל נאָר...

פאַרטאָג האָט זיך די פריילעכע שוועסטער אויפגעכאַפּט, געעפנט די אויגן און זיי צוריק פאַרמאַכט. באַלד האָט זי אָבער נערוועז ווי דערמאָנט זיך אָן עפּעס, ווידער געעפנט די אויגן און דערזען, אַז איר „יונג" הענגט אויף אַ שטריק ביים סופית.

# באַקעט

באַראַש האָט זיך איבערגעוואָרפן און צעעפנט די אויגן. ס׳איז נאָך געווען פינסטער. אויף דער וואַנט קעגנאיבער דעם פענסטער האָט זיך באַוואויגן אַ קרייז, אויסגעגאָסן פון מאַטן שיין; און אַז ער האָט זיך לענגער איינגעקוקט, האָט זיך פון דעם שיין אַרויסגעפּרעסט די פאָטאָגראַפיע פון זיין מוטער, וואָס איז געהאָנגען אויף צוויי נעגעלעך. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז נאָך ניט קיין זעקס, — דער עלעקטרישער לאָמפּ, וואָס הענגט אין דער גאַס אויף אַ קלאָץ און קוקט אַריין אין זיין צימער, ווי עפּעס אַ געהיים אויג, ברענט נאָך.

אין צווייטן צימער האָט געסקריפּעט אַ בעט, באַלד האָט זיך געהערט אַ שווערער קלאַפּ אין דיל. באַראַש האָט אָנגעשפּיצט אַן אויער, געוואָלט עפּעס אויפכאַפּן. ס׳איז צוריק שטיל געוואָרן. ער איז זיכער געווען, אַז דאָס האָט זיך זיין בעל־הבית אויפגעהויבן, גייט פרי אַוועק צו דער אַרבעט.

פון פּאַרק האָט זיך געטראָגן אַ ווינט, געשליידערט אין די שויבן אַריין הויפנס רעגן, דורכגעשוידערט.

באַראַש האָט זיך געטוליעט אין דער קאָלדרע, געגורעט דעם קאָפּ אין קישן, געווען אומרוהיק. די שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג האָט אים געמאַטערט, ניט אויפגעהערט צו דערמאַנען, ער זאָל זיך אויפהויבן, קויפן אַ צייטונג און זען צו קריגן אַ שטעל, צי גלאַט עפּעס אַ באַשעפטיקונג. און אין מוח איז, ווי אויף צו־להכעיס, אַלץ געקראָכן די בעל־הביתטע, וואָס שלאָפט ביז האַלבן טאָג, דערנאָך פלעכט זי זיך פון ביידע צעפּ איינעם, אַ דיקן, וואַרפט אַריבער אַ דורכזיכטיק קלייד, וואָס הענגט ווייך און פאַלדיק איבער אירע פולע גלידער, זעצט זיך אין אַ שאָקל־שטול און לייענט עפּעס אויפן קול. דער מאַן איז מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון איר. פּלייצעס שמאָלע, ניט ברייטער פון צונויפגענומענע פינף פינגער. דערצו האָט ער אַ מאָדנעם גאַנג — שטעלט

די פיס פונקט ווי אַ שער, וואָס עפנט און מאַכט זיך צו. ער, באַראַש, וואוינט שוין ביי זיי דעם צווייטן חודש. אַז ער פרעגט זי עפּעס, מיידן זיך תמיד זייערע בליקן אויס. זי ענטפערט קורץ, און די גרויסע אויגן קוקן אין אַ זייט, מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל, גיבן אָנצוהערן, אַז עפּעס איז ניט דערזאָגט, און דערמאָנען אָן אַ בליק פון אַ משוגענער. שוין אַ וואָך ווי ער האָט איר געדאַרפט באַצאָלן פאַר דער דירה, קומט יעדן טאָג אָפּ מיט אַן אַנדער תּירוץ, איז זיכער, אַז זי וועט אים ניט מאָנען, און דאָס פּענטעט אים נאָך מער.

באַראַש האָט זיך געקאָרטשעט, ווי דער רעגן וואָלט ניט געשמיסן מיט זיינע נאַסע בייטשן איבער די שויבן, נאָר איבער זיין לייב, זיך געדרייט אין דרייען, פאַרקוועטשט די אויגן און געזען ווי די וואַנט, וואָס טיילט אָפּ זיין צימערל פון די בעלי-בתים, ווערט ניט.

ביי זיין בעט שטייט די בעל-הביתטע. דער דיקער צאָפּ אַריבער-געוואָרפן פון פאָרנט, די גרינלעכע אויגן שיסן, דאַכט זיך, מיט פאָספאָר, צינדן זיך, די באַקן פלאַמען.

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר?

— ווער?

— איר!

— איך?

— יאָ, איר, איר! וואָס מיינט איר! מען גיט מיר די דירה בחינם?

— כ׳וועל אייך היינט, מאָרגן געוויס געבן געלט... כ׳מיין... ס׳טרעפט...

— געוויס טרעפט! — האָט זי זיך נאָך העכער צעשריען — אַז מען באַצאָלט ניט, שטעלט מען אַרויס אויף דער גאַס!

— וואָס שרייט איר?

— כ׳טאָר שוין ניט שרייען אין מיין הויז אויך? אפשר האָב איך געדאַרפט בעטן ערלויבעניש אַריינצוגיין צו אייך, האַ? אַ העזה דאָס איז! אַ העזה! — האָט זי געוואָרפן מיטן קאָפּ, אַז דער צאָפּ האָט זיך אויפגעפלאָכטן.

— שרייט וויפיל איר ווילט!

— אַוודאי וועל איך שרייען! ס'איז מיין הויז, מעג איך טאָן וואָס איך וויל, איר הערט?

זי האָט אים אַרומגעכאַפּט מיט בײדע הענט, אים אַ שלעפּ געטאָן צו זיך, האָט ער זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי ער וואָלט גענומען פאַלן און געעפנט די אויגן.

אין צימער איז פינסטערער געוואָרן — דער עלעקטרישער לאָמפּ איז אויסגעגאַנגען. דער ווינט האָט ערגעץ-וואו געהאַמערט מיט אַ שטיק אָפּשטייענדן בלעך, און דער רעגן האָט זיך אַלע ווײלע אַ שאָט געטאָן אין די שויבן מיט דעם קלימפּער פון אַרבעס.

אַ ווײלע איז ער געבליבן אַ צעטומעלטער, געפילט אַרום די שפּיץ-פינגער אַ פרעמדע ווארעמקייט, און אַ פּאַרדרוס האָט אים אַרומגענומען, פאַרוואָס ער האָט זי אָפּגעלאָזט, געבענקט נאָך דעם, וואָס מען האָט פון אים צוגענומען. האָט מען פון אים עפּעס צוגענומען? אַ מרה-שחורה האָט זיך געלייגט איבער אים, און פון אַ ווינקל איז אַרויס אַ ליך, זיך געריי‌צט, אַז ער, באַראַש, איז אַ קבצן, אַז מיט אים האָט גאָרנישט פּאַסירט. דאָס רעדט ער זיך אַיין. און אויב ער וויל ניט מען זאָל אים טאַקע אַרויסוואַרפן פון דער דירה, טאָ זאָל ער זיך בעסער אויפהויבן, קויפן אַ צייטונג און געפינען עפּעס אַ שטעל.

אַ דערשלאָגענער איז ער אַראָפּ פון בעט, זיך אָנגעטאָן און געבליבן שטיין ביים פענסטער. ער האָט געזען ווי זיין בעל-הבית שפּאַנט אונטערן רעגן, בויגט זיין שמאָלן גוף און די פיס עפענען און מאַכן זיך צו ווי אַ שער. ער האָט געשמייכלט, לייכט געעפנט די טיר, זיך גענומען גנבענען אויף די שפּיץ-נעגל, די בעל-הביתטע זאָל אים ניט באַמערקן און געוואָלט אַרויס אויף דער גאַס.

פון ברייטן „טאָפּלטן" בעט האָט זיך געטראָגן אַ זוניקע וואַרעמקייט. די טונקעלע, צעריסענע קאָלדרעס זענען געווען צעוואָרפן און צווישן זיי האָבן אַרויסגעלויכטן קלאָרע שטיקער לייב, ווי שטיקלעך בלוי הימל צווישן גרויע וואָלקנס. זי האָט זיך אין שלאָף איבערגעוואָרפן. די קאָלדרע איז אַראָפּגעפאַלן און ס'האָבן אויפגעבליצט מיט טויזנטער צינגלעך אַ דורכזיכטיק שטיק לייב און אַ בויגיקער וואַרעמער פוס.

באַראַש איז געבליבן שטיין ווי אַ צוגעשמידטער, ניט געקאָנט הויבן קיין האַנט, קיין פוס, געטאָמט שווער, געלאַשטשעט מיט די

אויגן, מיט די ליפּן, מיט די ציטערנדיקע נאָזלעכער, די גלאַטיקע ווייכע באַקעס, און מיט אַן איינגעהאַלטענעם שטומען בריל זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם וויגשטול, וואָס איז געשטאַנען קעגן בעט.

דער רעגן האָט געפּאַטשט אין די שויבן, מיטגעבראַכט דאָס וואָיען פון אַ הימלאָזן הונט, זיך אויסגעמישט מיט דער אויסגעלאַסנקייט פון קלאָרן ווייבערשן לייב.

# ים-קראַנקהייט

דער ים איז געווען רוהיק און דורכזיכטיק.

די שיף, אָפּגעגאָסן מיט זון, האָט זיך געגליטשט אַ זיכערע איבערן וואַסער, איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גרינעם וועג באַזילבערט מיט שוים. אין דער טיפער בלויקייט האָבן זיך געצייכנט פיר קאָלירטע קוימענס. זייערע קנוילן רויך זענען ניט געוואָרן, און דינע שנירלעך, ווי דער רויך פון סיגאַרן, זענען געבליבן הענגען אין בלויען חלל.

אַ דיקער מאַטראָס איז געשטאַנען אויף אַ גאַניקל, געקוקט איבער דער לענג פון דער שיף, וואו דאָס ווייס-געפאַרבטע שטאָל האָט זיך געמישט מיטן פינקלדיקן מעש, מיט די געוואַשענע דילן און ער איז געווען שטאָלץ מיט דער ריזיקער שיף.

פּאַסאַזשירן, יום-טובדיק אָנגעטאָן, זענען געזעסן אין שאָטן און געלייענט, אַנדערע האָבן געשפּילט „גאָלף", זיך אַרומגעטראָגן ווער מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, ווער מיט ים-גלעזער. פאַרפּוצטע דאַמען האָבן זיך געשאַרט הין און צוריק, זיך געטוליעט אין קאָלירטע פעלצן, ניט איינגעזעסן און אין זייערע אומרוהיקע אויגן איז געווען עפּעס פון אַ הונגעריקן.

פון דריטן דעק האָט זיך געטראָגן דאָס שפּילן פון אַ האַרמאָניקע.

פּלערליי לשונות און פנימער — דאָס אומרו, וואָס דער „שמעלץ-טאָפּ" האָט ניט געקענט פאַרדייען — זענען אַרויסגעקראָכן פון דער שיפס געדערים, זיך צעלייגט איבערן זוניקן דעק און זיך געוואַרעמט.

אַ יונגע דאַמע מיט פייערדיקע האָר האָט זיך אַלעמען געוואָרפן אין די אויגן. זי האָט זיך לייכט געטראָגן איבערן דעק און אירע דינע פיס זענען לאַנג געבליבן אין זכרון. יונגע-לייט אין הויזן ביז די קניען, די וואָלענע זאָקן פאַרשנאָלט, האָבן זיך געדרייט אַרום איר

און זי מיטן בויגיקן האַלז איז ניט איינגעשטאַנען, געשוואומען פון איינעם צום צווייטן.

יונג שיף-אָפיצערן, וואָס זענען ניט מיד געוואָרן שעהן לאַנג צו שפּאַצירן איבערן דעק, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַרום די יונגע-לייט, כּלומרשט דערציילט וועגן ים-אומגליקן, וועגן דער בראַווקייט פון מאַטראָסן און זייער געוואָלט געפעלן דער יונגער דאַמע.

און אין דעם שמועס צווישן די אַמעריקאַנער ספּאָרטס און די ענגלישע אָפיצערן איז אָנגעגאַנגען אַ שטיל פאַרמעסטן זיך — איין פּאַרטיע האָט געוואָלט צונעמען די דאַמע ביי דער צווייטער.

און איבער דער שטילער מלחמה האָט זיך געטראָגן איר יונג געלעכטער, זיך געקנוילט מיטן אָפּגלאַנץ פון אירע פייערדיקע האָר און דער עולם אַרום איז ניט איינגעשטאַנען, געפלאַטערט אויפן וויגענדן דעק, ווי פליגעלעך אַרום אַ פייער.

פרויען זענען געווען אָנגעשטויסן אויף דער יונגער דאַמע, ניט געקענט הערן, ווי מען דערמאַנט איר נאָמען און אָפט האָט מען געהערט ווי אַ פרוי צעווערטלט זיך מיט איר מאַן:

— כ'ווייס, אַז אַ זאַ וועט אייך, מענער, געפעלן!

— אַז מיר געפעלט זי ניט! — האָט דער מאַן זיך פאַרענטפערט.

— מיר ווייסן, מיר ווייסן! איר מענער האָט דאָך אַלע די קעפּ אָנגעוואָרן! און אַז זי האָט רויטע האָר, איז וואָס? און דו, מיין מאַן, ביזט בעסער? וואָס דאַרף זי דיך, אַזאַ אָפּגעלעבטן, ווען יונגע-לייט דרייען זיך אַרום איר?

— און איך ווייז דיר...

— ווייז מיר ניט, ווייז מיר ניט, — האָט ס'ווייב אים איבערגעריסן און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום וואַסער.

ס'האָבן זיך גענומען רוקן וואָלקנס. די זון איז פאַרשוואונדן. אַ קאַלטער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן און די שיף האָט זיך גענומען וויגן. דאָס רוהיקע וואַסער האָט זיך צעשפּילט, זיך געהויבן העכער, העכער, געשווינדלט, און די וואָלקנס זענען געוואָרן פינסטערער, שווערער, זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער שיף און די זוניקייט ביי אַלעמען אין די הערצער איז ניט געוואָרן.

דער עולם האָט זיך ביסלעכווייז גענומען רוקן אין די צימערלעך.

די קוימענס האָבן זיך צערעוועט, אַרויסוואַרפנדיק גדיכטע קנוילן רויך. און אין דער לופט האָט זיך געפילט, אַז עס איז ניט קיין שפּאַציר, ס׳איז אַ רייזע איבערן ים.

די דאַמע מיט די פייערדיקע האָר איז בלאַס געוואָרן. די יונגעלייט האָבן זי אויסגעצויגן אויף אַ לענ-שטול, זי איינגעדעקט, געטראָגן פון אַלע זייטן זויערע צוקערלעך, זיך געפּאָרעט אַרום איר. זי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, געוואָלט בלייבן אַליין, דער עולם איז איר געוואָרן דערווידער.

אַלץ אין איר האָט זיך געקנייטשט, איבערגעגאַנגען אין אַן איבל, זי האָט געפילט ווי די נשמה קאָרטשעט זיך, וויל אַרויס דורכן מויל און די מאַנסבילן זענען איר דערווידער געוואָרן.

די שיף האָט זיך גענומען שטאַרקער וויגן, זיך געהויבן אַרויף, אַראָפּ, און דער איבל איז געוואָקסן, געשטאַנען אין האַלז. די אויגן זענען געקראָכן פון קאָפּ, ניט געקענט קוקן אויפן וואַסער. יעדע ווייל האָט זיך איר בויגיקער האַלז אַ צי געטאָן, געוואָרן לענגער און אַרום האָט געפלייצט דער ים, זיך געהויבן איבער איר.

די יונגע לייט זענען איינציקווייז פאַרשוואונדן, און די יונגע דאַמע איז געבליבן אַליין.

זי האָט זיך געדרייט אין דער שטול אַ פאַרחלשטע, געלעגן פאַרלאָזן און אַליין, ניט געקענט פאַרטראָגן דאָס וואַסער, וואָס האָט זיך געהויבן, געוואָרפן די שיף און געוואָלט, זייער געוואָלט דאָס וואַסער זאָל זי אַראָפּשווענקען.

אַ יונגער אָפיצער איז אויסגעוואַקסן, איר דערלאַנגט אַ בראָמאָ קאַפּסעל, אַראָפּגעלאָזט אירע הענט און אַז עס איז שוין קיינער ניט געבליבן אויף דער דעק, איז נאָך אַלץ דער אָפיצער געזעסן מיט דער דאַמע, געגלעט אירע פייערדיקע האָר, און די פינסטערניש, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון ים, האָט זיי ביידן איינגעהילט.

# אַ צופאַל

זי איז געזעסן אין אַ ווינקל פון דער אָטאָמאַנע, באַהאַלטן די פיס אונטער אַ לויז קלייד, וואָס איז געפאַלן פון די אַקסל און זיך געטוליעט אין זיידענע שאַלן. דער בלאָנדער אָפגעשוירענער קאָפּ האָר איז געווען צעשויבערט, און די צעפּאַטלטע קרייזלעך האָבן זיך געצייכנט אויף די טאַפּעטן ווי בלומען און פייגל. אַ שטראַל האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין די האָר, זיי דורכגענומען, האָבן די קרייזלעך גע־שימערט און געבלענדט, ווי זוניקע פליטערלעך.

זי איז ניט איינגעזעסן. זיך געדרייט, הנאה געהאַט, וואָס דער שאָטן אויף דער וואַנט דרייט זיך מיט און די בויגיקע פינגער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון גרויע, ברייט-געפּאַלדעוועטע אַרבל, האָבן זיך געשפּילט מיט בייטשן בורשטינען, געקלימפּערט.

אָן אַ זייט איז געשטאַנען אַ יונגער מאַלער מיט אַ קאָפּ האָר אין די אויגן אַריין, געטונקען דעם פּענזל אין דער פּאַליטרע, אים געפירט מיט אַ ציקל איבערן לייוונט און נאָך יעדן פיר איז ער אָפּ־געשפּרונגען, פאַרמאַכט אַן אויג, אַ קוק געטון אויף דער יונגער דאַמע, אויפן לייוונט. אַלץ אין אים איז געווען באַוועגונג, ווי אין יעדן רויען פיר מיטן פּענזל וואָלט געלעגן דעם מאַלערס טיפסטער אויס־דרוק, זיין אַרט רעדן.

זיי האָבן זיך יעדע ווײַלע אָנגעקוקט און אין זייער שווייגן איז געווען אַ פּאַרדרוס.

זי האָט ניט אויפגעהערט צו קלימפּערן מיט די בורשטינען, זיך געשפּילט מיט איר אייגענעם שאָטן אין באַהעלטעניש.

— דעם קאָפּ לינקס, מאַדאַם בלאָק. נאָך, נאָך, אַזוי. גוט! — האָט דער מאַלער געהאַלטן אין איין קאָמאַנדעווען. — אויב איר זייט מיד, וועלן מיר מאַכן אַ פּויזע".

— נאָך לאַנג וועט עס נעמען?

— אַ צען מינוט.

— גוט. דאָס פּאַזירן איז נודנע און ווען ניט מיין שאַטן אויף דער וואַנט, וואָלט איך איינגעשלאָפן"!

— עס אַמוזירט איך?

— נאָך ווי!

— ווער מען אים פּאַראייביקן!

— אין שוואַרצן?

— מיר, אימפּרעסיאָניסטן, זעען ניט קיין שוואַרצקייט אין דער נאַטור, אַזוי ווי מיר זעען ניט קיין שוואַרצקייט אין אַ צעבראָכענעם שטראַל ליכט. ווען איר, מאַדאַם בלאָק, וואָלט פּאָזירט אין דער פרי, וואָלט דאָס בילד אַנדערש אויסגעזען. און איצט — קוקט אויף אייער קאָפּ, — דאָס זענען דאָך מחנות זון־פליטערלעך, וואָס באַפאַלן אייך אַ זומער נאָכמיטאָג אין פעלד, צי אין וואַלד, אַז איר זשמורעט, פון צופיל ליכטיקייט, די אויגן.

זי האָט געקוקט אויפן אויסגעמאָלטן קאָפּ, ניט געקענט שלום מאַכן, אַז דאָס זענען אירע האָר און זיך אָנגערופן:

— איך האָב אָבער ניט אַזעלכע האָר.

— איצט אפשר ניט, — האָט דער מאָלער געשמייכלט, — „אַ פּאָר מינוט צוריק האָט איר זיי געהאַט! נעמט, למשל, אַ מיאוסע פרוי, — איז דאָ אַ מאָמענט, ווען זי איז שיין, מיט אַן אמתן שיין, און אָט די צופעליקע מאָמענטן כאַפּן מיר אויף, אין זיי ליגט דער אמתער אמת!

— דאָס איז דאָך ניט מער ווי אַ צופאַל? — האָט די יונגע דאַמע נערוועז גענומען וויקלען די בורשטינען אויף דער האַנט.

— איז דען ניט אַלץ אַרום אונז אַ צופאַל? — האָט דער מאָלער געענטפערט, — איך מאָל אייך, גוט! ווען מיר באַקענען זיך ניט צופעליק אויף דער אויסשטעלונג, וואָלט איך ניט געוואוסט, אַז עס איז פאַראַן אַ מאַדאַם בלאָק אויף דער וועלט! דער עיקר איז דער צופאַל! דערפאַר טאַקע איז אין אונזערע בילדער פאַראַן אַזוי פיל לעבן!

ביי די לעצטע ווערטער האָט מאַדאַם בלאָק אַ ציִ געטון די בייטש בורשטינען, אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש און איבער דער אָטאָמאַנע, איבערן דיל, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן בורשטינען מיט אַ קלאַפּעריי, ווי מען וואָלט אויסגעשלאָגן אויף אַ פּייקל.

זי איז אויפגעשפּרונגען אויף דער אָטאָמאַנע, געבליבן שטיין

אַ בויגיקע, געהילט אין זיידענע שאַלן, געבליבן שטיין מיט אַ שולדיק פּנים, ווי זי וואָלט עפּעס צעבראָכן. געקוקט אויפן מאָלער, אויף די צעשאָטענע בורשטינען און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

דער מאָלער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל, געהאָלפן דער יונגער דאַמע אויפקלייבן די בורשטינען און יעדעס מאָל, ווען ביידע האָבן זיך אַ לאָז געטון נאָך דעמזעלבן בורשטין, האָבן זיך זייערע הענט תּמיד אָנגערירט.

אַ ציטער האָט זיך געקייקלט אין דעם ליכטיקן צימער, געמאַכט בויגיקער און שטייפער די גלידער.

די יונגע דאַמע האָט זיך פאַרגעסן, געבליבן זיצן אויפן דיל, די פיס אונטער זיך, גענומען די בורשטינען פון מאָלער און זיי צוריק אויפגעצויגן אויף דער סטרונע.

— איר ווייסט, — איז מאַדאַם בלאָק געווען פאַרטון אין דער אַרבעט, — מען דאַרף וויסן ווי אַרומצוגיין מיט בורשטינען. בורשטינען האָבן ליב וואַרעמקייט, האָבן ליב זיך צו טוליען אין לייב, נעמען איבער דעם לייבס פרישקייט, זיין דורכזיכטיקייט, טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון יחוס.

— טאַקע שיינע בורשטינען! דאָס דערמאָנט אַן אויג פון אַ קאַץ!

— און דאָס פון אַ טיגער!

זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן מאָלער, זיך געוואָלט אויפשטעלן, איז זי זיך אַזוי איינגעזעסן, אַז זי האָט ניט געקענט אַ ריר טון מיט די פיס. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט, זיך אַ הויב געטון מיט אַ געלעכטער, זיך פאַרפּלאָנטערט אין די שאַלן און צוריק געבליבן זיצן.

דער מאָלער האָט זי אָנגענומען, אויפגעשטעלט, געהאַלטן זי אַ ווײַלע אין די אָרעמס, ווי ער וואָלט זיך געישובט וואָס מיט איר צו טון. זי האָט אויף אים אַ קוק געטון פון דער זייט, אַז ער האָט זיך פאַרלוירן, געפילט, אַז ער דאַרף זי אָפּלאָזן און אין דערזעלבער צייט האָט ער זי שטאַרקער אַרומגענומען. און איידער זי האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, האָט ער כמעט מיט פאַרמאַכטע אויגן אויפגעזוכט אירע ליפּן. זי האָט זיך אַ ריס געטון, ניטווילנדיק האָט זי מיטן גאַנצן אימפּעט פאַרפאָרן מיטן בייטש בורשטינען דעם מאָלער אין פּנים אַריין, געהערט ווי די בורשטינען פליען זיך פאַנאַנדער און מיט דער בלויזער סטרונע אין האַנט איז זי אַרויס פון צימער.

דער מאָלער איז געבליבן שטיין אַ צעמישטער. אין אַ רגע זענען בײַ אים אין מוח אַדורך טויזנטער געדאַנקען. ער איז געווען זיכער, אַז באַלד וועט מען אים דורכטרײַבן, אַז אין אַלץ איז זי, די מאַדאַם בלאָק, שולדיק. זי האָט דאָך געוואָלט, ער זאָל זי אויפשטעלן, טאָ צו וואָס איז זי אַנטלאָפן אַ ברוגזע?

ער איז געשטאַנען אַן אומבאַהאָלפענער, פון פאַרדרוס גענומען אויפקלײַבן די בורשטינען.

דאָס פנים האָט בײַ אים געפלאַמט, ווײ געטון, ווי עס וואָלט געווען אַ שניט. ער האָט זיך אײַנגעשפיגלט. פון דעם שמיץ מיט די בורשטינען, איז בײַ אים אויף דער רעכטער באַק געשטאַנען אַ רויטער פּאַס, פאַרלאָפן מיט בלוט, ווי מען וואָלט אים מיט אַ נאַסער רוט אַ שמיץ געטון.

ער האָט צונויפגעקוועטשט די פויסטן, געזוכט אַ תּירוץ ווער עס האָט אים אַזוי צעהאַקט ס׳פּנים, ניט געפונען און אַ דערשלאָגענער גענומען אײַנפּאַקן די פּענזעלס און די פאַרבן. אַז ער האָט שוין געהאַלטן בײַם אַוועקגיין, איז זי אַרײַנגעקומען, ווי קיינמאָל גאָר ניט און זיך אָנגערופן:

— איר וועט דאָך זײַן מאָרגן אין דערזעלבער צײַט?

ער האָט פאַרגעסן אָן דער באַק, וואָס האָט ווײ געטון, און אַ גליקלעכער זיך אָנגערופן:

— געוויס!

זי האָט אים אונטערגעטראָגן אירע ווײַסע בויגיקע פינגער:

— ס׳איז געווען אַ צופאַל, איר וועט אַנטשולדיקן!

— געוויס אַ צופאַל, געוויס!

1923

# ליבע

אין שטוב איז פּאַוול געווען שטיל, קיינער האָט ניט געהערט ווען ער איז געקומען, ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען. האָט די מוטער געמעגט פֿאַרריגלען די טיר, פֿאַרמאַכן די פֿענסטער, אין דער פֿרי, זי טוט אַ קוק, דער יונג ליגט אויפֿן אויסגעריבענעם זאַק מיט היי, אַז ס'איז איר אַזש אומהיימלעך געוואָרן.

און אַז ער איז געקומען אין שטוב, איז ער געזעסן אויף זיין שלאָף־באַנק, וואָס איז געשטאַנען אין קיך צווישן אויוון, שטענדיק געהאַלטן אַ שטעקעלע, עס געשניצט מיט אַ מעסערל, וואו ס'קלינגל אַ דינס, אַן אויסגעריבנס איז געווען בלויזע שאַרף.

מיט זיין שטילקייט איז ער אַלעמען געווען אין וועג. די מאַמע, די שוועסטער, קיינער האָט אים ניט געלאָזט אויף די אויגן, אים געטריבן פֿון הויז, און ער האָט געשוויגן, ווי ניט אים מיינט מען עס, בלויז פֿון מאָל צו מאָל אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ קודלעס, וואָס זענען אַפּערגעקראָכן פֿון הינטערן גלאַנציקן דאַשעק, ווי ער וואָלט אָפּגעטריבן פֿון זיך פֿליגן. אין דער רוהיקייט האָבן די אויגן ביי אים געשרפּעט מיט אַ פֿינסטערער גבורה.

ווי ער פֿלעגט נאָר אַריינקומען אין שטוב, איז אַרום זיינע פֿיס באַלד אויסגעוואַקסן אַ בייגל מיט שניצעכץ, מיט אויסגעברענטע קינדלעך, מיט פּאַפּיראָסן־שטאָפּסלען.

די שוועסטער, אַן עלטערע מויד, האָט געוואַלדעוועט, אַז זי האָט קיין כח ניט צו רוימען, געסטראַשעט אַוועקצוגיין פֿון הויז, זיך אָנצודינגען פֿאַר אַ דינסט. די מאַמע, אַ פֿאַרביטערטע אַלמנה, האָט אויסגעלאָזט איר שווער האַרץ צום יונג:

— שמדלניק, קלויב אויף!

— און די מויד איז קראַנק?

— איר געזונט אויף דיר געזאָגט!

— ווי כ'זע, מאַמע, קענסטו ניט ליידן, ווען ס'איז שטיל אין שטוב!

— וואָס פאַר אַ מאַמע בין איך דיר? גיי, גיי צו דיינע יונגען, די קאָרטנשפּילערס! גיי מיר אַוועק פון די אויגן!

אָנצוהויבן מיט פּאַוולען אַ קריגעריי האָט ס'האַרץ איר ניט געלאָזט. זי האָט געוואוסט, אַז ער פאַרשווייגט, שלינגט אַראָפּ – פירט מען אָבער אים אַרויס פון געדולד, קאָן ער אָפּטאָן מעשים.

שוין ניט איינמאָל האָט ער אַ כאַפּ געטאָן ס'טישטוך, וואו דער מיטאָג איז געווען צעשטעלט און אַלץ צעבראָכן אָן דער פּאָדלאָגע. ער האָט זיך געיאָגט נאָך דער מויד מיטן מעסער און ווען ניט אסתּר, וואָס וואוינט ביי איר אין אַלקער, וואָלט ער די מויד דערשטאָכן. פאַר אסתּרן האָט ער דרך-ארץ. אַז זי שייגעצט אים אויס, שווייגט ער.

איינגאַנצן אַ הויכער, אַ ביינערדיקער, ווי אַ קנאָכיקער שטעקן, שטייט פּאַוול פאַר אסתּרן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, שמייכלט אין דער אויבערשטער ליפּ אַריין, וואו ס'וואַקסלט זיך אַ שוואַרצער פוך און ער פילט זיך שולדיק.

אסתּר רעדט אַזוי ווייך, גאָר אַנדערש ווי זיין מאַמע, ווי זיין שוועסטער. זי האָט אַ פערצן יאָריק מיידל. וויגט זי זיך בשעת אין גיין. צו פערצן יאָר ברענט שוין אונטער חיהלעס פיס די ערד. ס'פּנים ליכטיק, צעפּ רויטע, שווערע, אויגן גרויסע, זוניקע. ליפּן פייכטע, אויס-געהונגערטע, און אַז זי שטעלט זיך קעמען די האָר, פאַרוואַרפט די הענט און צעזינגט זיך, קאָן פּאַוול ניט איינליגן אויפן שלאָף-באַנק.

ער ווייס ניט וואָס צו טאָן מיטן פיין, וואָס וויקלט זיך אין רויטע רינגען אַרום אים, נעמט אָפּ הענט און פיס, פאַרמאַכט ער די אויגן און הערט זיך איין ווי ס'ביינערדיקע לייב קנייטשט זיך פון פרייד.

שבת איז שטיל אין הויז. די מאַמע מיט אסתּרן גייען אין שול אַריין, די מויד ווערט ערגעץ-וואו פאַרפאַלן און ער, פּאַוול, בלייבט אַליין אין שטוב, פאַרנעמט די גאַנצע שלאָף-באַנק און טראַכט:

ער וועט רייך ווערן, זייער רייך, ס'האַרץ זאָגט אים אויף וואָס פאַר אַ קאָרט איינצושטעלן. ער זעצט זיך קיינמאָל ניט אָפּצוגעווינען, קלערט גאָרניט דערפון, און ווי נאָר ער זעצט זיך, צעלייגן זיך די קאָרטן פאַר זיינע אויגן, בעטן זיך ביי אים – שפּיל אויף מיר, שטעל איין אויף מיר. ער שטעלט בלינדערהייט און געווינט.

שוין עטלעכע וואָכן ווי ער גייט ניט מיט דער שיקסע, וועט מער ניט גיין מיט איר. ס'האַרץ זאָגט אים, אַז חיהלע וועט זיין זיינע. ווי זי

איז אויסגעשאָסן פון פסח ביז שבועות. געגומען טראָגן אונטערקליידלעך מיט אַזעלכע ווייסע שפּיצן און זי איז גוט צו אים, זייער גוט, שמייכלט, ווען זי גייט פאַרביי, כאָטש זיי רעדן קיינמאָל ניט.

ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דער שלאָף-באַנק, זיך איינגעהערט.

פון הינטער די שווערע גאַרדינען, וואָס האָבן געהאָנגען איבער אסתּרס אַלקער, האָבן זיך געזען אַ פּאָר דינע פּיס אין ווייסע לעטשלעך.

די שבתדיקע שטילקייט איז געוואָרן טיפער, ליכטיקער. הינטערן האַרץ האָט זיך עפּעס געקליבן, געגאָגט ווי אין אַ תּענית, און דאָס בלוט, ס׳טרפענע בלוט, איז געלאָפן פון די פּיס, פון די הענט, געשלאָגן אין מח אַריין.

ס׳האַרץ האָט אים געזאָגט, ער זאָל איצט איינשטעלן – די קאָרט מוז געווינען.

ער האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן, לייכט צוגעגאַנגען צו די דיקע פאָרהאַנגען, זיי געעפנט.

חיהלע איז געשטאַנען אין שפּיגל, פאָרזיכטיק אַראָפּגענומען ס׳טיכל פון די אויסגעקעמטע האָר, זיי צוגעגלעט מיט די פינגער (שבת טאָר מען ניט קעמען) און עטוואָס אונטערגעהויבן ס׳בלויע קליידל, וואו ווייסע שפּיצלעך האָבן אַפּערגעבליצט. זי האָט דערזען דעם יונג און אַן איבערגעשראָקענע זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים האַרץ:

– פאַוול!

זי האָט מיט פאַוולען כמעט קיינמאָל ניט גערעדט, רחמנות געהאַט אויפן יונג, וואָס זיין מאַמע, זיין שוועסטער יאָגן אים, טרייבן פון שטוב, גיבן אים כמעט ניט צו עסן און ער, אַ ביינערדיקער, אַן אָפּגעברענטער שטייט איצט פאַר איר מיט אַזאַ טרויער אין די אויגן, איז די שרעק אַוועק און זי האָט אים איבערגעפרעגט:

– פאַוול ווילסט עפּעס?

– כ׳וויל, זאָלסט היינט נאָכן עסן קומען הינטער דער שטאָט צום בריקל.

– צו וואָס?

– כ׳דאַרף דיר עפּעס זאָגן.

– און דאָ קענסטו ניט?

– דיין מאַמע קאָן יעדע מינוט אָנקומען...

— איז וואָס ?

פּאַוול האָט זיך אַ צי געטאָן, עטוואָס צעשטעלט די פּיס און איין קליינעם אַלקערל איז מיט אַמאָל ענג געוואָרן. דאָס טריפּענע בלוט האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבער זיינע גלידער מיט אַזאַ פרייד, אַז דער דיל איז געשוואומען פון אונטער די פּיס, און די אויגן האָבן מער ניט געזען, ווי חיהלעס אויסגעשניטענע פּלייצע. ער האָט זיך אַ בויג געטאָן צו די פּלייצעס, געשאַרט מיט די הונגעריקע ליפּן און איר איינגערוימט:

— כ׳האָב דיך ליב... כ׳האָב דיך ליב, חיהלע...

די רויטע צעפּאַטלטע האָר זענען געפאַלן איבערן פאַרפלאַמטן פּנים, די גרויסע אויגן זענען געוואָרן פייכט, און די ליפּן, ווי דורשטיקע לעפלעך פון אַ פלאַנץ האָבן זיך צעעפנט. דאָס יונגע, פרישע לייב האָט געאָטעמט מיט אַ ליכטיקן ווייטאָג.

זי האָט זיך ניט געוועהרט.

# פון דאָס נײַ

מיטן באַגינען איז ער אַראָפּ פון דער אָטאָמאַנע, וואו ער איז אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט אין די קליידער. ער האָט פאַרקנעפּלט דעם גרויען סוועדער, אָנגעטאָן אַ געקעסטלטן קעפּ און איז צום לעצטן מאָל אַרויס אויפן הויף.

די ערד האָט געפּאַרעט אונטער די פיס, זיך געשפּרייט מיטן אָפענעם הויף אַלץ ברייטער און ווייטער. דער קאַלטער פרימאָרגן האָט געבלאָזן מיט פרילינג, טיפער געמאַכט די בלויקייט.

ער איז פאַרביי די גאַרבעריי, וואו, דורך אַן אויסגעהאַקטער שויב, האָט זיך געשוואַרצט אַ ברונעם, ווי אַ פינסטער, אויסגערונען אויג, פאַרביי דעם שפּייכלער, די פערד-שטאַלן.

נאָך היינט וועט ער איבערלאָזן ס'הויז, דעם הויף, די קאַשטן-בוימער, וואָס דער פאָטער האָט געפלאַנצט — וועט אָנהויבן פון דאָס נײַ.

ער האָט דאָך קיינמאָל נישט אָנגעהובן. דער פאָטער האָט ס'גאַנצע לעבן געאַרבעט, געווען פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אין דער גאַרבעריי, דורכגענומען געוואָרן מיטן שווערן ריח פון לעדער, אַז מען האָט ביי אים נישט געקענט שטיין און איבערגעלאָזט דעם זון אַ פאַרמעגן.

דער זון האָט אַלץ געפּטרט, געבליבן ביים מעבל — שווערע, אַלט-פראַנקישע שטיקער מעבל, און ביים נאָמען — שפּער און זון.

זאָרג האָט קיינמאָל נישט געשווערט דעם זונס שמאָלע פּלייצעס. נעכט האָבן זיך געצויגן ליכטיקע, פריילעכע, טעג — קורצע, פאַרשלאָפענע און איבער אַלץ אַ שטילער טרויער, וואָס זיצט אין אים, טרעט מער נישט אָפּ.

פון דער גאַרבעריי האָט אַ בלאָז געטאָן מיט פריש לעדער, מיט *עמבאָווע קאָרע. אַ הייזעריקער רויש פון אַ מאָטאָר האָט גענומען

בויערן די לופט. אַן אייזערנע שטאַבע האָט מיט אַ סקריפּ זיך גענומען דרייען, זיך אַראָפּגעלאָזט מיט צעשפּרייטע האַקעס, ווי מיט פליגל, איבער אַ ברונעם, טיפער, טיפער, געשלעפּט פאַרן רוקן אַן אָנגעשוואָלענע פעל. און פלאַקס, דער בעל-הבית, אין אַפּאָר רויטע שטיוול ביז איבער די פאַכוועס, האָט זיך שוין געדרייט צווישן די אַרבעטער.

פלאַקס איז געווען אויף דער לערע ביים אַלטן שפּער. אַן ערלעכער, אַ פלייסיקער, געאַרבעט יאָרן, זיך אַרויפגעאַרבעט, געוואָרן פאָרמאַן און איצט ווען מען האָט אַרויסגעשטעלט די פאַבריק מיטן הויז אויף ליציטאַציע, האָט דער שטילער, באַשיידענער פלאַקס, וואָס האָט נאָך ביז דעם היינטיקן טאָג נישט געקאָנט קוקן דעם יונגען שפּער גלייך אין די אויגן, אַלץ אָפּגעקויפט.

ער האָט דערזען שפּערן, געהאַלטן פאַר זיין חוב אונטערצוגיין:

— גוט מאָרגען, פאַניע שפּער, וואָס עפּעס אַזוי פרי?

— כ׳קלייב זיך היינט איבער.

— וואָס איז ס׳געאייל, פאַניע שפּער? פאָלגט מיך און בלייבט וואוינען, מיר וועלן וואוינען צוזאַמען, ווער דאַרף אַזוי פיל צימערן?

— היינט, פלאַקס, ווערט איר פון מיר פּטור.

פלאַקס האָט זיך פאַרלוירן, געוואָלט עפּעס זאָגן, אָפּגעהוסט און אַ פרעג געטאָן:

— וואו טוט איר אַהין ס׳מעבל?

— כ׳ווייס נאָך אַליין נישט. הערט, פלאַקס, אפשר וואָלט איר עס אָפּגעקויפט?

פלאַקס, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געפילט שולדיק, אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס, האָט אויפן פלאַץ זיך אַרויסגעכאַפּט, געוואָלט די שולד פאַרגיטיקן:

— וואו וועט איר טאַקע זיך אַרומשלעפּן דערמיט?

— נעמט עס!

— וויפיל?

— צוויי טויזנט רובל.

— נישט צופיל? — זענען זיך ביי פלאַקסן פון איבעראַשונג די אויגן צעגאַנגען און אין האַרצן האָט אים באַנג געטאָן דער גאַנצער עסק.

— אויב איר רעכנט ס׳איז צופיל, נעמט אַראָפּ אַ הונדערטער!

אין שפערס טאָן איז געווען באַליידיקונג.

פלאַקס האָט זיך געכאַפּט, חרטה געהאַט, וואָס ער דינגט זיך, געוואָלט אויסהאַלטן ביזן סוף און די אויגן האָבן באַקומען דעם צופרידענעם שמייכל:

— גוט, פאַניע שפער!

זיי זענען אַריין אין קאַנטאָר. דערזעלבער שווערער טיש, דיזעלבע וויג-שטול, בלויז די קאַסע איז אַ נייע. פלאַקס שווערער גוף האָט אים דערמאָנט אָן פאָטער, ווי קיין זאַך וואָלט זיך נישט געענדערט, אַלץ גייט אָן ווי פריער, ער איז בלויז געקומען נאָך זיין חודש-געלט.

פלאַקס האָט אים אונטערגעטראָגן ס׳געלט:

— ביטע.

איבער פינף און צוואַנציק יאָר איז פלאַקס שוין אין דער גאַרבעריי, איבערגענומען פון אַלטן שפער די האַנטשריפט, ס׳רעדן, איבערגענומען זיין שטייגער אין מסחר, אָפט געטראַכט, אַז דורך אַ טעות האָט ער זיך פאַרביטן מיט די נעמען. ביי אים איז קיין שענערער נאָמען נישט געווען ווי שפער און וואָס האָט דער הולטאַי געטאָן מיטן פאָטערס נאָמען? אַלץ וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, איבער פופציק יאָר שווער און ערלעך לעבן, האָט ער געפּטרט.

מיטאָג-צייט איז פאַרפאָרן אַ דראָזשקע. צווישן וואַליזעס און קופערטס איז געזעסן שפער. פלאַקס איז נישט אַרויס פון קאַנטאָר, נישט געוואָלט זען ווי אַ מענש פאַרלירט זיך.

פלאַקס האָט געקלימפּערט מיט די שליסלען, געפירט זיין ווייב פון איין צימער אין צווייטן. זיי זענען געגאַנגען פּאָרזיכטיק, באַטאַפּט יעדעס שטיקל מעבל, זיך געחדושט, וואָס אין אַזאַ רייכטום, הענגט נאָך אַ זייגער מיט וואָגן, ווען יעדער אָרעמאַן האָט היינט אַ רעגולאַטער.

ס׳ווייב האָט זיך געקרימט:

— האָסט דאָך געקויפט, מיין מאַן, באַצאָלט גוטע געלט, נאָר מיר הויבט עס נישט אָן צו געפעלן!

— פאַרוואָס?

— אַלט-פרענקיש

— אַז ס׳איז גוט געווען פאַרן אַלטן שפער, מיין ווייב, איז עס גוט פאַר מיר!

– אַ משל! קוק, אַ קרעדענס! פאַרנעמט אַ האַלבע שטוב און ווער מאַכט דאָס היינט מעבל פון דעמבאָווע האָלץ?

– אויך אַ פעלער?

– כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, כ'זע דאָ נישט קיין איין גאַנג מעבל, אַלץ שטיקלעך, איינס פּאַסט נישט צום צווייטן, ווי אין אַן אַנטיק-געשעפט.

פלאַקס האָט זיך נישט צוגעהערט צום ווייב, זיך געהאַלטן ביי זיינס:

– גוט געווען פאַר שפּערן איז עס גוט פאַר אים.

ער האָט געקוקט אויף שפּערס אַן איילבילד, וואָס איז געהאָנגען אין אַ שווערער ראַם, געטראַכט אַז מען דאַרף עס אויפהענגען אין קאַנטאָר, דער אַלטער האָט עס פאַרדינט.

זיי זענען אַלענגערע צייט געגאַנגען איבער די צימערן, זיך געפילט פרעמד צווישן די שווערע שטיקער מעבל, צווישן די אַנטיקן, און אַז זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס האָבןביידע לייכטער אָפּגעאָטעמט.

# פאַרשלאָפן

עס איז טונקל געוואָרן.

דער פראָסט, אַ האָריקער, אַ פאַרשייטער האָט געשאַרט דעם טרוקענעם שניי, אים געקייקלט אין טאָל אַריין, ווי אַ ווייסן ראָד. דער פראָסט האָט זיך געיאָגט נאָך אַ פאַרבלאָנדזשעט פּאָרל, וואָס האָט מיט טרערן אין די אויגן געשפּרייזט איבער דעם ניט-אויסגעטראָטענעם שניי.

דער יונגערמאַן, אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט שווערע טריט, האָט זיך געשאַרט אַרום דעם רירעוודיק מיידל מיט דער פולקייט פון אַ העלפאַנט.

דאָס מיידל — אַ קליינס, אַ דינס. די שוואַרצע צעפּאַטלטע האָר, וואָס זענען געקראָכן פון אונטער דעם קאַראַוולענעם היטל, זענען געווען באַזילבערט פון פראָסט, דער פוטערנער זשאַקעט צעקנעפּלט. די קעלט האָט געפּאַלדעוועט ס'קלייד, עס געפּלאָנטערט צווישן די פיס, נישט געלאָזט גיין.

— פאַרקנעפּל דעם זשאַקעט, ראָזע — האָט דער יונגערמאַן זי פאַרשטעלט פונם ווינט.

— אַז ס'איז מיר נישט קאַלט — האָט זי זיך אַ טוליע געטאָן צו אים, אַריינגעשטעקט אַ האַנט אין זיין קעשענע, דערפילט אונטער זיך די זיכערקייט פון אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, און מיט אַ געמאַכטן ברוגז אַ זאָג געטאָן — וואָס זאָגסטו מיר דו?

— ווי דען זאָל איך דיך רופן?

— מער פעלט דיר נישט, דוד, די שטוביקע זאָלן דאָס הערן!

— און אַז זיי וועלן הערן?

— וועט מען דיך מאָרגן אויפזעצן אויף אַ שליטן און אַהיימשיקן!

— און מיט וועמען וועסטו גיין שפּאַצירן?

— מיט אַן אַנדער לערער.

— און קושן זיך?

ס'בלוט האָט זיך צעשפּילט, ראָזע איז געוואָרן אויפגערוימטער, אַרויסגעריסן די האַנט פון דודס קעשענע און גענומען גיין טאַנצנדיק.

צווישן די אָנגעטראָגענע בערג מיט שניי האָט זיך געשאַרט עפּעס גרויעס, זיך געריבן אָן די פּאַריתומטעביימער, געקראָכן איבער די אויסגעגעסענע שטיקער שליטוועגס.

ראָזע האָט זיך געכאַפּט, אַז ס'שוך-בענדל האָט זיך ביי איר געעפנט און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— זייט אַזוי גוט, דוד, און בינדט מיר צו ס'בענדל פון שוך!

— וואָס עפּעס איר?

— דו!

— אַזוי זאָג!

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שניי, גענומען בינדן ס'בענדל, אָנגעריירט דעם וואַרעמען פוס, געמאַכט אַ שלייף, אים צוריק אויפגעבונדן, האָט זיך ראָזע צעלאַכט אויפן קול און אים שטיפעריש אַ שלעפּ געטאָן פאַר אַן אויער:

— וואָס נעמט עס אַזוי לאַנג?

— כ'וועל נישט צובינדן, ביז דו וועסט מיר ענטפערן — — האָט ער מיט דער האַנטפלאַך ווי מיט אַ רייף פעסט אַרומגענומען איר פיס.

— וואָס?

— כ'האָב דיך פריער געפרעגט, ווען דו וועסט קושן?

— דיך, דוד!

— און אַז מען וועט מיך אַוועקשיקן?

— אויך דיך!

ער האָט זי אַ הויב געטאָן, געהאַלטן אין די אָרעמס, און ראָזע, אַ קליינע, אַן איינגעטוליעטע, האָט אַ צי געטאָן ס'קעפּל מיט דער דרייסטקייט פון אַ יונג, פאַרשייט קעצל, זיך געבעטן ביים גרויסן, צעוואַקסענעם דודן, וואָס איז געשטאַנען איבער איר ווי אַן עלפאַנט:

— ביטע, דוד!

— האָסט מיך ליב?

— אַ ביסעלע.

— וועסט קומען צו מיר היינט?

צווישן די געשנירעלטע ליפּן האָט געציטערט אַ דין, שמאָל צינגל, ווי דאָס צינגל, ביי אַ שלאַנג '

— נישט קומען.
— וועסט יאָ קומען!
ראָזעס פאַרזשמורטע אויגן האָבן אַרויסגעפינקלט פון פאַר־צויגענע שפּעלטלעך, ווי די שאַרף פון חלפים, מיט אַזאַ פרייד, אַז דוד, אַ זיכערער, האָט זי אויסגעקושט און אָפּגעלאָזט.
אַלץ אַרום האָט געבריט, מיד געמאַכט, און די פּאַרע אַ געפּרווירענע, איז געשטאַנען פון דר׳ערד ביזן הימל, נישט געלאָזט אָטעמען, געשפּיגלט די פייערלעך פון די ליכטיקע שויבן.
— אין שטוב וועט מען שוין אַ וודאי איבערקלערן — האָט דוד אָפּגעטרייסלט פון די שיך דעם שניי.
— האָסט שוין מורא?
— זאָגסט שוין ווידער דו?
— האָסט דאָך געהייסן!
— נישט אין שטוב, ראָזע.
ראָזע האָט אַן עפן געטאָן די טיר און מיט אַ ווייסן וואָלקן איז זי אַריין אין שטוב.
— גייט, מאַמעשי, אַ פראָסט!...
דער בעל־הבית, אַ שווערער ייד, אַ גוט־באַזיצער, וואָס איז געזעסן ביי אַ געגרייטן טיש און געחשבונט, האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר גרויע אויגן. אַ קוק געטאָן אַ ווײַלע אויף דער טאָכטער, דערנאָך אויפן לערער, געמאַכט אַ מינע, ווי ער קלויבט זיך עפּעס זאָגן און צוריק זיך פאַר־טיפט אין די חשבונות.
— און איבער דער טאָכטער עסן מיר נישט קיין אָוונט־ברויט!
— מיר עסן דאָך קיינמאָל ניט פריער — האָט דער לערער זיך אָנגערופן.
— מאַמעשי, מיר קענען גיין עסן!
— גוט טאָכטער, וואָס דו ערלויבסט!
— און וואו זענען די קינדער? שלאָפן שוין?
די פרייד איז ביסלעכווייז נישט געוואָרן. אַלץ אין שטוב האָט געשווערט. די פּנימער, ערנסטע, אָפּגעאַרבעטע, האָבן דערציילט, אַז ס׳לעבן איז ניט קיין שפּיל. דאָס עסן אין די שיסלען, דאָס הויז, די שטאַלן, די תבואה אין די שייערן — פאַר אַלץ האָט מען באַצאָלט מיט שווייסיקער אַרבעט, זיך איינגעגעסן אין לעבן מיט ציין און נעגל.

מען האָט צעשטעלט אַ טיש, ווי פֿאַר אַ מנין מענטשן, דוד האָט געגעסן אָן אָנגעכמורעטער, אַ פֿרעמדער, געזעסן אין דעם אַרומיקן שווייגן אַ פֿאַרדרוס, וואָס ער, דער לערער, שלעפּט זיך אַרום מיט ראָזן.

— וואָס עסט איר נישט? — האָט דער בעל־הבית אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ צום לערער און גענומען רוקן צו אים איין טעלער נאָכן צווייטן — עסט!

— נאָך אַזאַ שפּאַציר אויף אַזאַ פֿראָסט דאַרף זיין אַפּעטיט — האָט די בעל־הביתטע אַריינגעוואָרפֿן.

אין מיטן „בורא נפֿשות" האָט דער בעל־הבית זיך גענומען אויסטאָן. די ביינער, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג געפֿרוירן אין פֿעלד, אויפֿן הויף, האָט געצויגן צום בעט. איינציקווייז האָט מען געלאָשן די פֿייערן און איינגאַנצן הויז איז געוואָרן נאַכט.

דער פֿראָסט, דאָס שווערע עסן, אַלץ האָט צענומען דאָס יונגע, צעוואַקסענע לייב פֿונם לערער, געקלעפּט די אויגן־דעקלעך.

איין ראָזע איז נישט געשלאָפֿן. זי איז געזעסן אַ האַלב־אויסגעטוענע איבער אַ בוך, זיך איינגעהערט, ווי די שטילקייט דרייט זיך אַרום איבער די צימערן און אין דרויסן פּיפּט דער ווינט.

שפּעט אין אָוונט איז זי אַריין אין שלאָף־צימער צו די עלטערן. זי האָט זיך נישט געגנבעט, געגאַנגען מיט אַ לייכטן טראָט, געוואוסט, אַז אַזוי נאָך וועט זי זיי נישט אויפֿוועקן.

דער פֿאָטער איז געלעגן אויף די פּלייצעס, די האַנט אויפֿן האַרצן. די מוטער — מיט דער פֿערענע איבערן קאָפּ. דאָס צימער איז פֿול געוועזן מיט שנאָרכן.

זי איז אַרויס, פֿאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, פֿאַרלאָשן ס'ליכט ביי זיך אין צימער און זיך גענומען שאַרן צו דודן. ס'בעטגעוואַנט האָט געלויכטן אין דער פֿינסטער. ראָזע האָט אים אַ טאָרקל געטאָן:

— דוד!

ער האָט נישט געענטפֿערט. אַ באַליידיקטע, וואָס ער שלאָפֿט, האָט זי אים אַ טרייסל געטאָן.

— — שלאָפֿסט, דוד?

ער האָט זיך איבערגעוואָרפֿן ווי אַ בער און ווייטער געשלאָפֿן.

דער פֿאַרדרוס איז ביי איר געוואַקסן. זי האָט אַ צי געטאָן זיין קאָפּ מיט האָר צו זיך, אים איינגערוימט:

— איך קום און דו שלאָפסט!

מיט דער גאַנצער משא פון זיין גוף האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן, גענומען וואָרטשען:

— וואָס... וואָס... לאָזט שלאָפן... לאָזט!...

— ווער איז דאָרט? — האָט זיך געהערט דער מוטערס קול פון שלאָף־צימער.

אַ פּאַרציטערטע האָט ראָזע זיך אַ שאַר געטאָן צו דער אָפענער טיר, געוואַרט אָן אָטעם, און אַז ס'איז שטיל געוואָרן, איז זי אַריין צו זיך.

# באַרימט

אין אַ זייטיקן פאַרפוצטן צימער פון דער ראָטאָנדאָ האָבן פראַנצויזישע שרייבער מיט זייערע דאַמען זיך געהאַלטן אין צוזאַמענקומען. אויפגענומען די געסט האָבן צוויי דאַמען און אַ יונגער דיכטער.

דער עולם, אַ נייגעריקער, האָט געוואַרט אויפן גאַסט, דעם יידישן שרייבער גראַן. כמעט קיינער האָט אים נישט געהאַט געלייענט, און די וואָס האָבן געוואוסט זיין נאָמען איז מער פון די רעצענזיעס, ווי פון די עטלעכע ערציילונגען, וואָס זענען איבערזעצט געוואָרן אין פראַנצויזיש. אַלע אָבער האָבן געערדט וועגן אים ווי פון אַ גרויסן קינסטלער, באַוואונדערט די קוואַדראַטנע יידישע אותיות און איינער אַ מיסטיקער, וואָס האָט געדענקט דעם כאַלדעאישן שפּרוך, וואָס די געהיימע האַנט האָט אָנגעשריבן ביי בלשצרן אויף דער וואַנט, איז אַריין אין התפעלות, געטענהט, אַז אמתע קונסט קען נאָר געשאַפן ווערן אין דער שפּראַך פון געהיימע צייכנס.

די באַגייסטערונג פאַרן יידישן שרייבער איז געוואַקסן מיט דער שטימונג פאַר דעם כתב, און אַז דער גאַסט איז ערשינען האָט דאָס צימער געהילכט פון אַפּלאָדיסמענטן.

איין קינסטלער נאָכן צווייטן האָט פאָרגעשטעלט גראַנען זיין דאַמע און די שפּילעוודיקע פראַנצויזקעס זענען געווען גליקלעך, געגודערט איבער ליטעראַטור און גענומען זיך שטיל איבערוואַרפן מיט ווערטער, אַז דער גאַסט האָט געהערט:

— ער זעט טאַקע אויס ווי אַ קינסטלער!

— אַן אָריגינעל פּנים!

— אין פּראָפיל וואָלט איך געשוואוירן, ס'איז דאַנטע

— ער איז מער ענלעך אויף פּאָון.

— ער איז דאָך אַן אַמעריקאַנער!

— איך האָב קרובים אין אַמעריקע!

אויפן טיש האָט זיך באַוויזן אַן אילוסטרירט יידיש ביכל פאַר קינדער. דער מיסטיקער האָט אָנגעשטעלט זיינע דורכדרינגענדע אויגן, פאַרזיכטיק געבלעטערט און עס איבערגעגעבן פון איין האַנט אין דער אַנדערער.

אין מיטן עסן איז אַריינגעקומען אַן עלטערער מאַן מיט אַ גרויליך בערדל, ס'פּנים ווי ביי אַ קליין שטעטלדיקן רבֿ. ער איז אונטערגעגאַנגען צו גראַנען, גערעדט אויף עטלעכע שפּראַכן און געוואונטשן זייער גליקלעך, וואָס ער האָט דעם כּבוד צו באַגריסן אַזאַ גרויסן יידישן שרייבער צווישן גוים.

גראַן האָט געקוקט אויף דעם מאַטן רבנישן פּנים, זיך דערמאָנט אַן דעם ייד וואהל, וואָס פלעגט זינגען זמירות ביי היינען, און דער גאַנצער באַנקעט האָט ביי אים אויסגעזען לעכערלעך. ער אַ יידישער שרייבער דאַרף אַרויסטרעטן פאַר פראַנצויזן און רעדן אַזוי, אַז די יידישע ליטעראַטור זאָל זיך נישט דאַרפן שעמען, ס'זאָל אויסקומען ווי אַ גלייכער רעדט צו אַ גלייכן.

דער עולם האָט געגעסן און גערעדט, און גראַן האָט אויפגעכאַפּט, אַז די אַלע קינסטלער מיט זייערע דאַמען זענען פאַרליבט אין פּוילן, רעדן וועגן אים, גראַנען, ווי וועגן אַ פּאָליאַק און דאָס וואָס ער איז אַ ייד און שרייבט יידיש, איז נישט מער ווי אַ זשעסט פון עפּעס אַ מאָדערנער ריכטונג.

— אָ — האָט אַ דאַמע פאַרצויגן ס'שנעבעלע — כ'האָב אַזוי ליב פּוילן!

— זיי זענען דאָך אונזערע נאָענטסטע שכנים!

— האַלבע פראַנצויזן!

— די איינציקע, וואָס פאַרשפּרייטן די פראַנצויזישע קולטור צווישן די סלאַוון!

— אַ וואונדערבאַר פאָלק!

די האַרציקע פאָר ווערטער, וואָס גראַן האָט זיך געגרייט צו זאָגן זענען ביי אים שטיין געבליבן אין גרגרת, און ער האָט זיך נישט געכאַפּט, וואָס דאָ קומט פאָר.

אַ יונגער פראַנצויז מיט אַ בערדל ווי פון שוואַרצן זייד האָט זיך אויפגעשטעלט און דער עולם האָט אויפגעהערט רעדן.

דער פראַנצויז האָט גערעדט איבער גראַנס איבערזעצטע

ערציילונגען און אים באַגריסט אַלס הייסן פּוילישן פּאַטריאָט, און אַזוי האָט גערעדט איינער נאָכן צווייטן.

גראַנען האָט עס געוואָרפן, נישט געוואוסט וואו ער געפינט זיך און די פּאָר וואַרעמע ווערטער, וואָס ער האָט זיך געקליבן זאָגן זענען ביי אים פאַרגליווערט געוואָרן.

ער האָט באַמערקט, ווי דער ייד מיטן רבנישן פּנים האָט זיך געכמורעט, פון אויפרעגונג עפּעס געזונגען אונטער דער נאָז, געמאַכט גרימאַסן, ווי ער וואָלט געשלונגען ביטערע פּילן.

גראַנען איז לייכטער געוואָרן, זיך נישט געפילט מער אַליין און דער טרויער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון דעם רבנישן פּנים, האָט אים באַרויקט.

דער ייד האָט דערזען דאָס ביסל פּאַר קינדער, עס געעפנט, אָנגעזאָפּט די פּענסנע אויף דער נאָז, גענומען לייענען און דאָס פאַר־כמורעטע פּנים האָט זיך אָנגעהויבן לייטערן. דער פּאַרדרוס, וואָס האָט זיך געקליבן צווישן דער גרויער באָרד, איז נישט געוואָרן און אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך גערוקט פון די ווינקל־ליפּן און זיך צעלייגט איבערן פּנים.

דער פראַנצויז האָט אים געגעבן ס׳וואָרט.

אַ צופרידענער, אַ זיכערער, די יידישע אויגן אַזוי קלוג — האָט ער זיך אויפגעשטעלט, עטלעכע מאָל אַ גלעט געטאָן דאָס גרויע בערדל און אָנגעהויבן רעדן אי יידיש, אי פראַנצויזיש:

„כ׳בין שטאָלץ צו באַגריסן אַ יידישן שרייבער אויף דער פראַנ־צויזישער ערד. מאָנסיע גראַן איז נישט קיין פּאָליאַק, ווי מען האָט אים דאָ נאָר וואָס פּאָרגעשטעלט, ער ציט זיין יניקה פון אברהמען, יצחקן און יעקבן. דער ניצוץ, וואָס האָט זיך פאַרקערפּערט אין די נביאים, אין די יידישע פילאָסאָפן, באַלויכטן מיט זיין אָפּגלאַנץ אַזיע, אַפריקע, איראָפּע, אַרויסגעשטראַלט דאָ אין פּרצן, דאָרט אין שלום־עליכמען — האָט זיך אויך באַוויזן אין אַמעריקע. מיר זיצן מיטן חשובען גאַסט צוזאַמען און מיר, פראַנצויזישע יידן, זענען שטאָלץ מיט אים״.

דער רעדנער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, איבערזעצט זיין יידישע דרשה אויף פראַנצויזיש און אַ כאַפּ געטאָן דאָס יידישע ביכל פּאַר קינדער און אָנגעהויבן מיט פּאַטאָס:

„דעם עטישן פּאָדים, וואָס משה האָט אונז איבערגעגעבן און דער יידישער געניוס האָט אים אָפּגעהיט דורך אַזוי פיל דורות, האָט

מאָנסיע גראַן ווייטער געשפּינען אין זיינע פּרעכטיקע באַלאַדן פאַר יידישע קינדער..."

גראַן איז רויט געוואָרן, נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, אַ טראַכט געטאָן, צי דער באַנקעט איז נישט פאַר אַ צווייטן, אַבאַלאַדן שרייבער. ער האָט דאָך קיינמאָל קיין לידער נישט געשריבן. ער האָט זיך איינגעגעסן אין דעם רעדנער מיטן רבנישן פּנים, באַמערקט, אַז ער איז בגילופין און זיך פאַנאַנדערגעשמייכלט.

# אין אַ פֿראַכט־צוג

פֿאַרנאַכט האָט זיך דער פֿראַכט-צוג אָפּגעשטעלט. טשאַרלי, אַן אָפּגעברענטער, אַ בייניקער, מיט אַ לאַנגן אויסגעבויגענעם האַלז, ווי ביי אַן אַלטן גאָנער, האָט צעעפֿנט די זעק מיט פּיטער. יאָרן שוין האָט ער געפֿירט וואַגאָנען מיט הינער פֿון דער סאַוט נאָך ניו־יאָרק. די עופֿות האָבן דערפֿילט, אַז ס'איז די צייט פֿון עסן, דורכגעשטעקט צווישן די ברעטלעך פֿון די הילצערנע שטייגן זייערע לאַנגע העלזער, זייערע קעפּלעך, געשריען, צעשפּרייט די פֿליגל און אין וואַגאָן, וואו דריי טויזנט פּאָר פֿליגל האָבן געקלאַפּט, איז געוואָרן אַזאַ ווינט, אַז דאָס עסן וואָס מען האָט זיי געשיט מיט אַ שופֿלע, איז צעפֿלויגן. דער וואַגאָן, די שטייגן, אַלץ האָט זיך פֿאַרלוירן אין שטויב, ווי מחנות גענז וואָלטן אָנגעקומען איבער אַ זאַמדיקן וועג.

אַ קאָנדוקטאָר האָט אויפֿגעמאַכט די טיר און איז אַריין אין וואַגאָן:

— מיר וועלן דאָ שטיין אַ קנאַפּע שעה. אויב דו ווילסט, קום אַריבער וועלן מיר צוזאַמען עסן אָוונט-ברויט.

טשאַרלי האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט אַ קוק געטון אויף דער וואַנט, וואו ער האָט פֿאַרשריבן מיט קרייד די צאָל הינער, וואָס זענען יעדן טאָג געפֿאַלן. ביי אַ גוטן פּיטערער האָבן דורכשניטלעך מער ווי צען עופֿות אַ טאָג נישט געטאָרט פֿאַלן. ער האָט איבערגעציילט זעקס פּאַסעקלעך, אַ צופֿרידענער אַרויפֿגעצויגן די „אָוועראָלס" און געטראַכט, אַז צוויי עופֿות קען מען זיי געבן. ער האָט אויסגעזוכט צוויי הינער מיט בלאַסע קעמלעך, געווען זיכער, אַז זיי וועלן ביי נאַכט סיי־ווי־סיי אויסציִען די לאַפּקעס, אויפֿגעקליבן אין די שטייגן איבער צוויי טוץ נאָך וואַרעמע אייער און עס געגעבן דעם קאָנדוקטאָר:

— געַנוג? —

— גענוג, גענוג — האָט דער קאָנדוקטאָר אַריינגעלייגט די אייער אין היטל — מיר האָבן נאָך פֿלייש פֿון דער פֿרי אויך!

טשאַרלי האָט אַראָפּגעשלעפּט די „אָוועראָלס", אָפּגעוואַשן די הענט, זיך איינגעשמירט דעם קאָפּ מיט אַ שמעקעדיקע פּאָמאַדע, און זיינע שוואַרצע האָר האָבן געגלאַנצט ווי דער קאָפּ ביי אַ מאַרזש, ווען ער שטעקט אים אַרויס פון וואַסער אַנטקעגן דער זון. אַז טשאַרלי איז אַריינגעקומען אין וואַגאָן, וואָס נאָכן לאָקאָמאָטיוו, האָט זיך שוין געהערט דער ריח פון געבראָטענע הינער. אַלע וואָס זענען געפאָרן מיטן פראַכטצוג, וועלכער איז באַשטאַנען פון איבער הונדערט וואַגאָנען, זענען דאָ געווען פאַרזאַמלט. צוויי מאַשיניסטן, צוויי קאָנדוקטאָרן, אַ הייצער — אַ נעגער אויף וועמען די סאַזשע איז גאָרנישט געווען קענטיק, אַ דאַר מענטשל — אַ געוועזענער דזשאַקי, וואָס האָט געפירט אַ וואַגאָן פערד, אַ קורצער געשטופּעלטער חזירים-טרייבער, וואָס איז געפאָרן מיטן ווייב אַ נאָך קורצערע, מיט אַ מאַנסבילש פּנים, און ווען נישט דער פאָרנט, וואָס איז ביי איר געווען אַזוי צעוואַקסן, אַז מען האָט געקענט אויף אים גרייטן צום טיש, וואָלט מען זי געקענט אָננעמען פאַר אַן איבערגעטועגעם מאַן.

די מענער זענען געזעסן אַרום אַ פיר־עקיקן טיש, געטרונקען צו גלעזלעך בראָנפן, פאַרביסן מיט ווייסן קעז, מיט האַרטע אייער און אונגעדולדיק געוואַרט אויף די געבראָטענע הינער. זיי האָבן כמעט ווי געשוויגן, געזעסן מיט פאַרשלאָפענע אויגן, געקוקט אויפן חזירים-טרייבערס ווייב, וואָס איז געשטאַנען איבערן פייער און פויל זיך באַוואויגן.

— ס'איז שוין באַלד גאָר נישט געבליבן, טשאַרלי — האָט אַ מאַשיניסט אים אָנגעגאָסן אין אַ גלאָז בראָנפן — נאַ, נעץ איין ס'פּייפל!

טשאַרלי האָט אויסגעטרונקען, זיך אָפּגעגאָסן מיט טרערן, פאַרביסן מיט אַן איי און גאָרנישט געענטפערט.

די מענער האָבן זיך געדרייט אַרום דעם חזירים-טרייבערס ווייב, ווי אַרום אַ שיינקייט, איר געהאַלטן אין איין מאַכן קאָמפּלימענטן, זי באַדינט און ס'האָט אויסגעזען, אַז ביי מענטשן, וואָס זענען שוין וואָכן געווען פון דער היים, זיך געשלעפּט אונטערוועגנס, איז קיין שענערע ווי דעם חזירים-טרייבערס ווייב נישט געווען.

זי האָט צעשפּרייט איבערן טיש אַ צייטונג, צעשטעלט טעלערס און פאַרבייגייענדיק זיך צוגעבויגן צו טשאַרליס קאָפּ:

– אָ, שמעקט – און צוגעטראָגן ס׳פליש צום טיש — כ׳זאָג שטענדיק, אַז טשאַרלי איז אַ ספּאָרט!

דער עולם האָט נישט געענטפערט, זיך גענומען רוקן מיט די בענקלעך אַרום טיש, כלומרשט זיך געריסן צום פליש, און ווער עס איז געווען פלינקער האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ אַרום דעם חזירים-טרייבערס ווייב. איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט זענען די הינער נישט געוואָרן.

דער חזירים-טרייבער האָט זיך געגרויסט פאַר די איבריקע מיטן ווייב, זי געגלעט, געהאַלטן אין איין טרינקען, און אַז די אויגן זענען ביי אים געוואָרן פאַרלאָפן מיט בלוט, האָט ער אָנגעשפּאַרט די הענט אָן טיש, דעם קאָפּ אָן די הענט און זיך געלאָזט הערן. דער נעגער מיט אַ קאָנדוקטאָר האָבן אים אויפגעשטעלט און גענומען פירן אין וואַגאָן אַריין צו די חזירים. ער האָט געזידלט, געשאָלטן, גערופן ס׳ווייב. די איבריקע זענען געוואָרן אָנגעצויגן, יעדער האָט געגעבן אָנצוהערן דעם צווייטן, אַז באַלד הויבט דער צוג אָן צו גיין, אַז דאָ אין וואַגאָן איז שוין נישטאָ וואָס צו טון, אַז, אַז – ביז אַלע זענען געבליבן אין וואַגאָן.

ביים ערשטן סיגנאַל האָט דעם חזירים-טרייבערס ווייב אָנגעכאַפּט טשאַרלין פאַר אַ האַנט:

– קום! ווילסט דען דאָ בלייבן?

– נאָ!

– טאָ קום, גיכער!

זי איז כמעט מיט אים געלאָפן, געפרייכט און זיך געבעטן:

– זעץ מיך אַריין אין וואַגאָן!

– אָל־רייט!

– קום אויך אַריין. וואָס וועסט׳ן איינער אַליין טון ביי די הינער? ט׳איז אומעטיק, מיין מאַן שלאָפט.

ער איז מיט איר אַריין. פון מאַנס געלעגער האָט זיך געטראָגן אַ כריוקן און ס׳איז שווער געווען צו זאָגן פון וואַנען ס׳קומט, צו פון אים, צו פון די חזירים, טשאַרלי האָט זיך געדרייט איבערן וואַגאָן, נישט געוואוסט וואָס ער האָט צו טון, זיך יעדע ווייל אומגעקוקט, ווי פון מאַנס געלעגער וואָלטן אים אַ פּאָר אויגן נאָכגעקוקט.

דער צוג האָט זיך אַ טרייסל געטון, גענומען זיך פּאַמעלעך רוקן. טשאַרלי איז אַרויסגעשפּרונגען.

– וואו גייסטו?

— כ׳מוז אַריינגיין צו די הינער

— בלייב דאָ!

— כ׳קען נישט!

— בלייב, זאָג איך דיר!

— שלאָפן לאָזט זי נישט! לאָז שלאָפן. דו — — — האָט דער מאַן זיך איבערגעוואָרפן — מיט וועמען רעדסטו?

— מיט קיינעם!

— האָסט נאָר וואָס גערעדט מיט עמעצן!

— האָב איך!

ס׳איז געוואָרן שטיל. טשאַרלי איז געשטאַנען אין דער טיר, געקוקט אויף די באַוואַקסענע פעלדער, געקוקט ווי די זון זעצט זיך און ס׳איז אים געוואָרן אומעטיק. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף די זעק מיט פיטער, פאַרמאַכט די אויגן, געוואָלט איינשלאָפן, זענען אים, ווי אויף צו להכעיס, נאַרישקייטן געקראָכן אין קאָפּ אַריין. אים האָט עפּעס באַנג געטון. ער האָט לאַנג געקוקט פאַר זיך, געזען ווי די וואַנט פון וואַגאָן רוקט זיך פונאַנדער, געזען ווי דער חזירים-טרייבער שלאָפט מיט דעם ווייב און קעגנאיבער האָט זיך אַ האָן צעקרייעט, צום ערשט הויך, דערנאָך העכער זיך פאַרגאַנגען, האָט טשאַרלי מער נישט געקענט איינליגן. ער האט זיך איבערגעצויגן, זיך צוריק אַריינגעשטעלט אין דער צעעפנטער טיר און זיך איינגעהערט. ס׳איז געווען שטיל. ס׳האָט זיך בלויז געהערט דער אָפּקלאַנג פון די רעדער אָן די רעלסן און אַרום, ווי ווייט ס׳אויג האָט געקאָנט כאַפּן, האָבן גאָלד-פליגעלעך זיך געצונדן און געלאָשן.

פון חזירים-וואַגאָן האָט דער דאַרער, קליינער דזשאַקי אַרויס-געשטעקט דעם קאָפּ, זיך אַרומגעקוקט, צי מען זעט נישט, זיך אַרויפ-געכאַפּט אויפן וואַגאָן און ווי אַמאַלפּע גענומען שפּרינגען איבער די דעכער.

טשאַרלי האָט אָפּגעזיפצט, פון פאַרדרוס אויסגעשפּיגן, צוגעהאַקט די טיר און צוריק פאַרקראָכן אויף די זעק.

# די קלָלה

די וואורקער רבֿיצין האָט נישט געוואָלט בלייבן ימים-נוראים אין סאָלעץ צווישן גוים, וואו מען האָט געהיילט אירע פּאַראַליזירטע פיס. ערב ראש-השנה איז זי אָנגעקומען אין הויף אַריין מיט אַ סוויטע ווייבער. דאָס אַלטע האַרץ האָט בײַ דער רבֿיצין שנעלער געקלאַפּט. זי האָט געקוקט אין אַלע זייטן, געווען זיכער, אַז דער רבי וועט אַרויס-קומען, וועט אַרויסקוקן דורך אַ פענסטער. די פענסטער ווי תמיד זענען געווען פאַרמאַכט, פאַרהאָנגען מיט ווייסע ראָלעטן. פון די שטובֿיקע איז איין דושקע, אַ ווייטע קרובֿה, וואָס איז געוואַקסן בײַ איר אין שטובֿ, איר געלאָפן אַנטקעגן. די קראַנקע רבֿיצין האָט געקוקט אויף דושקען, געהאַט פאַרדרוס, וואָס דאָס קליינע מיידל, וועלכע דער רבי פלעגט גלעטן איבערן קעפל, איבער די באַקן, איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן פאַר דער קורצער צייט אַ בתולה.

— וואָס לויפסטו אַזוי? וואָס איז די שמחה מיט דיר? — האָט די רבֿיצין זיך כלומרשט פון געוואוינהייט געבֿייזערט: — פרייסט דיך, וואָס איך בין געלעמט?

— מו-מעשי!

די רבֿיצין האָט זי אַרומגעכאַפּט, זיך מיט דושקען צעקושט און חרטה געהאַט, וואָס זי פרעגט זיך בײַ איר:

— וואָס מאַכט דער פעטער?

— ער איז ברוך-השם געזונט!

די חסידים, וואָס זענען געווען אויפן הויף, האָבן אַרײַנגעזעצט די רבֿיצין אין אַ וועגעלע מיט גומענע רעדער און זי געטראָגן מיט פּאַראַד אין שטובֿ אַרײַן.

דער רבֿיצינס אויסגעגעבענע טאָכטער, אַ נישט דערבאַקענע, האָט זיך אַזוי דערפרייט מיטן וועגעלע, וואָס פאָרט אַליין, אַז זי האָט פאַרגעסן אין די מוטער און ווי אַ קינד גענומען הייבן פון גרויס פרייד דאָס קלייד אַרויף און אַראָפּ:

אַ װעגעלע! אַ װעגעלע!

— שרהלע, פרעגסט זיך גאָרנישט, װאָס די מאַמע מאַכט!

— האָט די רביצין אָנגענומען זי פאַר דער גאָמבע, װי מען נעמט אָן אַ קינד.

שרהלע האָט געעפנט אַ מויל מיט װײַסע ציין, אַז ס׳האָט אַזש אַ בלענד געטאָן, נאָריש געשמייכלט און זיך אַװעקגעדרייט.

די רביצין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, נאָכגעקוקט דער טאָכטער, װאָס האָט זיך אַזוי געהאַט צעװאַקסן, אַז די קליידער האָבן שיער נישט געפּלאַצט אויף איר און אָפּגעזיפּצט:

— אַזאַ אומגליק!

זי האָט זיך אויסגעגלייכט אויפן װעגעלע און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— װאָס שטייסטו? האָסט פאַרגעסן, אַז פּונקט צװעלף בענטשט מען היינט ליכט? ס׳איז דאָך ערב ראש-השנה!

— דער טיש, מו-מעשי, איז שוין געגרייט.

די רביצין האָט נישט געענטפערט, זיך צעװיגט מיט די הענט און איז אַרייַנגעפאָרן מיטן װעגעלע אין אַ צװייטן צימער.

די צימערן, גרויסע, טונקעלע, מיט פאַרהאָנגענע פענסטער, זענען געװען אָנגעשטעלט מיט אַלטפרענקיש מעבל, װאָס איז געבליבן פון רבינס עלטער-זיידן, דעם ערשטן װאורקער.

די קינדער האָבן זיך נישט געהאַלטן ביי די װאורקער, און אַז אַ קינד איז יאָ געבליבן, איז עס געװען אַ נישט דערבאַקנס. אין הויף האָבן זיך אַרומגעדרייט משוגעים. אַלע רוחיקע מרה-שחורהניקעס, װאָס האָבן קיינעם נישט געטשעפּעט. יעדער האָט געהאַט זיין משוגעת, געזעסן אין אַ באַזונדער צימער, אַרייַנגעאָטעמט, אַרייַנגעמוחט זיינע גרימאַסן און העװיות אין די װענט, אין די שװערע שטיקער מעבל, ביז די טויטע זאַכן האָבן אָנגעהויבן שרעקן, אָנגעיאָגט אַ מרה-שחורה.

אין דעם צימער, װאו די רביצין איז אַרייַנגעפאָרן, איז געזעסן איר שװאָגער, אַ זקן אין די אַכציקער. זיין זיידן צעדריװעלט כאַלאַט איז געװען פעסט פאַרצויגן מיט אַ קרייקע, די פאַרװאַקסענע אויגן געװענדט צו דער פאָדלאָגע און די אויסגעטרוקנטע ליפּן האָבן געמורמלט: — ער איז אַן „עתיק-יומין״, אַן „עתיק-יומין״, און ער איז אויך אַ „בחור ואיש מלחמה״ — — —

דער זקן איז געזעסן אין דעם פאַרלאָזטן חדר, וואו שפינוועבס האָט זיך געשפרייט פון איין ווינקל צום צווייטן, געמורמלט מיט די ליפּן און צווישן די קנייטשן אויף זיין פאַרמעטנעם פּנים האָט זיך געקליבן ערד.

אַז די רביצין איז אָנגעקומען קיין וואורקע, איז ער שוין געזעסן אין דעם חדר און געפירט אויפן קול חשבונות מיט דער וועלט. יעדן פרייטאָג האָט ער אויפגעזוכט די שוועגערין און זיך געבעטן:

— רביצין, גיב מיר וועש אויף שבת.

זי האָט געקוקט, ווי ער האָט זיך געטוליעט אין כאַלאַטל, פעסטער פאַרצויגן די קרייקע, ווי ער וואָלט זיך געקליבן באַלד עפּעס אָפּצוטאָן, און אין צימער האָט זיך געהערט:

— עתיק-יומין — — — עתיק-יומין — — —

— וואָס מאַכט איר, — ר' מאירל? — האָט די רביצין עטלעכע מאָל איבערגעחזרט — האָט מען אייך יעדן פרייטאָג געגעבן וועש?

ער האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן, ווייטער געציפּט די קרייקע און אין דעם פאַרלאָזטן חדר האָט זיך קוים געהערט:

— עתיק-יומין — — — עתיק-יומין — — —

דער רביצין איז קאַלט געוואָרן. זי האָט געקוקט אויפן פאַרגליווערטן זקן, וואָס גוססט שוין אַזוי יאָרן, און איר גאַנץ לעבן דאָ אין הויף האָט פאַר איר אויפגעשיינט אין דער רגע. די נעכט האָט זי פאַרבראַכט אין געוויין, גענומען חדשים ביז זי האָט זיך צוגעוווינט צום שוואָגער, זיך געשראָקן, דער משוגענער זאָל צו איר נישט אַריינקריכן דורך דער וואַנט. די קינדער האָבן זיך ביי איר נישט געהאַלטן, און אַז שרהלע איז געבוירן געוואָרן אַ נישט דערבאַקענע און זי, די רביצין, האָט אָנגעהויבן צו קרענקען, איז דער רבי קאַלט געוואָרן צו איר. אַ שווערע מרה-שחורה האָט זיך פאַרקליבן אין הויף, האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט, אָפּגעטעמפּט יעדן פאַרלאַנג, האָט די רביצין מיטן מיידעלע, אויסגעמיטן מענטשן, דערפילט די קלה אין זיך און אַ קרענקלעכע הנאה געהאַט, וואָס די קלה פאַרשפרייט זיך און הענגט איבערן הויף. פונקט דעמאָלט איז זייערס אַ קרוב געשטאָרבן, איבערגעלאָזט אַ מיידעלע, און דער רבי האָט זי געבראַכט אין הויז אַריין. די רביצין האָט פיינט געקריגן דושקען, נישט געקאָנט זען, ווי דער רבי שפּילט זיך מיט איר, געליטן ווען דאָס מיידעלע האָט מיט איר געלעכטער פאַרטריבן די מרה-שחורה

פון די פּאַרלאָזטע צימערן. די שנאה צו דושקען איז געוואַקסן ביי דער רביצין מיט די יאָרן, איר נישט געקאָנט מוחל זיין, פאַר וואָס זי האָט זיך אַריינגעריסן מיט איר געלעכטער אין איר פאַרשאָלטן לעבן. און וואָס מער זי האָט געליטן, אַלץ שטאַרקער האָט זיך איר געוואָלט לעבן. אַוועקגעבלאָזן מיט אַ הויך די שווערע פאַרגאַנגענהייט און באַשלאָסן מער נישט צו שווייגן, נאָך היינט, ערב ראש-השנה, וועט זי פאָדערן פון רבין אַ ברכה.

זי האָט זיך אויסגעווישט די אויגן און איז אַריינגעפאָרן אויפן וועגעלע אין עס-צימער.

דאָ האָט זי זיך אויסגעגלייכט, באַקומען אַן אַנדער קול, גערופן די דינסטן, זיי געשיקט אַהער, אַהין, נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס דושקע שטייט נישט אַיין אויף אַן אָרט, איז צו פריילעך און זיך געבייזערט אויף איר:

– וואָס צעשטעלסטו נישט די לייכטער?

דער רבי אין ווייסע זיידענע קליידער איז אַריינגעקומען אַן אויסגעצוואָגענער, זיך נישט באַגריסט מיטן ווייב און געזאָגט אין דער וועלט אַריין:

– צייט ליכט בענטשן!

– שלמהלע, איידער כ׳גיי ליכט בענטשן – האָט די רביצין זיך ביי אים געבעטן – וויל איך פון דיר אַ ברכה. פועל ביי גאָט, כ׳זאָל געזונט ווערן!

– כ׳קען נישט פועלן – האָט דער רבי אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען.

– דער גאַנצער וועלט העלפסטו – האָט די רביצין זיך צעוויינט.

– אַז כ׳קאָן נישט פועלן – האָט זיך דער רבי אין אַ פאַרלעגנהייט געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט.

– ביי גאָט וועסטו שוין פועלן – האָט די רביצין אַ געשריי געטאָן: – פועל פריער ביי דיר, כ׳זאָל געזונט ווערן!

– צייט ליכט בענטשן! — האָט דער רבי געטעהנט זיינס.

– כ׳וועל נישט בענטשן! — האָט די רביצין אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש.

– ווילסט נישט בענטשן? – האָבן ביים רבין זיך געטרייסלט די הענט – גוט, גוט! דושקע, גיי צו און בענטש!

עס איז געוואָרן אומהיימלעך שטיל. די רביצין האָט געקוקט אויף דושקען, ווי זי איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן ווי אַ פאַר-שעמטע כלה, זיך דערמאַנט, אַז דער רבי איז שוין יאָרן אַ פּרוש, איז איר עפּעס קלאָר געוואָרן, און דער קראַנקער קערפּער האָט זיך געקאָרטשעט פון ווייטאָג.

— פּאַר וואָס קומט מיר אַזאַ שפיכת-דמים — — —

— דושקע! — האָט דער רבי איבערגעהאַקט דער רביצין די רייד: — מען רעדט דאָך צו דיר, דושקע, גיי און בענטש לעכט!

— אַרויס פון מיין שטוב! — האָט די רביצין מיט די פויסטן זיך אַ צי געטאָן צו דושקען.

איידער דושקע האָט צייט געהאַט זיך אַ דריי צו טאָן, האָט די רביצין געכאַפּט פון טיש אַ לייכטער און אַ שליידער געטאָן איר אין קאָפּ אַריין: — רבונו-של-עולם, בלייבן זאָלסטו אַ יונגע אַלמנה!

די נישט דערבאַקענע שרהלע, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן ביים פענסטער און זיך געשפּילט מיט איר ליאַלקע, איז פון דעם טומל אויפגעשפּרונגען, געזען, אַז די מוטער כליפּעט, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַן אויסגעצויגענעם געוויין, ווי אַ וואָיען, אַז ביי יעדן איז דורך אַ דרעשטש דורכן לייב.

# קאָנסיליום.

ווען די שלשים פון דער רביצינס פטירה זענען פאַרביי, האָט דער רבי, ר׳ מאירל, געלאָזט רופן זיינע אויסגעגעבענע קינדער, ער האָט זיי געלאָזט שטיין אַ לענגערע צייט ביי דער טיר, ווי אין חדר וואָלט קיינער נישט געווען, און זיך גע׳מחט איבער אַ ספר. די קינדער האָבן געוואוסט, צו וואָס דער פאָטער רופט זיי, און כאָטש זיי האָבן תמיד מסכים געווען צו יעדער תנועה זיינער, האָבן זיי פונדעסטוועגן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, דאָס מאָל זיך קעגנצושטעלן. זיי האָבן אַראָפּגע-בראַכט דעם עלטער-פעטער, דעם סאָכאַטשאָווער רבי, און מיט זיין הילף האָבן זיי געגלויבט אויסצופירן ביים פאָטער.

דער רבי האָט פאַרמאַכט דאָס ספר, אויפגעהויבן די אויגן, ווי אַ קורצזיכטיקער, דערזען די קינדער און זיך אַ בייזער געטאָן.

— וואָס שוין ווידער?

— האָסט דאָך נאָך אונז געשיקט? — האָט די עלטסטע טאָכטער זיך אָנגערופן.

— גערעכט, גערעכט — האָט דער רבי זיך אַ וויש געטאָן איבערן שטערן, ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט, זיך געקוקט אין דער באָרד אַריין און גערעדט אָפּגעהאַקט — כ׳האָב אייך געוואָלט — — — יאָ, איר זאָלט וויסן, אַז כ׳גיי חתונה האָבן מיט דבורהלען!

די שווערע שטיקער מעבל, די ברייטע אַלמערס מיט ספרים, האָבן נישט דורכגעלאָזט די ווערטער, זיי נישט איינגעזאַפּט, האָבן די ווערטער אַ לענגערע צייט זיך געטראָגן אין דער שטילקייט פון חדר. די קינדער, וואָס האָבן זיך נישט געהאַט צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז זייער מוטער איז טויט, האָבן בשום אופן נישט געקענט משיג זיין די שייכות פון דער יונגער קרובה, דבורהלע, וואָס האָט זיך ביי זיי אין שטוב אויסגעהאָדעוועט, מיט זייער מוטער, די רביצין. די מאַנסבילן האָבן געשוויגן, גובר געווען דעם פאַרדרוס. די טעכטער אָבער, האָבן

נישט געקענט שווייגן, נישט געקענט דערלאָזן, אַז דבורהלע, מיט וועלכער זיי איז נישט אָנגעשטאַנען צו חברן זיך, זאָל מיט אַמאָל ווערן רביצין און פאַרנעמען די שטול, אויף וועלכער זייער מוטער איז געזעסן צענדליקער יאָרן.

די עלטסטע טאָכטער האָט פעסטער צוגעצויגן דעם שוואַרצן זיידענעם שאַל, וואָס האָט פאַרדעקט איר קאָפּ און געשטעלט עטלעכע טריט צום פאָטער:

— מיר וועלן עס נישט איבערטראָגן!

— וואָס? — האָט דער רבי געפרעגט.

— ס'איז אַ פּחיתות הכבוד פאַר אונזער מאַמע! — האָט אַ צווייטע טאָכטער זיך אָנגערופן.

— דער טאַטעשי מיינט דאָך נישט, — איז די עלטסטע טאָכטער נענטער צוגעגאַנגען — אַז זי זאָל ווערן רביצין?

— וואָס רעדט איר אַלע אינאיינעם? — האָט דער רבי אויפגעהויבן זיינע לאַנגע ברעמען — וואָס זי? ווער זי?

— מיר מיינען דבורהלען! — האָט די עלטסטע טאָכטער אויסגעשריען.

— מיר וועלן נישט דערלאָזן! — האָט זיך אַ ייִנגערע אַריינגעמישט.

— ווער פרעגט ביי אייך? — האָט דער רבי צענומען די הענט — ווען נישט דבורהלע, וואָלט איך אייך אינגאַנצן נישט גערופן! כ'בין דאָס מחויב אָפּצוגעבן דין וחשבון? זיך פרעגן אַן עצה ביי מ י י נ ע טעכטער? דבורהלע וויל נישט קיין מחלוקת, אַ כשר קינד, האָב איך איר צוליב געטאָן און אייך געלאָזט וויסן. אָבער עצות? — האָט ער אַ הויב געטאָן די ברעמען אויף דער עלטסטער טאָכטער און זי צוגערופן מיט אַ פינגער — קום נאָר אַהער, שרהלע! דאָס הייסט כבוד-אב? אַזוי האָט דיך געלערנט די מאַמע, זכרונה לברכה? פאַר וואָס שווייגן דיינע ברידער? זיי ווייסן, אַז דער טאַטע טוט, איז עס מן השמים!

די צוויי זין האָבן זיך אַרויסגערוקט, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן עפּעס זאָגן, זיך איבערגעקוקט און געבליבן אַנטשוויגן.

— ס'קען נישט זיין מן השמים! — האָט זיך די ייִנגערע טאָכטער אָנגערופן.

— שווייג, חצופה! — האָט דער רבי אַ פּאַטש געטון אין שולחן אַריין.

די זין האָבן זיך פאַרלוירן, געוואָלט עפּעס זאָגן, און מיט אַ קלאַפּ אין דער טיר אַרויס פון חדר.

— פייגעלע איז גערעכט — האָט די עלטסטע זיך אַ שטעל געטון דעם פעטער אין פּנים אַריין — אַז איך האָב דבורהלען געצוואָגן, אויס־געהאָדעוועט, זאָל אַזאַ גאָרנישט ווערן די בעל־הביתטע אין הויף, פאַרנעמען אונזער מאַמעס שטול? געהערט? — האָט זי זיך געווענדט צו די פיר ווענט — דבורהלע האָט דאָס געשיקט נאָך אונז, וויל נישט קיין מחלוקת... מיינט מסתמא, אַז איך וועל איר אָפּגעבן מזל־טוב! נישט דערלעבן וועט זי עס!

— גייט אַרויס! — איז דער רבי אויפגעשפרונגען — אַרויס פון מיינע אויגן.

— מיר וועלן נישט גיין! — האָט די ייִנגערע זיך צעשריען.

בשעת די טעכטער האָבן זיך געקאָכט און געשריען, איז דער עלטער־פעטער, ר׳ מענדעלע סאָכאַטשאָווער, אַ גרייז, שטיל אַריין אין חדר, געמאַכט מיט די טרייסלענדע הענט, ווי ער וואָלט אַלעמען איינגעשטילט, און קוים באַוואויגן מיט די ליפּן:

— שאַ, שאַ, שאַ־אָ!

— גוט, גוט, — איז שרהלע צוגעלאָפן צום סאָכאַטשאָווער רבי — לאָז דער פעטער זאָגן, ווער ס׳איז גערעכט!

— גייט, קינדער, גייט, — האָט דער פעטער זיי געוויזן אויף דער טיר און זי פאַרמאַכט נאָך זיי.

ר׳ מאירל איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען, געגעבן שלום און אים אַוועקגעזעצט אויף זיין שטול:

— זיצט, פעטער!

— די טעכטער זענען דיך באַפאַלן. די בנות־צלפחד, מילא, פּטור... אַז דיין באָבע, מירעלע, צו לענגערע יאָר אונז, איז צוגעשטאַנען צום זיידן, זכרונו לברכה, און אים נישט געלאָזט לערנען, האָט ער נישט געשריען ווי דו, אַראָפּגענומען פון קאָפּ דאָס שטריימל, עס אַנטקעגנ־געטראָגן דער באָבן, זי זאָל אַריינרעדן אַ פולן ספּאָדעק, און אַז זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ער איבערגעדרייט דאָס שטריימל, אויסגעשאָקלט און זיך ווייטער געזעצט לערנען, מילא, פּטור...

— אַז ס׳איז אויס כּבוד־אב — האָט ר׳ מאירל אָנגעהויבן.

— אַז זיי זענען אָבער פאָרט גערעכט — האָט ר׳ מענדל אים

איבערגעריסן זיי טענהן, די קינדער זיין איך, אַז דבורהלע איז אַן „אילונית". קען קיין קינדער נישט האָבן.

– אַ בלבול, פעטער – האָט ר' מאירל זיך געטרייסלט – זיי ווילן זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּשטעלן, אַבי קאַליע צומאַכן דעם שידוך!

– דאָס וועלן מיר זען – האָט ר' מענדעלע אים באַרוהיקט – נאָר אויב זי איז טאַקע אַן „אילונית", טאָרסטו מיט איר נישט חתונה האָבן.

– זיי האָבן סמנים? – האָט ר' מאירלס קול געציטערט.

– כ'מיין, פון וואַנען ווייסן זיי? ס'איז אַ שקר! כ'וועל נישט דערלאָזן אויסטראַכטן אַ בלבול אויף אַ כשר קינד; דערצו נאָך אַ יתומה!

– וואַרט – האָט ר' מענדעלע זיך צוגעבויגן צו אים – שרהלע זאָגט, אַז זי האָט קיין שדים נישט, קלענערע ווי ביי אַ מאַנסביל, און קיין סימן פון א„פטומת".

– איז וואָס? – האָט ר' מאירל צעשפרייט פינף פינגער פון זיין לינקער האַנט, און דאָס שטרענגע פנים איז געוואָרן ליכטיק – דאָס הייסט נישט קיין „אילונית".

– ר' חייא זאָגט, ס'איז איינער פון די סימנים – האָט ר' מענדעלע געענטפערט מיטן טראָפּ אויפן לעצטן וואָרט – איבריגנס, הער זיך איין – מען דאַרף זי בודק זיין!

– וואָס מיינסטו?

– פשוט, שיק אַריבער נאָכן דאָקטער, און אויב דו פאַרלאָזט זיך אויף מיר, איז מהיכא תיתא, און אויב נישט, הייס אַריבערקומען דעם רב, ס'איז אַ שאלה, אַ האַרבע שאלה!

ר' מאירל האָט געטראַכט אַ ווײַלע, געקנייטשט דאָס שיטערע בערדל, געשמייכלט אין זיך, און זיך אָנגערופן:

– גוט, פעטער, גוט!

אין אַ שעה אַרום האָט אַ גבאיטע געפירט דבורהלען אין צימער אַריין, וואו דער שטאָט-דאָקטער און דער סאָכאַטשאָווער רבי האָבן געדאַרפט האַלטן דעם קאָנסיליום. דבורהלע, נאָך אַ קינד, איז געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, און די ווייסע, לייכטע קליידער האָבן זי איינגעהילט אין אַ צנועהקייט, וואָס מען זעט נאָר ביי רביימשע טעכטער.

שרהלע איז איר אַנטקעגן געקומען. דבורהלע האָט זיך אויסגעגלייכט, פאַרעקשנט געקוקט אויף איר, ווי זי וואָלט זיך גערייצט:

– אָבער ווער וועט זיין די רביצין?

– איך!

דבורהלע וועט זיין די רביצן!

# אינהאַלט

## אַרום די חורבות


| | זייט |
|---|---|
| די מלאַווער עדה | 7 |
| איבערגעבליבן | 11 |
| פּאַטריאָטיזם | 15 |
| דער בעל־תשובה | 18 |
| אַ קרבן | 22 |
| מיזוכט אַן אַמעריקאַנער | 27 |
| „שפּיל" צי „נאַקעט" | 31 |
| אַ פּאָר שטיוול | 35 |
| דער משפּט | 39 |
| אַ באַנקעט | 45 |
| עובר בטל | 49 |
| אַ דעזערטירער | 53 |
| פּיס | 57 |
| זשידאָווקאַ | 61 |
| אַ נייער ישוב | 75 |


## שמעלץ־טאָפּ


| | |
|---|---|
| טויט | 81 |
| אַ ניגון | 87 |
| אַן „איטאַליענער" | 92 |
| אויף דער עלטער | 96 |
| אַ קעבס־ווייב | 102 |
| יידישקייט | 106 |
| אַ „איזראַעליט" | 110 |

| | |
|---|---|
| | זייט |
| אַ שאלה | 114 |
| שרעק | 119 |
| אין אַ הויז | 123 |
| יוגנט | 127 |
| שנײ | 132 |
| אַ גאַנז | 136 |
| שמעלץ־טאָפּ | 140 |
| מיידלעך | 144 |
| ביינאַכט אין סאַלון | 149 |
| דינען גאָט I | 155 |
| דינען גאָט II | 159 |
| אַן אַנאַנאַס | 163 |
| נקמה | 167 |
| אין אַן אַנטיקן געשעפט | 171 |
| אויפן אייז | 176 |
| אַ יונג | 180 |
| נאַקעט | 184 |
| ים־קראַנקהייט | 188 |
| אַ צופאַל | 191 |
| ליבע | 195 |
| פון דאָס נייע | 199 |
| פאַרשלאָפן | 203 |
| באַרימט | 208 |
| אין אַ פראַכט־צוג | 212 |
| די קללה | 216 |
| קאָנסיליום | 221 |